STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00316

GEKLIBENE LIDER

Joseph Rolnick

Permanent preservation of this book was made possible by
Charles & Natalie Plotkin
in memory of
Abraham & Ida (Footnick) Steinberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף ראָלניק

געקליבענע לידער

איקוף פארלאג

JOSEPH ROLNICK

GEKLIBENE LIDER

Copyright, 1948, by
YKUF, 189 Second Avenue
New York 3, N. Y.

209

PRINTED IN U.S.A.

געווידמעט פייגלען

אַרום מײַל

ש נ י י

דער טייך שטעלט זיך

אין יענעם טאָג איז אין דער פרי
די זון ניט אויפגעגאַנגען.
דער הימל, ווי אַ ברודנער טייך,
איז ביי דער ערד געהאָנגען.

נאָך מיטאָג האָט אַ ווינט געבראַכט
דעם ערשטן שניי צוטראָגן.
אָן דאַך פון מיל האָט זיך ביז טויט
אַ פייגעלע צעשלאָגן.

און שוואַרץ איז מיט אַמאָל דער טייך
און שוימענדיק געוואָרן.
געפאַלן זיינען שנייעלעך
און זיך אין טייך פאַרלאָרן.

ביינאַכט געגאַנגען איז „סאַראָזש",
צעשטעלט אין מיל די רעדער,
ווי היישריק דיק זיך אָנגעזעצט
אויף יעדן שטאַנג און „פעדער".

אויף מאָרגן האָט אַ דעק פון אייז
דעם מוטנעם טייך באַצויגן.
געוועז איז יעדעס האַרץ פאַרקלעמט
און יעדער קאָפּ געבויגן.

דער ערשטער שניי

ס'איז דער שניי דער ערשטער
הייַנט אַרויסגעפֿאַלן;
אָפּגעקאַלכט די שטיבער,
אָפּגעווייסט די שטאַלן.

טיפֿע פֿערד־טריט צייכנס, —
נעכטן דאָ געפֿאָרן —
טרעטן אַרויס שאַרפֿער,
האַרט און אייַנגעפֿראָרן.

שווער דעם טייַך צו קייקלען
די געדיכטע כוואַליע
נאָך איין קאַלטע כוואַליע
און ער וועט זיך שטעלן.

אין אַ פֿייער־טויער
איז די זון פֿאַרשוואונדן;
שוואַרצע וואָלקנס־זיילן
סטאַרטשען פֿון די גרונדן.

„זאַווייע“

ווי אַ זייער שפּרייט „זאַווייע“,
ווייסע קערנער אויף זייַן וועג,
ציט ער אויס אַ האַנט, אַ לאַנגע,
פֿון ברעג פֿאַשע ביז צום ברעג —

וואַקסן בייַטן און זאַהאָנעס
מיט זייַן יעדן הינטער־שריט;
אָט געגאַנגען — באַלד פֿאַרשאָטן
זייַנע אייג'נע קאַלטע טריט.

וואַקסן בייטן, נאָר „זאַווייע“
וועט ניט ווערן קיינמאָל רייך, —
גאָר זיין שפּע וועט אַוועקגיין
מיט דעם ברייטן ווּעסנע־טייך.

פלעקן

ווייס איז די ערד און געפרוירן,
עס ציט זיך דער וועג ווי אַ שנור;
אַן איינציקער פלעק אויף דער ווייסקייט:
פאַר וויאָרסטן ווייט פויזעט אַ פור.

בלאָ איז די לופט און דער הימל;
אַן איינציקער פלעק אויף דעם בלאָ:
פון שניי האָט זיך פלוצלונג דערהויבן
אין לופטן אַ גראָ־שוואַרצע קראָ.

שטיל דער פאַרפראָרענער וואַסער,
און שטיל איז אויף באַרג און אין טאָל;
פון נאָענטן דערפל דערהערט זיך:
אַ מאַן שילט דאָס ווייב אויפן קול.

„עך, מאַראָז!“

גויים פירן האָלץ אין שטעטל,
רופן הילכיק: „עך, מאַראָז!“
גייט דער פראָסט אין נייע שטיוול,
מיט אַן אָפּגעפרוירענער נאָז.

הערט ער ווי די גויים רופן,
גייט ער צו, לייגט צו אַ האַנט;
צעסקריפּען זיך די נייע שטיוול
איבער גאָר דאָס לאַנד.

און עס גליטשן זיך די שליטנס
אויף דעם גלאַטן וועג, ווי גלאָז,
און די גויים דאַנקען הילכיק:
„סלאַווא באָגו! עד, מאַראָז!"

אַ צלםביים וועג

שפּרייטן זיך שנייאיקע פעלדער,
שפּרייטן זיך ווייט אָן אַ ברעג.
שטייט אין אַ פראָסטיקן מאַנטל
אַ צלם ביים זייט פון דעם וועג.

פאָרט זיך אַ גוי פונעם שטעטל,
וויגט זיך זיין שיכורער קאָפּ.
פאָרט ער; דערזעט ער דעם צלם,
נעמט ער דעם היטל אַראָפּ.

לויפט מיט אַ פּאַטשט אַ טשינאָווניק;
צלמט זיך, איין מאָל און צוויי.
שנייאיקע פעלדער. — דער הימל,
גרינגלעכן שיין גיסט אויף זיי.

אַ ווייטער דערפל

אַ ווייטער, פאַרוואָרפענער דערפל,
בלויז הימלען און וועלדער און שניי,
פאַרשאָטענע הייזלעך — עס לעבן
פאַרגעסענע מענטשן אין זיי.

און זעלטן אַהין ברענגט אָן אורח
פאַרלוירענע בשורות פון שטאָט.
עס בייטן זיך שנייען אויף שנייען, —
בלויז וועלדער און הימלען און גאָט.

דאָך דאָרטן אויך צייטיקן הערצער,
אויך דאָרט שטייט די יונגוואַרג אין בלום.
האַלב־קינדישע אָרעמס זיך פלעכטן
האַלב־קינדישע נאַקנס אַרום.

עס גייט אַ שניי

עס גייט אַ שניי. מלאכים שטייען
אויף הויכע, גרויע וואָלקנס־דעכער,
מיט ברייטע רידלען אין די הענט,
און שפּרייטן גביריש גאָטס מתנות
אויף מאַרק און גאַסן, דעכער, ווענט.

און ס׳פאַלן שנייעלעך, ווי בלומען.
אויף קעפּ פון לאַכנדיקע מיידלעך,
און אויף די פולע בעקלעך פאַלן.
ביז דאָס לאַכן אין דער ווייטקייט
פון די גאַסן ווערט פאַרפאַלן.

און יינגלעך מיט צעפראָר׳נע פינגער,
זיי מאַכן קוילן פון די בלומען
און צילן ערגעץ אין אַ וועט . . .
און טרעפן אין אַן אַלטן יידן,
וואָס גייט אַהיים פון שולכל שפּעט.

צווישן דאָרף און שטאָט

אויף די ברייטע וועגן

צווישן דאָרף און שטאָט, אין אַן אַלטער שטיבל,
האָט מיין מאַמע מיך, איר לעצטן קינד, געבאָרן;
אויף די ברייטע וועגן וואָגלען מיינע בליקן,
אויף די ברייטע וועגן האָב איך זיך פאַרלאָרן.

אויף די ברייטע וועגן בלאָנקע איך און צווייפל,
צווישן רויש און רו — און קען זיך ניט אַנטשיידן.
דאָרט — דער זינגער־טאָג, און דאָ — דער טרוימער־אָוונט,
שטיי איך אויפן וועג, געצויגן פון זייביידן.

צווישן דאָרף און שטאָט, אויף אַלט־באַקאַנטע וועגן,
האָבן מיך חלומות אומגעפירט די נאַכט.
נאָך האָב איך די הויכע טאָפּאָליעס און געלע
פעלד־בלומען געזען ווען איך האָב דערוואַכט.

צווישן דאָרף און שטאָט, צווישן גראָז און אַספאַלט
טאַנצצט אַרום מיין האַרץ, מיטביידן זיי פאַרנומען.
צווישן דאָרף און שטאָט, אויפן ברייטן שליאַך־וועג,
ביי אַ גרויען פעלד־שטיין, וועט מיין נאַכט אָנקומען.

דער גרינער זומער

„דער גרינער זומער איז געקומען.
לאָמיר גיין אין וואַלד שפּאַצירן;
איבער ווייכע בלעטער־סטעזשקעס
וועל איך מיין געליבטע פירן.

ווי די חיותלעך, די קליינע,
וועלן מיר אַ הויז דאָרט בויען;
עסן פּאַזעמקעס און ניסלעך,
וואַשן זיך מיט פרישע טויען.

גרינער מאָך וועט אונדזער בעט זיין,
בלויע נעבלען אונדז׳רע דעקן;
בעסער איידער מור און צרי
וועלן אַלטע סאָסנעס שמעקן.

וועסט די צעפּ, די דיקע, שווערע
אויף דיין ווייסן האַלדז צעלאָזן;
ווי דורך זיידן־ווייכע גראָזן
וועט אַ לינדער ווינטל בלאָזן.

זעסטו ניט די בליצן לייכטן?
הערסטו ניט די דונערס ברומען?
לאָמיר שטאָט און קראָמען לאָזן —
דען דער זומער איז געקומען.״

האָט אַזוי אַ יינגל שלמהס
שיר השירים אויסגעזונגען.
פון אַ פענצטער האָט דער ניגון
איבערן גאַסל זיך צעקלונגען.

פון דעם הימל איז אַ שטערן
אין דער ווייטקייט וואו געפאַלן,
האָט אַן טייך זיך אָפּגעשלאָגן
און צעשאָטן זיך אין שטראַלן.

דער עקאָנאָם

אויפן הינטער־הויף — דער עקאָנאָם,
מיט אויגן אויפגעפלאַמט און גרויס,
און ציטערדיקע קני, שטייט אָנגעבויגן
צו אַ מעלקערינס צעשפּרייטן שויס.

ער אָטעמט אָפּגעהאַקט, און גיט
אַ קניפּ דעם מיידל אין אַ ווייכן אָרט.
און זאָגט אַ צווייטער, גאָר ניט באַך זיין ווירדע,
אַן אומגעלומפּערטן, פאַרשייטן וואָרט.

און צו דער ווייטער בלויער סקירדע
גיט זיך זיין האַרץ אַ בויג, אַ ריס...
די שיקסעס לאַכן זיצנדיקע
ביי דר'ערד, מיט ברייט־צעשפּרייטע פיס.

אַ מאַרק

אַ פרישערווינטל בלאָזט פון טייך.
דער גראָז איז נאָס געוואָרן.
אין מזרח שפּאַלט אַ פלאַם אַ וועג, —
עס ווערט אַ טאָג געבאָרן.

אַ האָן האָט דריי מאָל אויסגעקרייט;
ס'נעמט שוימען זיך דאָס וואַסער;
דער טייך ווערט ליכטיקער אַלץ מער, —
דער הימל ווערט אַלץ בלאַסער.

אַ הונט בילט אויף אַ ווייטער גאַס,
אַ צווייטער האַלט אים אונטער...
צום ברונעם גייט נאָך וואַסער ווער, —
די לאַנגע קייט קלינגט מונטער.

* * *

ווער טרובעט דאָס אין אַ טרומייט?
וואָס הערט מען גלעקלעך קלינגען?
דער פּאַסטוך קלייבט די סטאַדע אויף,
די יונגע קעלבער שפּרינגען,

די ציגן שאָקלען מיט די קעפּ,
די בהמות וואַזשנע טרעטן.
דעם פּאַסטוכס האָרן שאַלט און שאַלט, —
וועקט קינדער פון די בעטן.

די קינדער שפּרינגען פריילעך אויף
און פּאַטשן אין די הענטלעך;
און דורך אַ לאָדן־שפּאַלט אַ שטראַל
באַלייכט די קאַמער־ווענטלעך.

* * *

די זון שטייגט העכער, העכער אויף,
איר וועג ווערט ריינער, פרייער;
אַ האַלבע שטאָט אין שאָטן ליגט,
אַ האַלבע שטאָט אין פייער.

עס סקריפּעט וואו אַ פּאָרטקעלע.
וואָס איז אַזוי באַגינען?
אַ הענדלער איילט זיך היינט צום מאַרק, —
ער לויפט צום ערשטן מנין.

אַ גערטנער פירט אַ וואָגן גרינס,
און האַלט זיך אָן אָן וואָגן;
זיין ברעם איז פייכט, זיין שוואַרצע באָרד —
פון מאָרגן־טוי געצוואָגן.

דאָס פערדל טרעט. עס ווערט זיין טראָט
אין פייכטן זאַמד פאַרשוויגן;
דאָס וועגל גייט זַזהער, אַהין,
און האַלט זיך אין איין וויגן.

* * *

אַ קרעמל עפנט זיך אין גאַס,
עס בריאַזגען די זאַוואַלעס.
אַ בעקער טראָגט אין מאַרק אַריין
אַ זאַק מיט הייסע חלות.

דער אַלטער קרעטשמער איז אויך אויף,
ער עפנט ברייט דעם טויער.
פון ערשטן קונד דער שפּייז־קרעמער
האָט שוין געלייזט אַ צווייער.

און ווייבער, ניט פאַרקאַמטע באַך,
ווי אָונט־שאָטנס וואַנדלען
מיט קוישלעך אין די דאַרע הענט, —
זיי גייען קויפן, האַנדלען.

זיי גייען מיט דעם קליינעם בריק
צום גאַשצינעץ אַריבער;
און, פון געוויינטשאַפט, גייענדיק,
שילטן זיי זיך איבער.

* * *

אַ קלאָרער טאָג. אין זונען־שיין
די קלויסטער־צלמים גלאַנצן;
און זונען־פלעקן אויף די ווענט,
די ווייס־געפאַרבטע, טאַנצן.

עס קלאַפּן רעדער, הירזשען פערד,
עס קומען וועגן, וועגן;
דער פויער פירט אין שטאָט אַריין
זיין אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן.

זיי פירן קעלבער, הינער, גענדז
און תבואה צו פאַרקויפן;
די שטאָט־לייט וואַרטן שוין אויף זיי
ביי טירן און ביי הויפן.

* * *

ביי יעדן טויער שטייט אַ וואָג,
ביי יעדער וואָג — דריי קונים;
דער ערשטער שלעפּט דעם פערד ביים צוים,
אויף פוקעניש די שכנים.

דער צווייטער עפנט אויף דעם זאַק
און פּרוּווט אַ ווייץ צעקייען;
דער דריטער לויפט צום שטאָט־נגיד
אַ גמילות־חסד לייען.

די ווייבער האַנדלען אויך ניט שלעכט, —
זיי קויפן — וואָלוול, טייער;
געקויפט האָט ווער אַ הון אויף שמאַלץ
און ווער — אַ הון אויף אייער.

* * *

פון דאַוונען גייט אַן אַלטער ייד,
אין האַנט אַ שווערער שטעקן;
פון בוזעם סטאַרטשען אים אַרויס
אַ רויטער טיכלס עקן.

ער טראָגט זיין טלית־זאַק, און טרעט
פּאַוואָליע, מיט בטחון.
אַ מאַרק אַזאַ — קיין בייזע אויג! —
שוין ניט געווען זינט וואָכן.

און חדר־קינדער לויפן דורך,
פאַרקאַמט און איינגעוואַשן;
זיי האַלטן ברויט און קעז, און אויך
אַ גרעשל צום פאַרנאַשן.

* * *

און לאַנג האָט זיך דער וואָגנס־שנור
און אַן אַ שיעור געצויגן.
דער הימל הענגט אי ברייט, אי ווייט:
עס בלענדט די זון די אויגן.

אַ פּויער פירט אַ פּרעסטע קו
ביים וואָגן אויף אַ שטריקל.
אַ מעקלער קומט און שטעלט אים אָפּ:
וואָס ווילסטו פאַרן „שטיקל"?

ער טאַפּט די ראָזע אייטער אויס,
און פרעגט אים: „וויפיל יאָרן?"
„צייל איבער" — ענטפערט אָפּ דער גוי —
„די קאַרבן אויפן האָרן."

* * *

עס הירזשען פערד. דער סאָטסקע שילט;
די זונטיק־גלעקער קלינגען;
און אויף דעם קלויסטערס ברייטע טרעפּ
קלעבאַנער בעטלער זינגען.

ניט איין באַוויבטער ייד האָט היינט
ביים דאַוונען צוגעאיילט זיך,
און ניט איין יידיש עופהלע
האָט פון פרי אָן צעביילט זיך.

די הייזער לער, די שולן פּוסט,
די גאַס האָט די הכנסה;
דער גאַנצער מאַרק — איין שענק; עס שמעקט
מיט בראַנפן און פרנסה.

עס טראָגט זיך אין דער לופטן אום
פון קולות אַ געווימל.
און אַלץ איז ברכהדיק און גוט
אונטערן בלויען הימל.

* * *

מיין וויטע שטעטל־היים, ווי וואָלט
איך איצט צו דיר געפלויגן;
ווי לעבעדיק און גאָלדיק־העל
דו שטייסט פאַר מיינע אויגן.

אין רויש פון דער באַלעבטער גאַס
דיין שטימע הער איך דרינגען;
דעם שיכורס ווינענדיקע ליד,
דעם קלויסטערס פרומען קלינגען.

ווי גרינג וואָלט איך, מיין היים, פאַר דיין
צעבראָכן שוועל געקניט זיך,
און אויף דיין ווייכן, וואַר׳מען זאַמד
כאָטש איינמאָל אָפּגערוט זיך...

אַ רעגן גיסט

מאַך אויף אַ בוך
מיט אַלטע בלעטער, אַלטע מעשה׳ס
פון לויטער קעניגלעכע פרינצן,
פון ווילדמעס וואָס אויף קוליעס טאַנצן,
פון פרומע וועלף, ברילִיאַנ׳טנע היילן
וואָס ציען זיך אויף זיבן מיילן. —
אומזיסט, אומזיסט,
אַ רעגן גיסט.

קלינג אָן און רוף,
און קומען וועלן גוטע־ברידער,
מיט שמייכלען אויף די רויטע ליפּן,
און ברענגען רויטן ווײַן צוטראָגן,
און וועלן מיט די בעכער קלינגען,
און וועלן יוגנט־לידער זינגען. —
אומזיסט, אומזיסט,
אַ רעגן גיסט.

שטעל אויף די בעט,
מאַך לויז דעם טונקלען פענצטער־פאָרהאַנג,
און שלאָג אויף הויך די ווייכע קישנס,
און מיט באַטריבטער זעל און גלידער
פאַרזינק זיך אין דעם פוכן־אָפּגרונד
און לאָז די טרערן רינען, רינען . . .
אַ רעגן גיסט . . .

ווי נאָך אַ חתונה

ווי נאָך אַ חתונה. עס קלינגט נאָך אַלץ אין אויער.
מיר דוכט זיך אַלץ, אַז אין דעם צווייטן חדר
שפּילט פידל און קלאַרנעט, שפּילט פלייטע און באַנדורע
און ס׳רוישן רחבותדיק די לאַנגע זייד׳נע קליידער.

דאַך דאַרף איך נאָר די טיר אַן עפן טאָן, פאַרשווינדן
קלעזמאָרים, קלײדער, געסט, און די פאַרפוצטע כלה
זיצט בײ אַ װײסן טיש, שטריקט עפּעס מיט די פינגער, —
אַ װאָכעדיקער טאָג, אַ טאָג אַזאַ װי אַלע.

װי נאָך אַ חתונה. אַ טאָג אַזאַ װי אַלע.
די כלה זיצט און שטריקט אין װאָכעדיקן חדר.
דאָך שליסן װידער זיך די אויגן: פידלען שפּילן
און ס׳רױשן רחבותדיק די לאַנגע זײד׳נע קלײדער.

אין חודש מערץ

אין חודש מערץ ניט גײ אין געסט . . .
װעסט זיך פאַרזיצן דאָרטן שפּעט;
דאָס הויזגעזינד װעט דיך באַפאַלן
מיט גוטע רײד
און װעט פאַר דיר אַ בעט אויפשטעלן
מיט רײנע בעטצײג.
פון פרישקײט
װעלן זיך די ציכן ברעכן.
און דו, אַ „מערץ״-געפאַנגענער,
אַ גאַנצע נאַכט װעסטו ניט שלאָפן,
װאַכנדיקערהײט
נאָך טאַליעס דינע
און צעלאָזטע צעפּ.

* * *

און מאָרגן גאַנץ באַגינען,
מיט אויגן אײנגעפאַלענע,
מיט אַן אָנגעשװאָלן האַרץ
װעסטו זיך שלעפּן . . . אַהײם . . .
מיט דעם קאַלטן װעג . . .

נעכט

אַ נייער טאָג

1

אַ נייער טאָג?! — ניין: אָנגעצונדן
האָט זיך אין געסעלע אַ שייער;
און האָב און גוטס געזאַמלטע
וועט צונעמען דער פייער.

אַט קייקלען זיי זיך אין דער הויך,
די פייערדיקע וואַלן;
עס שטירצט דער דאַך און איינציקווייז
די באַלקנס פאַלן, פאַלן.

אַ שוואַרצער רויך — דער גאַרבן טאָרף
האָט אויך זיך אָנגעצונדן;
און מיט דעם טויבן־שלאָק איז אויך
די טויבן־פּאָר פאַרשוואונדן.

און רויטע בלעטער שטרעקן זיך
פון פייער־רויטע פלאַנצן;
און קינדער פרייען זיך מיט זיי,
און וואַרעמען זיך, און טאַנצן.

אומזיסט האָט זיך דער טורעם־גלאָק
צעקלונגען און צעשריען;
אומזיסט געקומען זיינען אויך
די פייער־לייט צופליען...

און האָב און גוטס געזאַמלטע
דער פייער וועט פאַרצערן;
און אונדזער אָרעם געסעלע
וועט אָרעמער נאָך ווערן.

2

איז אַ שטערן אויפגעגאַנגען
אויף מיין הימל? איז עס וואָר?
אָדער איז׳ס אַ נייער פאַלבל
אין דעם מוח פון אַ נאַר?

שטערן, שטערן, ביסט פאַראַנען?
זאָג מיר, ענטפער, ניט באַהאַלט! —
נאָר אַ שטערן האָט קיין ווערטער,
ס׳טוט אַ שטערן נאָר און שטראַלט.

3

אויבן לויפט אַ שמאָלע סטעזשקע,
אונטן — אָפּגרונט טיף און ברייט;
אויבן הענגט דאָס פאַלשע לעבן,
אונטן ליגט דער וואָרער טויט.

ביי דער זייט קיין וואַנט, קיין אָנהאַלט,
אין דער וויט קיין ליכט, קיין שיין,
אונטערן פוס זיך קייקלען שטיינער —
קייקלען זיך אין תהום אַריין.

פירט מיין וועג צו נאַכט און ליגן,
הוילער ווינט איז וואָס איך גאַר;
אונטערנעמען אַזאַ אומזין,
קען נאָר דער, וואָס איז — אַ נאַר.

4

פאַלן דאָס הימלען צוזאַמען?
ווערן דאָס זונען געבאָרן?
כ׳ווייס ניט — עס איז מיר מיט איינמאָל
אי פינצטער, אי ליכטיק געוואָרן.

הייליקע, טויטן־געזאַנגען, —
מ׳טראָגט דורך אַ קינד אין אַן אָרון.
אויב יענעס קינד רופט זיך „ליבע״ —
ווערט עס ערשט איצטער געבאָרן.

5

בייטשן קנאַלן, צוויגן פאַלן
ווען דער ווינט פאָרט דורך די ביימער;
ווען עס ברעכן הערצער אָבער —
זעט ניט קיינער, הערט ניט קיינער.

רינט נאָר שטיל דאָס בלוט פון האַרצן,
רינט אין שנירלעך, דין און איידל;
ווייס נאָר איינער — דער פאַרליבטער,
און אַמאָל — אַ בלייכע מיידל.

6

מאָדנע — אַ פינצטערע האַלב־נאַכט,
אָפּגרונטן, בערג פון די זייטן.
פּלוצלונג ברילט אויפ׳עט אַ דונער,
עפ׳נען זיך הימלען פון ווייטן —

גיסט מיך אין גאַנצן מיט ליכט אָפּ,
ווערן נאָך טיפער די שפּאַלטן;
הערט זיך אַ קול פון אַן אָפּגרונט:
„דער וועט זיך לאַנג דאָרט ניט האַלטן.״

7

דו האָסט די שנירלעך צעריסן
מיט דיינע הענט אַליין.
די פּערלען זיינען צעשאָטן
און װעלן פאַרלאָרן גיין.

די אויגן מיינע באַװיינען
די פּערלען און זיידענע שניר;
מיין האַרץ אָבער בלוטיקט און בלוטיקט,
װייל דו האָסט געטראָטן אויף איר.

8

מיין ניט, איך װעל דיך פאַרגעסן,
מיין ניט, דו האָסט מיך פאַרטריבן;
איך װעל דיך אי האָסן, אי שילטן, —
און קיינמאָל ניט אויפהערן ליבן.

איך װעל יעדע נאַכט צו דיר קומען,
װעל דיין געלעגער באַרירן,
און װעל — צו דיין שרעק און דערשטוינען —
מיט זיך אין די הימלען דיך פירן.

װעסט אַן מיין פליגל זיך האַלטן,
שװימענדיק הויך אין די ספערן;
די כרובים װעל איך אויף דיר װייזן:
„דאָס איז זי, מיין ערדישער שטערן.“

9

אויבן איז דער צוג געפלויגן,
אונטן האָב איך געשפּאַצירט;
אין דעם צוג ביסטו געזעסן,
דאַכט זיך, דו האָסט מיך באַרירט.

לאַנג בין איך אים נאָכגעלאָפן,
— ווי ער דונערט, ווי ער בליצט! —
אויסגעפינען האָב געוואָלט איך
יענע פענצטער, וואו דו זיצסט.

בליץ־שנעל איז דער צוג געפלויגן,
שיינען וואַרפנדיק אין וועג;
גלייך ווי דו — איצט ווייטע מיידל —
זיך באַוויזן, און אַוועק.

די ביסט געזעסן

1

די ביסט געזעסן ביי מיין זייט
און מילד אויף מיר געקוקט;
געוואַקסן האָט אין מיר מיין האַרץ,
געוואַקסן און געצוקט.

אין הויז האָט מען פון מילך גערעדט,
פון פוטער און פון געלט.
אוי וויפיל דאָס האָט מיר געקאָסט!
דיין בליק נאָר האָט פאַרגעלד׳ט.

ווען איך האָב דיך געפירט אַהיים
איז לער די גאַס געווען;
אין יעדער הויז, האָט זיך געדאַכט,
איז אַ חתונה געווען...

2

אַ קילע נאַכט, אַ ריינער הימל
און אַ לבנה, גרויס און בלאַס;
צוויי ציילן שלאָפנדיקע הייזער —
אַ שטילע, אומבאַקאַנטע גאַס.

מיר גייען שטיל. צווי טרייע שאָטנס
באַגלייטן אונדז אין וועג אַריין;
אַ לערער סקווער — אַ גרויסע סאַליע ——
אין דער לבנהס גרינעם שיין.

מיר גייען שטיל, ווי שטיל עס שווימען
לבנה און די שאָטנס צוויי.
אַ שטילע נאַכט — און מיר פאַרשטייען
וואָס הייזער שלאָפן פרי אַזוי.

3

איך בין אין גאָס געגאַנגען,
געזוכט דיך אומעטום;
די לאַנגע גאָס געווען איז
אי רעדעוודיק, אי שטום.

פון טויזנט זאַכן האָט זי
געפּלאַפּלט, דאָ און דאָרט;
נאָר וועגן דיר, געזוכטע,
קיין איינציק, איינציק וואָרט.

בין איך אַוועק אין הייזער,
געעפנט טיר נאָך טיר;
באַקאַנטע, אומבאַקאַנטע, —
אַלץ נאָכגעפרעגט אויף דיר.

אַן אַלטיטשקע געזאָגט האָט:
ביסט נעכטן דאָרט געווען.
איך האָב געקושט די אויגן
וואָס האָבן דיך געזען.

4

בין דריי מאָל ביי דיין הויז געווען,
און ניט אַרויפגעקומען;
צו זיין אַ שטאַרקער, שטאָלצער מאַן
האָב איך מיר פאַרגענומען.

ביים פערטן מאָל בין איך אַרויף,
דאַנק גאָט! — ביסט אָפּגעפאָרן . . .
געוואונען האָב איך יאָ מיין וועט,
דאָך דיך — האָב איך פאַרלאָרן.

5

צוויי לאַנגע נעכט, צוויי ווינטער־נעכט
בין איך אין גאַס געשטאַנען;
צוויי ווינטער־נעכט — און ניט געשפּירט
אַז ס'איז גאָר קעלט פאַראַנען.

די דריטע נאַכט האָט אויסגעזאָגט:
דו ביסט אַוועקגעפאָרן;
דער דריטער טאָג געפונען האָט
מיך קאַלט, ביז טויט דערפראָרן.

6

אַ גאַנצן מעת־לעת איז מיין בריוול געגאַנגען,
אַ גאַנצן מעת־לעת צוריק — אירער;
ווי לאַנגזאַם עס שלעפּט זיך דער מאַרש פון דער ליבע —
ווער זיינען די וועג־וויזער, פירער?

אַ פייער אין האַרצן שפּרינגט אויף און פאַרשפּרייט זיך
ווי באַלד איך דערמאַן מיך נאָר אירער.
ווי בליץ־שנעל עס טראָגט זיך דער מאַרש פון דער ליבע —
ווער זיינען די וועג־וויזער, פירער?

ז

קען איך ניט דיין מלך זיין —
האָב קיין גאָלד'נעם דעגן,
האָב קיין סצעפּטער און קיין קרוין,
האָב ניט קיין פאַרמעגן.

קען איך ניט דיין ריצער זיין —
קען אויף פערד ניט יאָגן,
מיטן שונא אויפן פעלד
קען איך זיך ניט שלאָגן.

וועל איך באַטש דיין הויף־נאַר זיין,
וועל דיך לוסטיק מאַכן;
אויסגיין וועל איך זינגענדיק —
אַלע וועלן לאַכן.

8

געשלאָגן האָט מיין האַרץ ווען איך
בין צו דיין הויז געגאַנגען,
אַזוי ווי ס'וואָלט דער וועלט־זייגער
אין ברוסט ביי מיר געהאַנגען.

ווען כ'בין געגאַנגען פון דיין הויז,
איז מיר דאָס האַרץ פאַרגאַנגען;
איך האָב דיך ניט געזען — עס איז
דער זייגער אויסגעגאַנגען.

9

דיין טיר האָט אַ שלאָס און אַ ריגל,
דיין פענצטער איז הויך פון דער ערד;
געקלאַפּט האָב איך לאַנג און געקלונגען —
און האָב ניט קיין ענטפער געהערט.

וואו ביסטו, וואו ביסטו געוועזן ?
צי האָט דיר דיין האַרץ ניט געזאָגט,
אַז האַרט ביי דיין טיר, אויף די טרעפּן,
אַ האַרץ וואַלגערט אום זיך און קלאָגט ?

10

איך, אַן אורח, אַ פאַרזאַמטער,
שטיי געבויגן פאַר דיין טיר:
אויב דיין האַרץ איז שוין צעגעבן,
שענק אַ חבר־אָרעם מיר.

כ'וועל דיין חסד ניט פאַרגעסן,
ברכות שיקן וועל איך דיר;
פון אַן אָרעמאַן אַ ברכה
ברענגט די שפע צו דער טיר.

11

האָסט גוטע מינוטן געשאָנקען
און מער נאָך מיר שלעכטע געגעבן.
די שלעכטע זאָל גאָט דיר פאַרגעבן,
איך וויל נאָר די גוטע געדענקען.

צוויי קינדערשע הענטלעך, קליינע,
וואָס טוליען זיך, צערטלען און גלעטן,
צוויי אויגן וואָס רעדן און בעטן —
צי קען מען זיי ווערן אַ שונא ?

12

וואָס האָט מיך געצויגן ?
ווער האָט מיך געבראַכט
צו דעם שוואַרצן טויער
אין דער שוואַרצער נאַכט ?

ס׳איז אַ סוד, דאָס ווייסן
איך און זי — מיר צוויי.
וואָס־זשע זיצט זי אויבן?
זאָמט זיך לאַנג אַזוי?

ס׳אַרט איר ניט מיין וואַרטן,
און מיין רופן נישט.
נאָר דעם אַלטן נאַכט־הונט
אויפגעוועקט אומזיסט.

13

רייס די שפּינדל ניט פון האַנט,
האַק דעם פלאַקס ניט איבער,
לאָז מיך שפּינען, שפּינען נאָך
מיט געזאַנג און פיבער.

פעדים דינע אויסגעפלעכטן
אין אַ שנור זיך וועלן;
אַנטאָן וועל איך אויף דעם שנור
לידעלעך־קאַרעלן.

ווייל איך וויל רוען

1

הויכע טרעפּן, קרומע טרעפּן —
קוים געקומען זיך צושלעפּן,
מיט יסורים און מיט מיען.
ווייכע שטולן, ווייכע בעטן,
כ׳וועל דיך ווי אַ גאָט אַנבעטן:
לאָז מיך רוען, רוען, רוען . . .

2

איך קום צו דיר, ווייל איך וויל רוען;
דער מדבר האָט געמאַכט מיך מיד.
אַזוי קומט ציונס שטיינער קושן
אַמאָל אַ וואָגלענדיקער ייד.

איך קום צו דיר, ווייל איך וויל רוען;
דיין צימערס דיל — אַ בעט פאַר מיר;
צו דער אַנטרינונג־שטאָט אַ פאָרטקע
איז מיר דיין ניט־באַוואַכטע טיר.

איך קום צו דיר, די מדבר־זאַמדן,
די מדבר־זון האָבן מיך געברענט;
איך דאַרף די רו — שליס מיינע אויגן
מיט דיינע קילע שוועסטער־הענט.

3

פון דעם ברענענדיקן טאָג
וועט אַ קילער אָוונט ווערן;
און אַנשטאָט דער רויטער זון
וועלן שיינען גרינע שטערן.

אויף אַ פעלד, אין גרינעם ליכט,
מיטן פנים צו די שטערן,
וועל איך ליגן קאַלט און גרין,
אָן פאַרדראָס און אָן באַגערן.

ווי דער בלייכער, גרינער שיין
פון אַ וויטן, קאַלטן שטערן, —
ביי דעם וויגל פון דיין קינד, —
זאָל מיין שאָטן דיך ניט שטערן.

4

באַלד וועט זיך די זון באַהאַלטן,
טאָג אין נאַכט וועט זיך באַקערן,
שוואַרצע הימלען וועלן רעג׳נען —
מער וועט שוין ניט ליכטיק ווערן.

בעט זיך איין אַ שטיל געלעגער
ביי אַ שוועסטער, ביי אַ ברודער,
דאָרט די זון זיך צו דערמאָנען,
ווייט פון שטוביקן גערודער.

5

דער טראָן איז גרייט, דער סצעפּטער וואַרט,
עס פעלט נאָר בלויז די קרוין.
צי הערסטו ניט, ווי ס׳רופט דאָס פאָלק?
אַ, קום צוגיין, און קרוין.

איך האָב אַרומגעוואַנדערט לאַנג, —
אַ קעניג אָן אַ לאַנד;
גערויבט, געצופּט האָט יעדערער
ווער ס׳האָט געהאַט אַ האַנט.

איצט האָב איך אַלץ: אי לאַנד, אי טראָן,
דאָס פאָלק שטייט צו געבאָט;
אַ, קום צוגיין אין רעכטער שעה,
און קרוין מיך דורך דיין גנאָד.

גלייך ווי אַ פויגל

1

גלייך ווי אַ פויגל זומער גאָרט,
און ווי אַ וואַנדערער אויף אַ שיף
לעכצט נאָך אַ בוים און גרינע גראָז, —
באַגער איך דיינע בריוו.

אַ פאָטער קושט זיין איינציק קינד,
אַ ברודער קושט זיין שוועסטערס מויל,
און איך, מיין ווייטע שוועסטער־קינד, —
דיין בריוולס יעדע צייל.

איך ליב די רויטע זומער־בלום,
די קלאָרע זון איז טייער מיר;
נאָך ליבער פיל און טייערער
איז מיר אַ וואָרט פון דיר.

2

און איז אין מיין האַרצן אַ זעל נאָך פאַראַן,
ביסטו דאָס, ביסטו;
און גלימערט אַ שיין נאָך פאַר מיר אין דער נאַכט, —
ביסטו דאָס, ביסטו.

און טו איך צום הימל נאָך בעטן אַמאָל, —
פאַר דיר אַלץ, פאַר דיר:
פאַרלעשן זיך זאָל ניט מיין איינציקער שיין,
פאַרלעשן פון מיר.

3

מיין גאַנצע שטוב איז פאַר דיר אָפן.
קענסט קומען עסן, טרינקען, שלאָפן;
קענסט קומען ווען דו ווילסט אַליין.
דו דאַרפסט ביי קיינעם זיך ניט פרעגן,
מיין וואונטש וועט לויפן דיר אַנטקעגן
און ווייזן ווי אַריינצוגיין.

קיין הונט ליגט ניט ביי מיינע טירן,
קיין פרעמדע אויג וועט ניט באַכשפירן
נאָך דיינע נאַכטלעך־שפעטע טריט.
ווי דו האָסט נאָר דיין הויז פאַרלאָזן,
דעם שלאָס פון טיר אַראָפגעלאָזן, —
מיין האַרץ גייט אומעטום דיר מיט.

אַ, קום צוגיין אין נאַכט און רעגן
און פון די אַנגעווייקטע וועגן
ברענג שוואַרצע, פייכטע ערד מיט זיך.
ווען דו וועסט מאָרגן פרי זיך קלייבן
צוריק אַהיים — זאָל דאָ כאָטש בלייבן
אַ שוואַרצער פלעק פון דיינע שיך.

נאָר אויב דו קענסט מיר גאָרנישט ברענגען,
טאָ זע, — די שפילגעצייג; עס הענגען
פּאָרטרעטן, בילדער אויף די ווענט, —
צעררייס אַ בילד, צעברעך דעם שפּיגל,
ביים גאָלד׳נעם האָן רייס אָפּ אַ פליגל, —
אַ צייכן לאָז פון דיינע הענט.

4

געליען האָט דער שניי ביים הימל בלויען חלום,
און שטילע ווייסקייט האָט די הויך ביים שניי גענומען;
און שטערן האָבן זיך געטוקט אי דאָ, אי דאָרטן —
און ס'איז אַ ווינטער־נאַכט אַרויסגעקומען.

און ביז די קני אין שניי, דעם גרויסן ים פון שימער,
געשטאַנען זיינען צוויי — מיר צוויי בלויז — קעגנאיבער;
און דורך אַ וויטער שויב אַ פלעמל האָט געפלאַטערט
און אומגעוואָרפן זיך אין גסיסה־פיבער.

געהאַט פיל האָבן מיר זיך איינס דעם צווייטן זאָגן,
דאָך איז קיין איינציק וואָרט פון מויל אַרויסגעקומען.
און, ווי דער ווייסער רוים, דער בלויער שניי, מיר האָבן
געחלומט אויך אַ בלויען טרוים, אַ שטומען.

אַ דורכגייער האָט דאָ גערוט

1

אַ דורכגייער האָט דאָ גערוט היינט,
גערעדט פון דיר פיל און דערציילט;
ער האָט מיך געקושט אויפן האַרצן,
מיט ווערטער, ווי קושן, געהיילט.

איך האָב אים געבענטשט און באַשאַנקען,
און האָב אים צו דיר אָפּגעשיקט.
דיין שוועל וועט זיין נאַכטלעגער ווערן, —
איך בין שוין דערמיט אויך באַגליקט.

2

אַ שליח וועט היינט צו דיר קומען,
דאָס האָב איך געשיקט אים צו דיר;
ער ברענגט דיר אַ זאַק מיט מתנות, —
פאַרריגל פון אים ניט די טיר.

ער ברענגט דיר אַ זאַק מיט מתנות, —
איך האָב זיי געזאַמלט, געהיט;
ער וועט צו די פיס דיר זיי לייגן, —
פאַרשעם מיין שליח כאָטש ניט.

3

איך האָב דיך מיין אוצר גערופן,
ווייל פלוצלונג האָסטו זיך געפונען;
נאָר אוצרות און טרוימען און פרויען,
זיי ווערן אויך פלוצלונג אַנטרונען.

איך וועל דיך דעריבער באַשווערן
מיט אַלערליי הייליקע זאַכן:
דו זאָלסט מיך באַגלייטן, און היטן
מיין חלום, מיין שלאָף און מיין וואַכן.

4

איך האָב דיך ליב, דו האָסט מיך ליב;
מען טאָר דערפון ניט ריידן;
דערהערט דאָס ווער: אַ מענטש, צי גאָט —
מען וועט אונדז גלייך צעשיידן.

איך האָב דיך ליב, דו האָסט מיך ליב,
נאָר קיינער טאָר ניט וויסן;
ווי שפינוועבס אונדזער סוד, עס ווערט
פון אַ ליאַדן הויך צעריסן.

איך האָב דיך ליב, דו האָסט מיך ליב,
דאַרפסט זיך אַליין ניט פרעגן;
איך האָב דאָס אויסגעטראַכט פאַר מיר
און אויך פאַר דײַנעטוועגן.

5

טויזנט מענטשן. קיינער, קיינער
האָט מיר גאַרנישט ניט געגעבן, —
ביז דו איינע ביסט געקומען
און אַ גאַנצע זון געגעבן.

עפּעס ווייסעס, יעדע ווײַלע,
שוועבט אַדורך פאַרבײַ די אויגן;
אַ פאַרוואַנדלטער, אַ גוטער
קוק איך יעדן אין די אויגן.

6

אויגן ניט צו מיר געווענדט,
ליפּן, — ניט צו מיר געלאַכט,
ווײַסע הענט — נישט אויסגעשטרעקט, —
און האָסט דאָך מיר טאָג געבראַכט.

האָסט אַ זון צו מיר אין האַרצן
אַרײַנגעלייגט — אַ זון די גרויס.
ווײַסער טאָג איז מיר געוואָרן
ווען איך בין אין גאַס אַרויס.

און פון דעמאָלט אָן אין האַרצן
וויל די זון ניט אונטערגיין.
ווידער איז זי, ווי אין גבעון,
אויף דער נאַכט געבליבן שטיין.

7

איך האָב זיך אין האַרצן געשוואָרן,
איך זאָל מער ניט רעדן צו דיר.
איך זאָל דיר קיין בריוולעך ניט שרייבן, —
פאַרברענט האָב איך גאָר מיין פּאַפּיר.

איך זאָל צו דיר פאָרן ניט קענען, —
צעשאָטן האָב איך גאָר מיין געלט;
קיין גרוס זאָל מיר קיינער ניט ברענגען, —
האָב איך זיך צעקריגט מיט דער וועלט.

8

אַט ערשט געוועזן... און צווישן אונדז שטייט
דאָס איבעראײַלטע, ווי אַ הויכער מויער;
דאָס „ניין"־וואָרט, ווי אַ וועכטער,
שפּאַנט אויף און אָפּ פאַרביי דעם טויער.

איך וואָלט נאָך איצט צו דיר געפלויגן, —
אוי, ווען זיין שאַרפער שווערד מיך טויטן.
פאַר דיר וואָלט זיך דער שווערד געבויגן;
נון ווילסטו ניט — ווער קען דיך נויטן...

9

דער גאַנצער קריג — אַ חלום נאָר,
אַ דורכגעלעבטער אין אַ פיבער.
איצט בין איך וואַך; — ווי אַלט דאָס איז!
ווי טויזנט יאָר וואָלטן אַריבער.

איך האָב זיך אויסגערוט און צייל
די וואונדן איינציקווייז מיר איבער.
איצט בין איך וואַך, — עס האָט גאָר ניט
געלוינט צו שלאָגן זיך דעריבער...

10

און האָסטו מיך נאָך עטוואָס ליב —
טאָ קום צו מיר;
און האָסטו מיטלייד אין דיין האַרץ —
זיי גוט צו מיר.

מיין האַרץ איז אויפגעראַמט אויפס ניי —
פאַר דיר אַליין;
און ביסטו טויב פאַר רייד — טאָ הער
כאָטש מיין געוויין.

11

דער פייער ברענט, עס וואַכט די טיר,
איך זיץ און וואַרט, דאָך — ניט אויף דיר;
אַ צווייטע וועט מיין שוועל באַטרעטן
און שווייגנדיק אַ לאַסקע בעטן.

זי וועט ניט קוקן מיר אין אויג,
וועט פלאַטערן ביי מיין יעדן בויג . . .
איך וואָלט די שעה און גאַר מיין לעבן
פאַר דיין איין רויט־ווערן געגעבן.

מיין בייע טיר, זי קען דיך ניט.
מיין צימער קען ניט דיינע טריט.
נאָר — וואָלסטו אויף מיין טיר געקלונגען,
וואָלט זיך דער שטומער דיל צעזונגען.

איך וויים: אויף אייביק ביזן טויט
האָט אונדז אַ פרעמדע האַנט צעשיידט;
דאָך טוט מיין נאַריש האַרץ אַלץ פרעגן:
צו וואָס די פיין? פון וועמענס וועגן?

דער פייער ברענט, עס וואַכט די טיר,
איך זיץ און וואַרט, נאָר — ניט אויף דיר . . .
עס דאַכט זיך מיר: דו האָסט געקלונגען, —
דאָס גאַנצע הויז האָט זיך צעזונגען.

12

אַמאַליקע פריידן ניט וועק,
ניט רוף די פאַרגאַנגענע גליקן;
אומזיסט איז דיין רוף אין דער ווייט, —
צעשטערט זיינען גרעבליעס און בריקן.

און אונטן לויפט שטורמיק דער טייך,
אַ שוואַרצער, אַ ברייטער, אַ טיפער;
אויף נאַכט, מיט וועסלעס אויף זיך,
אַוועק אין זיין דאָרף איז דער שיפער.

דער שיפער, ער האָט דאָרט אַ הויז,
אַ פייער, זיין גוף צו דערוואַר'מען.
ניט רוף אין דער ווייט, נאָך דער צייט;
אויף דיר וועט זיך קיינער דערבאַר'מען...

13

איך האָב געדולד. די שעהן קריכן,
איין שעה איז צו דער צווייטער גלייך;
פון שעהן ווערן טעג און וואָכן —
איין גרויסער, מוטנער, שווערער טייך.

איך רוף צו דיר, שריי אויס דיין נאָמען
אין פוסטער, שטילער צימער־נאַכט;
דאָך וויים איך ניט: האָב איך גערופן,
צי דאָס האָט זיך מיר נאָר געדאַכט?

דו ביסט מיר פרעמד — איך האָב פאַרגעסן
ווי דו האָסט דעמאָלט אויסגעזען;
אין וועלכן לאַנד, פאַר וועלכן קעניג
דאָס איז געשען? צי איז געשען?

איך האָב געדולד. די שעהן קריכן,
איין שעה איז צו דער צווייטער גלייך.
איך רוף צו דיר; איך הער דיין נאָמען
פאַרזינקען אין דעם גרויסן טייך.

פון אונדזער ליבע

1

איך ליג אָן שלאָף די גאַנצע נאַכט,
איך ליג אָן שלאָף ביז טאָג,
און פיר מיט דיר, מיט זיך אַליין
אַ לאַנגן דיאַלאָג.

און ווען די בלייכע פענצטער־שויב
זאָגט שטום מיר אָן: עס טאָגט!
מיר דאַכט זיך אַלץ: געבליבן איז
נאָך עפּעס ניט דערזאָגט.

2

אַ פייער פון גאָט האָט מיין שטיבל פאַרברענט;
נו, מילא, אַ שׂרפה, פאַרפאַלן;
עס וואָלט זיך מיר וויסן געוואָלט נאָר: אַוואו
דער פונק איז, דער ערשטער, געפאַלן?

און וועלכער אומגליקלעכער שינדל האָט דאָס
גאָטס צאָרן צו זיך צוגעצויגן,
און איז אַזוי לייטיש געלעגן אין דאַך
און כשר געגנאַרט מיינע אויגן?

3

דעם לעצטן חלום האָסטו
פון האַרץ מיר אויסגעריסן
און פאַר דער גאַס געוואָרפן,
אָן האַרץ און אָן געוויסן.

איך וועל די רשעות דיינע
דיר קיינמאָל ניט פאַרגעבן.
ווי ווייט דו זאָלסט ניט פליען,
ווי הויך דו זאָלסט ניט שוועבן,

און וועלכע שטאַרקע פליגל
עס זאָלן דיך ניט טראָגן, —
מיין צער וועט דיך יאָגן,
מיין קללה — דיך דעריאָגן.

4

דערמאָנסטו מיך נאָך ווען?
דערמאָן:
אין טאַנץ־זאַל, אין געדראַנג,
אין ריידעריי, געזאַנג, —
דערמאָן:
ביים שבתדיקן טיש,
ביי ברענענדיקע ליכט,
אין היימיש־לויזן קלייד —
דערמאָן.

דערמאָנסטו מיך נאָך ווען ?
אַז קיינער זאָל ניט זען,
אַז קיינער זאָל פֿאַרשטיין, —
דערמאָן ;
ווי איך דיך יעדן טאָג,
ווי איך דיך יעדע נאַכט, —
דערמאָן.

5

פֿון אונדזער ליבע איז קיין דור,
קיין זכר ניט געבליבן,
אַ חוץ אַ קליינער לידער־בוך,
פֿאַרגעלט און אָפּגעריבן.

ווען דו וועסט זיין אַ מאַמע שוין
וועסטו די לידער מיינע
דערמאָנען זיך, פֿאַרוויגנדיק
מיט זיי די קינדער דיינע.

און ווען אַמאָל דיין איניקל
וועט, קומענדיק פֿון חדר,
איינטאָניק, קינדיש חזרן
זיי איינס נאָך איינס כּסדר, —

וועסטו אים אונטערזאָגן דאָס,
וואָס ניט דערזאָגט געבליבן ;
דו ווייסט דאָך בעסער פֿון דעם בוך,
ווי ס׳דאַרף דאָרט זיין געשריבן.

אויף גאָטס באַראָט

מיינע ימ׳ען...

1

אויף גאָטס באַראָט! זאָל ער מיך פירן
וואוהין ער וויל, און ווי ער וויל...
איך וועל אַנטקעגן זיך ניט שטעלן,
און ווי אַ קינד אים נאָכגיין שטיל.

אויף שפּיצן בערג, אין טיפע תהומות,
מיט אויגן אָפענע — דאָך בלינד;
אין לאַגער פון די ווילדע חיות —
דער טאַטע פירט, וועט גיין דאָס קינד.

2

מיין שטעקן האָב איך אויסגעהאַקט שוין,
מיין טאָרבע איז אויך צוגעגרייט;
איך לאָז זיך אויף גאַסן און וועגן —
אויף גאַסן, ווי נעצן פאַרשפּרייט.

מיין לייב וועלן דערנער צעשטעכן,
און שפּיציקע שטיינער — מיין טראָט,
און אומפאַלן וועל איך ניט איינמאָל,
צו לייטיש געלעכטער און שפּאָט.

שענקט, מענטשן, זלזולים־נדבות,
שענקט, געטער, מיר צער און לייד;
מיין שטעקן איז דעמבן־האָלץ עכטער,
מיין בעטל־זאַק טיף איז און ברייט.

3

מיינע ימען זיינען שטילע,
מיינע שיפן — צו דער האַנט;
מיינע שיפן וועלן קומען
צום געווינטשטן לאַנד.

גאָט פירט זיי אויף שטילע וועגן —
גאָט ווייסט דאָך די וועגן גוט.
וואָס־זשע האָב איך זיך צו זאָרגן? —
ס'וועט שוין אַלץ זיין גוט.

4

זינגט מיין לייב צו גאָט אַ לויב,
זינגט צו אים אַ־יעדעס גליד.
קראַנק בין איך און שווער מיט פּלאָג, —
זינג איך אים און ווער ניט מיד.

פון דער פינצטער, פון דער נאַכט,
אויפן שוועל פון אונטערגאַנג,
שיק איך מיין געבעט צו גאָט —
שיק איך אים מיין לויב־געזאַנג.

גאָט האָט מיין געבעט דערהערט
און פון פּלאָג מיך אויסגעלייזט.
ליכטיק ווערט די מיטערנאַכט, —
זאָל גאָטס נאָמען זיין געגרויסט.

5

איך בין ניט רייך. איך האָב איין בגד
פאַר הויז און שול און פאַרן וועג.
אין מאַרק־טעג גיי איך אין אים האַנדלען,
און גאָט בעטן אין יום־טוב־טעג.

עס פאַלט אויף אים דער שטויב פון זומער,
דער קויט פון אָסיענדיקע טעג,
דעם רינשטאָקס שמוץ, — און אַלע זייפן
פאַרוואַשן ניט אַן איינציק פלעק...

אויף שמחות און צווישן קלאָגערס
אין זעלבן קלייד. איך בין ניט רייך.
און מיט די אַלע פלעקן קומען
דאַרף איך אין הימלס קעניגרייך...

6

אַזוי פיל מאָל צו דיר גערופן
און זיך געווענדט;
און דו האָסט יעדן מאָל פאַרהערט מיך,
און — פאַרשעמט.

די פעטסטע שאָף, די שענסטע רינדער
צו דיר געבראַכט;
נאָר דו האָסט, ווי אַן אָרעם מנחה,
מיין גוטס פאַראַכט.

און אַלע טויערן פון טעמפל
פון מיר פאַרמאַכט;
אין מיר האָסטו די גאַנצע עדה
צו שפּאָט געמאַכט.

7

אויף יעדן טאָג און יעדער שעה
האָב איך געוואַרט;
און יעדער טאָג און יעדע שעה
האָט מיך גענאַרט.

ווי פאַלשע וואָלקנס, האָבן זיי
קיין טרייסט געבראַכט.
אומזיסט דעם הויך־געוועלבטן רוים
נאָר שווער געמאַכט.

8

מיין גאָט! מיין גאָט! דו ענטפערסט ניט,
דו וואוינסט דאָך אַזוי ווייט,
און ביז מיין רוף דערגייט צו דיר
פאַרגייט אַ לאַנגע צייט.

און ביז היינט האָט מיך ניט דערגרייכט
קיין חסד־שטראַל פון דיר;
פאַר וואָס־זשע האָגלט אַזוי אָפט
דיין שטראָף, אָ גאָט, אויף מיר?

9

איך בויג מיין קאָפּ, אָ גאָט, פאַר דיר.
און פאַר דער לאַסט, וואָס אָנגעלייגט
האָסטו אויף מיינע פּלייצעס, גאָט,
מיין גאַנצער גוף זיך בויגט.

עס שווינדלט מיר, ווי גיין וואָלט איך
זיך לערנען אויף אַ שטריק;
מיט יעדן איינציק טראָט פאָראויס
באַלד גיי איך צוויי צוריק.

ווי גראָז אין פעלד, פון יעדן ווינט
זיך בויגן, בויגן מיינע טריט.
ווי גראָז אין פעלד — דאָך אומפאַלן
דערלאָזן וועסטו ניט.

דער תנא זאָגט

1

דער תנא זאָגט: דער טאָג איז קורץ,
דער מדבר האָט קיין ברעג,
און ווי דו זאָלסט ניט שפּרייזן שנעל —
וועסט שטאַרבן אויפן וועג.

און בלייבן וועט די שיינע שטאָט,
וואָס גלאַנצט אין וויטן רוים,
פאַר דיר נאָר אַ פאַרפירעניש,
אַ ליגנערישער טרוים.

2

די סומע פון ליידן איז גרעסער
איידער די סומע פון גליק, —
אויך דאָס זיינען ווערטער פון תנא,
מיט דורות און דורות צוריק.

די כוואַליעס פון ליידן פאַרשווענקען
דעם קינדערשן אינדזל פון גליק;
פון אייניקל ביז צו דעם זיידן
ציט זיך פון ליידן אַ בריק.

די סומע פון ליידן איז גרעסער
איידער די סומע פון גליק;
די כוואַליעס פון ליידן פאַרשלינגען
דעם קינדערשן אינדזל פון גליק.

3

אַ שינדל, אַ פענצטער, אַ ברעט,
און האַמער און מייסטער און שלאָג,
אין איילעניש קלאַפּ זיי צונויף —
עס טונקלט, עס זעצט זיך דער טאָג.

עס זעצט זיך, עס טונקלט דער טאָג,
און פּלוצלונג קען קומען די נאַכט.
דו שטייסט אַ פאַרלאָר׳נער אין פעלד —
דו האָסט דיין געצעלט ניט געמאַכט.

אַ ברעטל, אַ שינדל, אַ ראַם, —
ס׳וועט גאַרבישט אַרויסגיין דערפון;
דיין הויז וועט צעטראָגן דער ווינט
נאָך איידער ס׳וועט אויפגיין די זון.

4

איבער זיי פון זאַמד אַ וואָלקן,
ווי אַ דאַך, פאַרדעקט די שיין;
געלער בעפּל, שווער און דושנע,
וויקלט קעמלען, מענטשן איין.

זעט דער צווייטער ניט דעם ערשטן —
דורות ציען אָן אַ ברעג;
נאָך דעם פֿריערדיקנס פֿוס־טריט
זוכט זיך יעדער דור זיין וועג.

נאָך די צייכנס אין די זאַמדן, —
טרעפֿט אַמאָל: אַ ווינט פֿאַרטרייבט
יענע צייכנס, ווער ס'איז הינטן — —
צווישן זאַמד און הימל בלייבט.

5

די צייט איז קורץ, די זון פֿאַרגייט,
די שאָטנס שווינדן פֿון די ווענט.
דאָס שיפֿל וואַרט. פֿון אומגעדולד
דער אָנטרייבער זיך רייבט די הענט.

די צייט איז קורץ, די זון פֿאַרגייט,
און וואָס דו האָסט איז אויך צופֿיל . . .
דער טייך איז גלאַט, דער שיפֿער פֿלינק,
דער גאַנצער וועג — אַ קינדער־שפּיל.

אָט קומט אַרויס די טונקלע נאַכט
און טייך און הימל ווערן בלאָ.
דאָס שיפֿל וואַרט, דער שיפֿער רופֿט.
אַ גוטע נאַכט, אין אַ גוטער שעה.

6

נאַריש! מיט צעפּראַר'נע פֿינגער
כאַפּסט זיך פֿאַר דעם דאָרן רוט;
האַנט צי צווייגל — איינס וועט ברעכן,
און אומזיסט איז האַרץ און מוט.

זעסט ניט ווי דער אָדלער דרייט זיך
אין דעם טונקעלן זעפיר?
און דעם לאַנגן האַלדז און שנאָבל
האַלט ער אויסגעשטרעקט צו דיר?

ווי דו גליטשסט זיך נאָר אַרונטער,
פאַלט ער גלייך אויף דיר אַראָפּ,
פּיקט פאַר טאָג און הימלס אויגן
דיר די אויגן אויס פון קאָפּ.

7

בויט זיך אַ ריזיקער בנין;
מיר שטעלן די זיילן, די ווענט.
ניט קיין דערפאַרענע — ציטערן
די ציגל אין אונדזערע הענט.

שוואַכע און שרעקיקע מענטשן —
פאַרדרייען זיך אָפטמאָל די קעפּ,
פאַלן מיר איינס נאָכן צווייטן
פון לייטערס, געהילצן און טרעפּ.

פאַלן — ווי ווע‏מען באַשערט איז —
אויף שטיינער, אויף פאַליעס, אין קויט.
ווער עס פאַרזינקט אין דער בלאָטע
און ווער בלויז — צעשלאָגט זיך אויף טויט.

8

אַ פולע טעג פאַראַן ביי גאָט
פאַרוואָלקנטע און בלאַסע,
און פונקט אַזוי פיל נעכט איז דאָ
פאַראומערטע און נאַסע.

דו בויגסט זיך אונטער זייער לאַסט,
ווי פון אַ חוב אַ שווערן;
פאַרטריבק, פאַרשפּיל זיי און פאַרשלאָף,
אַבי נאָר לויז צו ווערן.

9

ניט טרוי דעם אומגליק אין זיין שלאָף, —
עס דרעמלט קיינמאָל ניט גאָטס שטראָף.

— — — — — — — — — — — —

אַזוי לייגט זיך אַמאָל אַוועק
אַ קאַץ אין קלאָרע זומער־טעג
ביים ראַנד פון דאַך. שטרעקט אויס די פיס,
ציט אויס דעם האַלדז, — זי דרעמלט זיס...
אַ פייגל, נאַריש, פונקט ווי מיר,
שוועבט זינגענדיק אַראָפּ אויף איר.
אַ בליק — און ס'האָט די קאַץ פאַרשלונגען
דאָס פייגעלע, וואָס האָט געזונגען.

— — — — — — — — — — — —

ניט טרוי דעם אומגליק אין זיין שלאָף,
עס דרעמלט קיינמאָל ניט גאָטס שטראָף.

10

פאַרשליס דעם ווייטיק אין דיין האַרץ,
ער זאָל דעם צונג ניט איבערשפּרייזן.
פאַרטרוי אים ניט דיין ליבסטן פריינט
און זאָלסט דער גאַס אים ניט באַווייזן.

און ווען נאָך לאַנגע נעכט וועסטו
אויף אים אַ קוק טאָן זיך פאַרגינען, —
אין האַרצנס שענסטן קעמערל
וועסטו אים פריש און יונג געפינען.

11

ווער ווייס, אפשר טראַכטן די טישן,
די בענק וואָס מיר זיצן אויף זיי,
עס שעמט זיך די שוועל וואָס מיר טרעטן,
עס טוט ווייי אין בעטל דער שטרוי.

ווער ווייס, אפשר יעטווידער שטיינדל
און יעטווידער זעמדל אויף דר'ערד
וואָס אונטערן טראָט, וואָלט געשריען,
ווען גאָט וואָלט אַ שפּראַך אים באַשערט.

און מיר, וואָס פאַרטויבן די הימלען
מיט אונדזער געוויין און געשריי, —
מיר זיינען נאָר זאַמד אויף די וועגן
און געלע, צעבראָכענע שטרוי.

12

דעם צדיקס וועגן זיינען זיכער,
דער רשע שטרויכלט נאָכאַנאַנד;
ווי כוואַליעס אונטער אים זיך וויגן
די בערגלעך און דאָס פלאַכע לאַנד.

דעם צדיקס שלאָף פאַרגייט אין פרידן;
נאָר פול מיט שרעק דעם רשעס נאַכט:
ביים בעט צעעפנט זיך אַן אָפּגרונד;
ער ליגט די גאַנצע נאַכט און וואַכט...

און וואָס ער טוט און ווי ער האַנדלט,
אים דאַכט זיך אַלץ: ער האָט געגרייזט.
דעם צדיקס טראָט איז פעסט און זיכער, —
ביים זייט אַ גוטער מלאך שפּרייזט.

נאָך דאַנקען גאָט

1

נאָך דאַנקען גאָט,
וואָס קיינער ווייס
וואו איך וואוין,
און וואו איך וויין;
איך בין אַליין,
נאָך דאַנקען גאָט.

ווען ס׳ווערט מיר ענג,
קום איך צוגיין
צו זיך אַליין
און וויין זיך אויס
אין קישנס שויס;
נאָך דאַנקען גאָט,
נאָך דאַנקען גאָט.

2

דו גרויסער קעניג פון די וועלטן,
הער צו מיין אָרעמען געבעט:
באַשער מיין טאָג מיט ברויט און פוטער,
מיין נאַכט — מיט אַ געטרייער בעט.

איך ווייס, מיין תפילה איז צו קליינלעך
און מיין פאַרלאַנג פעלט פליגל־שוואונג;
פאַר דיר, דאָך, האָר פון אַלע אוצרות,
האָט בליי און גאָלד דעם זעלבן קלונג.

אין כאָר פון שרייענדיקע מאָנער
מיין קרעכץ ניט לאָז פאַרלאָרן גיין;
אַן אויגנבליק, אַ קורצע רגע —
נאָר הער אויס, גאָט, דיין קנעכט, אַליין...

3

נאָר אויב מיין שיף וועט ערגעץ קומען,
איז ניט מיין שולד:
אין קראַנקער אומגעדולד
האָב איך די לייוונטן געריסן,
שטיק נאָך שטיק;
מיט מיינע ציין די שטריק צעביסן,
שטריק נאָך שטריק;
און אויסגעהאָלפן בלינד
מיין פיינט, דער אינד.
און אויב מיין שיף וועט מיך וואו ברענגען —
ניט לאָז אויף מיינע אַקסלען הענגען
די ברודנע תכלית־זינד.
איך שווער דיר, גאָט:
כ׳בין ריין. דאָס האָט
געטאָן דער ניט־געשטעלטער ווינט.

4

שבת, יום־טוב און ראש־חודש —
מיינע יום־טובדיקע קליידער
הענגען ניט געניצט, געטראָגן,
אויף דער הינטער־וואַנט אין חדר.

מיינע וואָכעדיקע זאַכן
גלוסט זיך מיר ניט איבערבייטן:
שבת, יום־טוב און ראש־חודש
קום איך קיינמאָל צווישן לייטן.

ביי דעם קאָפּע־טיש פאַרזיץ איך
מיט די קעלנער, מיט די קונדן,
שבת, יום־טוב און ראש־חודש,
ווי די וואָכעדיקע שטונדן.

5

איך ווייס, דאָס איז דער לעצטער צאַפּל
פון פייער, איידער ס׳ווערט פאַרלאָשן.
איצט וועט די נאַכט זיין לאַנג און פינצטער,
און אַלע טירן צוגעשלאָסן.

און דורך די לערע קאָרידאָרן
וועט די פאַרגאַנגענהייט שפּאַצירן;
אומזיסט ביי יעדן שוועל זיך שטעלן,
אומזיסט אָן די פאַרהאַקטע טירן

ביז בלוט די פינגער זיך צערייסן, —
זי וועט קיין ענטפער ניט געפינען.
ערשט ווען די נאַכט וועט נעמען אויסגיין,
וועט זי אַליין פון זיך צערינען...

6

אין חלום נאָך האָט עמיץ שטיל
אין אויער מיר געזונגען.
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — ס׳האָט אַלץ
אין מיר דאָס ליד געקלונגען.

דער זייגער גייט, דער טאָג פאַרגייט,
ניטאָ קיין צייט צו הערן;
דאָך זינגט זיך נאָכאַנאַנד — איך קען
דעם זינגער ניט פאַרווערן.

אינקאָגניטאָ

1

איך גיי אין וועג. אין מיינע אויגן
קוועלט אָן אַ טרער באַלד נאָך אַ טרער;
דער זאַמד אויף מיינע פיס איז שווער,
עס הענגט מיין קאָפּ צו דר׳ערד געבויגן.

עס שיינט די זון. די לופט איז טרוקן,
נאָר פייכט דער זאַמד אויף מיינע פיס.
מיר איז אי טרויעריק, אי זיס
און נאָכאַנאַנד די אַקסלען צוקן...

2

איך האָב געפרעגט: פון וואַנען קומען
די לידער וויינענדיק אַזוי?
— זיי קומען פון אַ לאַנד אַ גרויסן,
און יענעס לאַנד — עס רופט זיך: ווי.

איך האָב געפרעגט: ווער איז דער הערשער,
וואָס טוט באַפעלן איבער זיי?
— ער איז אַן אַלטער, טריבער קעניג
מיט ווייסע האָר, ווי ווייסער שניי.

איך האָב געפרעגט: וואוהין זיי ציען,
צו וועלכן ברעג? וואָס טוען זיי?
— זיי נעמען וואָך־באַפעלעקטע הערצער
און וואַשן ריין ווי פרישער שניי.

3

ער האָט מיין נאַקן אַנגעבויגן,
דער גאָט פון אויבן, —
איך זאָל די מוטווילקע בליקן
צו הויך ניט הויבן.

מיט קלוגהייט־שטריק, ווי האַרטע רינגען,
די הענט געשלאָסן,
און אויף מיין קאָפּ פון פולן שפּאָט־קרוג
האָט ער געגאָסן.

4

כ׳בין אַ קעניג. מיינע לענדער
ציען זיך אויף טויזנט מיילן.
קוקט ניט קיינער — וואָס איך האָב ניט
וואו אַ שטונדע צו פאַרווײלן.

כ׳בין אַ קעניג. שטעט, געמיינדעס
קומען מיר אַנטקעגן גריסן.
קוקט ניט, וואָס איך שלעפּ זיך איינזאַם,
גיי צופוס און אָפּגעריסן.

כ׳בין אַ קעניג. האָב אַ האַרעם
פול מיט יונגע, שלאַנקע פרויען.
קוקט ניט... קוקט ניט... איך דאַרף קיינעם
מיין פאַרמעגן ניט פאַרטרויען...

5

יעדן טאָג, אַ שעה פאַראַנען:
טו איך אויס די קעניג־קליידער,
נעם אין האַנט דעם וואַנדער־שטעקן
און פאַרלאָז מיין אייגן חדר.

כ׳לאָז זיך איבער מערק און גאַסן,
איבער אָפּגעצאַמטע הויפן.
יינגלעך וואַרפן שאַרפע שטיינער,
בייזע הינט אַנטקעגן לויפן.

פרעמדע קליאַמקעס ברענען, בריען,
וואונדן מאַכן שאַרפע שטיינער; —
אינקאָגניטאָ אומגעוואַנדלט
האָט אַ קעניג שוין ניט איינער.

6

איר שלוחים פון אַ קאַלטן לאַנד,
ווער האָט נאָך אייך געשיקט?
און די מתנות אייערע, —
איך דאַרף, איך דאַרף זיי ניט.

איר קערט צוריק צו אייער האַר
און זאָגט אים מיין פאַרלאַנג:
„איך וויל נאָך זען קאָסעס גלאַנץ,
און הערן סערפּעס קלאַנג.“

און זאָל ער זיכער זיין, דער האַר,
כ׳וועל קומען צו דער צייט;
דערגרייכן וועט מיך זיין באַפעל, —
איך וואוין דאָך דאָ ניט ווייט.

7

ניט קיין טאַטע, ניט קיין מאַמע,
אויף דער גאַנצער וועלט ניט קיינער;
גליטש איך זיך צום טיפן אָפּגרונד,
שפּילנדיק זיך איינער, איינער...

קיינער זעט ניט, קיינער שטערט ניט,
גיי איך באָרוועס אום אויף שטיינער,
מיינע פיס פאַרבינדט ניט קיינער —
איינער בין איך, איינער, איינער.

כ'פליק די דינע לעבנס־פעדים
מיט צעקרימטע שפּיזלעך־ציינער;
אָן אַ פּריינט און אָן אַ גואל —
איינער בין איך, איינער, איינער.

אין געפאַנגענשאַפט

1

געפאַנגענע זיינען מיר אַלע
און זיצן אין איינצלנע צעלן;
מיר קענען ניט אונדזערע שכנים —
די אייביקע ווענט זיי פאַרשטעלן.

און יעדערער שלאָגט זיך באַזונדער
דעם קאָפּ אָן דער וואַנט פון זיין תפיסה,
ווען טויזנטער נאָענטע כאָרכלען
אין לעצטע מינוטן פון גסיסה.

2

ווערט פון שעה די תפיסה ענגער,
מזל־בלינד גייט וואַנט אויף וואַנט;
שטרעק איך אויס אַ האַנט, — אָן קאַלטע
שטיינער בריט זיך אָפּ מיין האַנט.

נאָך אַ טאָג און נאָך אַן אָוונט, —
וועט מיך איינפּרעסן דער שטיין;
ווען די תפיסה וועט צעפאַלן,
וועל איך זיין איינגאַנצן שטיין...

3

כ׳האָב ראָזיקע וואָלקנס געזען אין דער פרי —
אַ שפּרייטונג פֿאַר קומענדע זונען;
אומזיסט זיינען גאָלדענע שטראַלן
אויף אייזערנע גראַטעס געפאַלן.
די וואָלקנס, זיי זיינען צערונען.

כ׳האָב פּורפּורנע וואָלקנס אין אָוונט געזען,
די טריט פון פאַרגאַנגענע זונען.
באַגילט האָט די זון אַלע וועגן,
ווען איך בין אין נאַכט דאָ געלעגן;
אויך די וואָלקנס זיינען צערונען.

4

פון קאָפּ די שיכרות שלאָג אַרויס,
און רייב די אויגן ניכטער אויס;
פון האַרצן טרייב אַרויס דעם חלום,
און מאַך מיט דיינע גראַטעס שלום.

ווערסט זען אַ בוים פון ווייטן בליען;
אַ פויגל וועט אַמאָל דורכפליען; —
דו זאָג צו זיך: ס׳איז ניט באַשערט,
געוויס בין איך ביי גאָט ניט ווערט...

פון איינעמס לידער

ענגע ווענט

1

און קיינער גייט.
מיין הויז איז אויפגערױמט און ווייס,
די דילן זיינען ריין,
די שטולן שטייען אויף אַן אָרט,
און איך — איך בין אַליין.

און קיינער קלאַפּט.
וואָלט דורכגעלאָפן כאָטש אַ מויז
און וואָלט די רו צעשטערט;
וואָלט כאָטש אין וואַנט אַ גריל געגרעדט, —
איך וואָלט זיך צוגעהערט.

און קיינער קומט.
איך האָב מיין שטוב־טיר ניט פאַררוקט.
עס פאַלט מיר פלוצלונג איין:
עס קען אַ גנב צוקומען,
אַ פּרואוו טאָן — און אַריין.

און קיינער רירט.
ער וואָלט די ביכער פון דעם טיש,
די קליידער פון דער וואַנט
צונויפגעראַמט. כ'וואָלט זיך געטרייסט:
דאָ האָט געטאַפּט אַ האַנט.

און קיינער וואַכט.
אומזיסט מיט שרעקעדיקע טריט
קום איך נאָך האַלבע נאַכט.
קיין שאָרך, — און אַלץ איז אויפן אָרט.
כאָטש קיינער האָט געוואַכט...

— — — — — — — — — — — — — — —

2

עס קלינגען סערפּ און קאָסע,
דאָס איז די צייט פון שניט.
איך הער באַקאַנטע שטימען,
איך הער די שניטערס טריט.

איך זע די מיידלעך קומען
מיט בלומען אין די האָר;
זיי גייען און זיי זינגען
צוזאַמען אין אַ כאָר.

עס ברעכן זיך די וועגן
פון שווערער סנאָפּעס־לאַסט;
צו זאַט וועט איטצער עסן,
ווער ס׳האָט ביז היינט געפאַסט.

איך וועל אין פעלד אַרויסגיין
זען וואָס איז מיר באַשערט.
איך האָב דאָך אויך אַ חלק
אין גאָטס געבענטשטער ערד.

3

איך בין געזעסן פאַר מיין שוועל,
דער טאָג איז אויסגעגאַנגען.
מיטן ברייטן, קעניגלעכן וועג
אַ מאָדנער צוג איז דורכגעגאַנגען.

פיר יונגע פֿאַזשן, בלוט און מילך, —
אין אַ שטול מיט גאָלד באַשלאָגן,
מיט גראָז און בלומען אויסגעבעט, —
די „ליבע״ האָבן דורכגעטראָגן.

איך האָב זיך נידעריק פֿאַרבויגט
און זי אין שטוב פֿאַרבעטן.
זי האָט געזאָגט: עס טוט מיר לייד . . . —
און ניט געוואָלט מיין שוועל באַטרעטן.

צו זעקס שניי־ווייסע פערד געשפּאַנט
האָט זיך אַ קאַטש געטראָגן:
אויף הויכע קישנס, גאָלד געבעט,
געזעסן איז די „רום״ אין וואָגן.

איך האָב צעשפּרייט די הענט, — געוואָגט
צו אויפהויבן די אויגן;
זי האָט פֿאַרזען מיך — פון דער הויך...
איז איבער מיר אַדורכגעפלויגן.

מיט אַ שטאָק, וואָס לעכערט דורך די האַנט,
מיט גלאָזיק־שטאַרע אויגן,
די דאַרע אַקסלען פון אַ פּאַק
מיט ניט־געטאָנענע זינד געבויגן,

דערנענטערט האָט זיך צו מיין טיר
דער „שלאַק״ — איך האָב געשוויגן...
ער האָט זיך אָן זיין אייגענעם שטאָק
פֿאַרפלאָנטערט — און געבליבן ליגן...

4

דאָס פּעלד, וואָס איך האָב אָנהויב יאָר
פֿאַרזייט מיט פריילעכע געזאַנגען,
האָט איצט, סוף־זומער זויפגעשפּראָצט
מיט דערנער גיפטיקע ווי שלאַנגען.

און גאָט האָט אים, מיין פּעלד, געבענטשט —
מיט יעדן טאָג אַ שניט אַ נייער.
די פּועלים ליגן מיד ביז טויט
ביים אָנגעפּאַקטן שייער.

און איך אַליין, דער באַלעבאָס,
בין פון דער שפע גאָר דערשלאָגן:
איך בין דאָך גאָר אַ מענטש — ווער קען
אַזאַ גערעטעניש דערטראָגן?...

דער מענטש דער שטיין

די מאָנאַשקע

מיין צימער איז אַ שטילע צעלע,
און אַ מאָנאַשקע — איך אַליין ;
און ביי מיין בעטל איז דער פאָרהאַנג,
ווי מיין געהייליקט לעבן — ריין.

אַ צלמל, אַן אַלטע ביבל,
און ווייטער — גאָר נישט. גאַנץ אַליין.
פון אין דער פרי ביז איצט געבעטן,
וועל אויף די קני באַלד ווידער שטיין.

און אין דער מיטען אָונט־תפילה,
ווען ס׳וועט די זון שוין אונטערגיין,
וועט וויינען שטיל דאָס האַרץ, — מיין לעבן
איז ווי מיין בעטלס פאָרהאַנג ריין...

ווערלענ׳ס קעניגרייך

גאָלדענע ליוסטרעס און שפּיגלען
אויף אַ גין־גאָלדענעם פאָן ;
רויטע, באַגולד׳טע פאָרהאַנגען ;
פעלט נאָר — אַ גאָלדענער טראָן.

בין איך אַ קעניג, אַ גרויסער ;
דערפער און שטעט זיינען מיין ;
אָפט נאָר מוז ליידן דער קעניג
הונגער און איינזאַמקייטס־פּיין.

אויסצערן לאָזן דעם קעניג
איז דאָך אַ זינד און אַ שאַנד;
וועל גלייך דעם קאַנצלער באַפעלן...
— האָב איך קיין גלעקל ביים האַנט...

עמעצער שאַרט זיך אין פאָרהויז, —
איז מיר דאָס שאַרן באַקאַנט...
זאָג איך: „אַריין!‟ — קומט צופויזען
מיין גענעראַל־אַדיוטאַנט.

מיין קאַמער־דינער — דאָס קעצל.
בלינד איז זי, קרענקלעך און קליין.
פרעג איך: צי פּאַסט פאַר אַן אומה —
לאָזן דעם קעניג אַליין?

גיי, מונטער אויף זיי, די בירגער,
שטורעם דאָס לאַנד ווייט און ברייט;
זאָג זיי: דער קעניג — אין עלנט;
זאָג זיי: דער קעניג — אין נויט!

דער לעצטער פערדינאַנד

פערדינאַנד, דער לעצטער הערשער,
קעניג איז — ביים טיטל נור.
אַלע אוצרות אויסגעליידיקט,
פון זיין חייל — ניט קיין שפור.

און דערוויל פון אַלע זייטן
רייסן שכנים זיך צום קריג.
יונגע פעלקער — שאַנד און חרפּה —
ס׳גלוסט זיך זיי אַ גרינגער זיג.

און זיי רוקן אָפּ דעם גרענעץ,
רייסן פּאַסן פון זיין לאַנד, —
אין זיין שלאָפצימער, דער קעניג
שטייט און מאָלט ראַש אויף דער וואַנט.

אויף די הוילע ווענט פון חדר
שטעלט ער גאַנצע מחנות אויס.
קיראַסירן און הוזאַרן
רייטן פאָלקנווייז פאַראויס.

הינטער זיי אַ וואַלד פון שפּיזן
אין דער ברייטער ווייטקייט בליצט, —
דאָס רוקט אָן די אינפאַנטעריע
פון קאַנאָנען איבערשיצט.

זעכציק גענעראַלן ציען
מיט דעם חייל אין דער שלאַכט.
איבער אַלע שטייט דער קעניג
פערדינאַנד — די העכסטע מאַכט . . .

וואונדערבאַרע פּאָזיציאָנען
בויט ער אויף אין אויגנבליק;
און דער שונא איז צעשלאָגן,
און דאָס לאַנד איז פריי צוריק.

נאָך דער שלאַכט ציילט ער די העלדן...
ער איז שטאָלץ וואָס אַזוי פיל...
און די לעבעדיקע געבן,
הייסט ער, גאָלד און זילבער פיל.

רופט אַן אַלטן גענעראַל צו,
גרייכט אים קעניגלעך די האַנט;
טוט אַ צווייטן אָן אַן אָרדען —
„אַננאַ“ אויף אַ רויטן באַנד.

הונדערט נייע שטעט און דערפער
ברענגען צינזן צו זיין טראָן;
וועט פּאָר אַלטע און אלמנות
גיין דערפון אַ „פּענסיאָן".

נאָר אַזוי ווי שטעט און פאָלקן
איז געמאָלעכץ אויף דער וואַנט,
מוז אַליין ער זיך באַדאַנקען,
דריקן זיך אַליין די האַנט.

* * *

נאַכט־אין־נאַכט אַזוי כסדר,
יאָרן לאַנגע נאָכאַנאַנד,
פירט צום קריג און זיג די מחנות
ער, דער לעצטער פערדינאַנד.

פּאָליקראַטוס

ער האָט געזאָגט: ער קען שוין מער
מיין גאַסט ניט זיין,
און איז אַוועק, זיך רעטנדיק, —
און וואָס וועט איצטער זיין?

דעם שונא האָט מיין שפּיז באַזיגט.
זיין לאַנד איז מיין;
אָט ליגט צו מיינע פיס זיין קאָפּ, —
און וואָס וועט איצטער זיין?

די זעגל־שיפן זיינען ערשט
אין פּאָרט אַריין
מיט פּערל, גאָלד און העלפאַנטביין, —
און וואָס וועט איצטער זיין?

אומזיסט וואַרף איך מיין גאָלד'נעם רונג
אין ים אַריין;
אַ פיש האָט אים צוריק געבראַכט, —
און וואָס וועט איצטער זיין?

די געטערס ראַכע וועט שוין לאַנג
ניט אויסן זיין...
מיט אַ געבויגטן קאָפּ וואַרט איך, —
וואָס וועט איצטער זיין?

דריי וואונטשן

דריי מענטשן אין פרימאָרגן
האָט מען צום טויט געפירט;
ביינאַכט האָט מען דריי וואונטשן,
דריי לעצטע דורכגעפירט.

דער ערשטער ביי אַ כוסה
האָט בלויען טאָג דערזען.
ביים צווייטן איז זיין כלה
די גאַנצע נאַכט געווען.

דעם דריטן האָט אַ חבר,
אַ יוגנט־פריינט, באַזוכט.
זיי האָבן גאָט געלעסטערט,
געשפּאָטן און געפלוכט.

אין קאַפּע

1

עס זיצן דריי געסט ביי אַ טישל,
און פרעמד זיינען איינער דעם צווייטן;
און יעטווידער טראַכט זיך באַזונדער
אָם זיכערסטן ווי זיך צו טויטן.

דער ערשטער:
איך וועל טיר און פענצטער
פאַרקלעפּן, דעם גאַז לאָזן רינען.
אויף מאָרגן וועט מיך דער פרימאָרגן
אַ בלויען, אַ קאַלטן געפינען.

דער צווייטער:
אַ קרוק שטעקט אין באַלקן,
איך האָב אויך אַ האַנטוך אַן אַלטן;
איך וועל אויפן האַנטוך זיך הענגען,
דער קרוק וועט די משא דערהאַלטן.

דער דריטער:
איך וועל אויף צו־פליסן
צום פענצטער אַ גיי טאָן און שפּרינגען.
מיין פענצטער איז הויך... טאָ וואָס אַרט מיר, —
זאָל באַכדעם דער אַמבולאַנס קלינגען...

עס זיצן דריי געסט ביי אַ טישל.
דריי פרעמדע? — דריי נאָענטסטע ברידער.
זיי צאָלן, און גייען פאַנאַנדער —
זיי וועלן זיך טרעפן דאָרט ווידער.

2

אַ גאַנצן טאָג איז מען געזעסן,
געפּלוידערט פאַרשידענערליי;
פאַרבאָרגן האָט איינער פון צווייטן
וואָס אים טוט אָם האַרציקסטן וויי.

באַקלאָגט האָט זיך וועד אויף די טורעמס:
זיי לאָזן דעם הימל ניט זען;
און האָט אויסבאַהאַלטן, וואָס קיינמאָל
איז ער נאָך געליבט ניט געווען.

אַ צווייטער האָט ברוגז געמורמלט,
וואָס טייער איז דירה און ברויט;
און האָט ניט געוואָגט צו דערציילן,
ווי נישטיק זיין לעבן פאַרגייט.

אַ דריטער האָט עפּעס געפּלאַפּלט,
ניט ערנסט, ניט טיף און ניט גרויס;
ביז וואַנען די נאַכט איז געקומען,
זיי אַלע פאַרשאַרט אין איר שויס...

3

ניט־געבונדענע פּערזן

ווי אָפט האָב איך דעם הונט, דער חיה ניט פאַרגונען,
ער האָט זיין ביין, זיין שטאַל, זיין באַלעבאָס געפונען;
דער וואָרעם אויפן וועג, דער עקדיש אין די היילן —
זיי פּויזען אויפן בויך, אַזוי האָט גאָט באַפוילן.

די ווייב לעבט פאַר איר מאַן, די מאַמע פאַר די קינדער,
אַ ניצלעך אַרבעט טוט אויך דער נבלות־שינדער,
און ניט אומזיסט טוט אויך זיין וואונד דער קריפּל ווייזן,
עס וואַרט פאַר אים אַ הונט, אַ קאַץ — ער מוז זיי שפּייזן.

נאַר, וואָס האָב איך צו טאָן? צו וואָס בין איך געקומען?
ווער דאַרף מיין שטילע ליד, און ווער האָט זי פאַרנומען?
און פּונקט ווי איך אַליין, אויך זי איז ניט געבעטן,
און פול מיט שרעק איז זי — מען זאָל זי ניט צעטרעטן.

איך ווייס ניט, וועלכער גאָט, צי שד, האָט מיך פאַרשאָלטן:
פון קינדווייז אָן איז מיר נאָך קיינמאָל ניט געגאָלטן,
אויף וואָס איך האָב געוואָרט, איז קיינמאָל ניט געקומען
און וואָס איך האָב פאַרמאָגט, דאָס איז אַוועקגעשוואומען

* * *

צען זונען איבער מיר; אין האַרצן צען באַגערן;
ווי האָב איך דען געוואוסט, צו וועלכער זון זיך קערן?
פון זונען־ליכט געבלענדט בין איך אַרומגעגאַנגען
ביז אַלע זונען זיינען מיר איינס נאָך איינס פאַרגאַנגען.

אומזיסט האָב איך געוואַרט. אָט הויבט אָן פינצטער ווערן,
אַ גאַנצע וועלט — אַ מענטש, וועט באַלד פאַרלאָשן ווערן;
און וואָס איז מיר פון טאָג, פון ליכטיקן געבליבן —
מיין בלאַט ווערט אומגעקערט, — אַ ווייסער, ניט פאַרשריבן.

* * *

איך ווייס ניט ווער איך בין, און ווען איך בין געבאָרן;
אָט בין איך אַלט אַ טאָג, און אָט גאָר טויזנט יאָרן.
עס טראָגט מיין שוך אויף זיך דעם שטויב פון טויזנט וועגן;
איך ווייס ניט וואו מיין גוף איז לעצטע נאַכט געלעגן.

* * *

אין לאַנד פון פּרס איז געווען אַמאָל אַ קעניג:
צוועלף לענדער זיינען אים געוועזן אונטערטעניק;
אין יעדן לאַנד פלעגט ער צו איינציק חודש זאַמען
מיט זיינע קעבס־וייבער און ראַט־געבער צוזאַמען.

אַ נידעריקע שטוב. צוועלף טישן ביי די זייטן;
מיט פּרויען אָנגעטאָן אין שוואַרצן אין דערווייטן.
אין לאַנד פון פּרס איז געווען אַמאָל אַ קעניג, —
צוועלף וויסטע שעהן זיינען געווען אים אונטערטעניק.

* * *

עס קאָכט, עס רוישט די גאַס, די שטאַרקע כוואַליעס שלאָגן;
באַלד וועט דער ים מיין הויז אין בערוועגעס צעטראָגן.
עס טייטן טויזנט הענט און טויזנט העלדזער שאַלן,
און מיינע מויער־ווענט ווי קאָרטן־ווענט צעפאַלן.

וואָס ווילן זיי פון מיר? זיי ווילן מיך פאַרשטיינען?
און אפשר מיך מיט גוואַלד פאַר זייער קעניג קרוינען?
און אפשר ווילן זיי — דעם וועקסל פון דעם זיידן
באַצאָלן זאָל דאָס קינד מיט ניט פאַרדינטע לײדן?

און אפשר רוישט דער ים, ווייל אויף זיין קאַרק די ווינטן
צעהוליעט האָבן זיך, און מיט די וואַסער־אינדן
אַוועק אַ טאַנץ; און זיי קומט קיינעם ניט אין זינען,
אַז ס'שטייט ביים ברעג אַ הויז, — עס זיצט אַ מענטש דערינען —

מיט טרייסלענדיקע קני און ווייט־צעשפּרייטע אויגן
און וואַרט, און קוקט אַרויס צום ים אַרויסגעבויגן,
און וויל אין דעם געזאַנג פון ים און ווינט פאַרנעמען
אַ ווייטן רוף, צי ווערט ער ניט געזוכט פון וועמען?...

4

איך מוז און וועל אַוועקגיין,
צי פריער אָדער שפּעטער;
שוין שמידן זיך די רידלען,
שוין זעגן זיך די ברעטער.

די שמידן און די זעגער,
זיי לאַכן ברייט און ריידן
פון שניט־צייט און פון תבואות,
פון חתונות און פריידן.

איך וועל אַוועק פון דאַנען
אָן טענות און אין פרידן;
עס וועלן לאַנג נאָך לאַכן
די זעגער און די שמידן.

5

פאַר אייך די פּופּציק ערן־לויפער,
דער פּול־פּאַרדינטער, הויכער לויב;
פאַר אייך די בלומען־בונטע וועגן,
פאַר מיר — דער זאַמדיק וועג, דער שטויב.

פאַר אייך די גרוימיקע חדרים,
מיט לען־שטולן און טישן גרייט;
פאַר מיר — אַ לעבן, לייטס־געלעכטער,
פאַר מיר — אַ הינטער־פּאַרקאַן־טויט.

פאַר אייך אַ לאַנגע שנור פון יאָרן,
אין וואוילטאָג און צופרידנקייט;
פאַר מיר — מיט בלוט־באַשפריצטע לידער,
פאַר מיר — ווער ווייס... די אייביקייט.

6

פון מיין קוואַל די לאָגלען דיינע
פילן וויל איך ניט.
מיט מיין גוטס די קעמלען דיינע
לאָדן וויל איך ניט.

וועסט זיך פאַרן מאַרק באַרימען —
דיינס האָסטו געבראַכט.
מלכי צדק וועט נאָך זאָגן:
איך האָב אברם רייך געמאַכט.

וואָס איז מיר דיין האָניק־ציגל?
וואָס מיר דיין דמשק־געלט?
אין מיין פּאַלמעס שאָטן בין איך
רייכער פון דער גאַנצער וועלט.

7

צום טיש, צום טיש!
ווער שפילט מיט מיר?
איך שטעל אין קאָן:
אַ לאַפּקע פון אַ שוואַרצן האָן,
אַ שטיקל פאַרב־פּאַפּיר,
אַ חלום ניט־פאַרענדיקט האַלב,
אַ ניט־דערקוילעט קאַלב,
אַ טיטל וואָס איז האַלב פאַרמעקט,
אַן ערע אָפּגעניצט, פאַרפלעקט,
אַ שערבל פון אַ סדר־כוס,
אַ דאַרע בלאַט, אַ חורבה־גראָז.

* * *

ווער גייט צום טיש,
ווער שפילט מיט מיר?
אַן איינציק קאָרט: אַ מלכה־יונג,
אַן איינציק שפּיל: אַ זילבער־קלונג.
איר גייט ניט? שאַ... איך שפּיל — מיט מיר
און נעם זיך אַלע מלכות פיר.

פון זעקסטן שטאָק

1

דריי פענצטער. עס שטייען דריי ווייבער
און קאָכן אַ שבת־געריכט;
דריי רויכיקע אויוונס. דער שוויס רינט
פון יעטווידער ווירטינס געזיכט.

נאָר וואַרט: אויף דער נאַכט — ווען די פּערטע,
די מלכה, וועט קומען צו זיי, —
אַ פּאַלאַץ וועט זיין יעדע קאַך־שטוב,
אַ הויף־דאַמע יעטווידע פרוי.

2

זי שטייט אויף זייגער ניין
פון בעט, אַן קלייד, אַן זאַקן.
אַ שלאַנקער קערפּערל, געמישט פון בראָנז און מאַרמאָר,
און ס׳הוידען זיך ביים האַלדז צוויי שוואַרצע, יונגע לאָקן.

זי שטייט אויף זייגער ניין
און שפּילט זיך מיט דער מוטער;
זי זעצט זיך אויף איר שויס און פּאַטשט איר אין די באַקן,
און מיט דער קליינער האַנט באַפעלט זי: „ברויט מיט פּוטער".

זי שטייט אויף זייגער ניין, —
די מיידעלע אַנטקעגן,
און לויפט פאַרשייט אַרום. די מאַמע איילט אין קיך
צו מאַכן אָנבייסן פאַר איר ליב־טאַכטערס וועגן.

3

אַ זון־שטראַל פון שלאָף האָט געוועקט מיך, —
האָב איך דאָס פאַרשטיין ניט געקענט:
ווי קומט גאָר דאָס ליכט פון די פעלדער
אַהער צווישן אייזערנע ווענט?

אַ לוסטיקער ווינט האָט געגלעט מיך, —
האָב איך ניט געקאָנט אַלץ דערגיין:
ווי קומט גאָר דאָס קינד פון די פעלדער
אַהער אין די צעלן פון שטיין?

אַ בלומען־געררוך האָט געדעגט מיך, —
האַלב וואַך שוין האָב איך אַלץ געטראַכט:
ווער האָט עס דעם גליק פון די פעלדער
אין צימער צו טראָגן געבראַכט?

אין לייבערערי

1

אין דער לייבערערי, אין אָנהויב־אָוונטיקע שטונדן,
ווי אין מיטן נאַכט — אַ חברה אָפּגעלאָזטע לייט
שלאָפט ביי אַ לאַנגן, געלן טיש. נאַכלעסיק הענגען
די לאַנגע ביט־פאַרקעמטע האָר זיי אויף אַ זייט.

איין טרוים דערוואַרעמט האָט צען אָפּגעקילטע הערצער,
און פון פאַרלייגטע נעזער צען איין שנאָרכן גייט,
און פון די הויכע ווענט אַ בינטל ווייבער־געטער
האָט זיך פאַר זיי אין אַ האַרעם אויסגעשפּרייט.

זשורנאַלן אויסגעבלעטערטע: אויף פּליוש דיוואַנען,
דאָ קושט דער העד זיין שקלאַפין; דאָרט אַ יונגפרוי רוט,
ערשט פון דער באָד... איר גאַז, די רויטע זשיראַנדעלן
מיט פורפור־שיין פאַרגיסן, ווי מיט רויטן בלוט.

אין וועג פאַרנעמענדיק די אָפּגעטאָגטע בלעטער,
מיט דראָבנע טריט קומט די לייברעריען צוגיין.
אין שלאָף דערקענט האָט איינער אירע מיידל־שיכלעך
און האָט צעשטראַלט זיך מיט די ווייסע, שאַרפע ציין...

2

אַ בוך אין האַנט. פון ראַדיאַטאָר
דער דאַמף ווי טוי אויף ברעמען ליגט.
אַ לייכטער טראַב פון גאַס דערטראָגט זיך,
עס שלעפערט מיך, בין האַלב פאַרוויגט.

עס שלעפּערט מיך. ווי דורך אַ לייוונט
איינטאָניק טריפן ווערטער, רייד, —
אַ בחור חזרט די „גראַמאַטיק",
ער זשומעט פאַר זיך שטילערהייט.

עס שלעפּערט מיך. אַן אָפּגעצערטע
פון פענצטער קומט אַריין די גאַס.
די קינדערס גרילציקע געשרייען
פאַרנעפּלען זיך, אי ווייך, אי בלאַס.

און האַלבע טענער, האַלבע פאַרבן
פאַרוויקלען מיך אין טרוים און רויך.
אַ בוך אין האַנט; די קולות שטאַרבן, —
אי ווייט, אי נעפּלדיק, אי ווייך.

צום שטערן נויד

1

צום שטערן נויד —
אי פרי, אי שפּעט.
צום שטערן נויד
איז מיין געבעט.

דער שטערן נויד
הענגט איבער מיר.
דער שטערן נויד
וואַכט איבער מיר.

דער שטערן נויד,
ער דרינגט אַריין
דורך אַלע ווענט
און שענקט זיין שיין.

און וועמענס זון
עס איז פֿאַרשטעלט,
און וועמענס ציל
עס איז פֿאַרפֿעלט, —

צום שטערן גויד
זאָל זיין געבעט,
ווי מיינע, זיין
אי פרי, אי שפּעט.

2

דער לייב — פֿון בראָנזע אויסגעשלאָגן,
די גריווע הויך פֿון ווינט געטראָגן,
און אויף די ליפּן זידט דער שוים, —
די פיס נאָר שטעקן טיף אין ליים.

דער שטייפער קערפּער אויסגעבויגן,
איעדער מוסקול אָנגעצויגן
און צו אַ וויטן שפּרונג געגרייט,
און ער — ער רירט זיך ניט פֿון קויט.

אַזוי שטייט ער חדשים, יאָרן
(מיין טיש זיין מדבר איז געוואָרן),
פֿאַרשטויבט, פֿאַרבלאָטיקט פֿון דער צייט, —
און רייסט זיך, רייסט זיך ערגעץ ווייט...

3

מיין אָסיען־זון איז אויפֿגעגאַנגען
אין האַלבע נאַכט, אין מיטען נאַכט,
ביי מאָלצייט־טישן זיצן אַלע
מיט טיר און לאָדן צוגעמאַכט.

פון הויכן באַלקן לייכטן לאָמפּן
און אויף די טישן ברענען ליכט;
זעט און אַבאַזשורן־שאָטנס
ליגט אויף יעדערנס געזיכט.

ווער וועט איצט מיין זון באַגעג׳נען?
אויף וועמענס שטערן וועלן פאַלן
און וועמענס אויגן וועלן בענטשן
אירע אָסיענדיקע שטראַלן?

4

דאָס בלוט איז פון זיין האַרץ גערונען,
ווען ער האָט פון דער קאַרגער וועלט
דעם ערשטן בלויען פּרייז געוואונען, —
דאָס איז געווען זיין אָפּצאָל־געלט.

דעם צווייטן פּרייז האָט ער גענומען
און האָט באַצאָלט דעם העכסטן פּרייז:
אַ יונגער מאַן אַריינגעקומען
און איז אַרויס אַ ווייסער גרייז.

און ווען ער האָט צולעצט געקראָגן
דעם לעצטן פּרייז, — האָט פאַר זיין שטוב
געוואַרט אַ שוואַרצער פערד־און־וואָגן,
וואָס האָבן אים געפירט צום גרוב.

5

און ווען דער שווייגנדיקער קוטשער
וועט צופאָרן מיט פערד־און־וואָגן
און אויפקייטלען פאַר מיר דאָס טירל, —
פאַרביי מיר וועלן זיך דורכטראָגן,

ווי אין אַ קירכלעכער פּראָצעסיע,
באַגלייט פון קירכלעכע געזאַנגען,
די יאָרן, וואָכן, טעג וואָס זיינען
אומזיסט געבאָרענע פאַרגאַנגען.

נאָר ניט ווי אָפּגעקאָרגטע קוואַלן
און ניט ווי אָפּגעדאַרטע בלומען, —
ווי יונגע, ניט־געניצטע זונען
אַנטקעגן וועלן זיי מיר קומען.

6

וואָס טו איך, גאָט, מיט מיינע יאָרן?
זיי האָבן זיך אין וועג צעשטעלט
און לאָזן מיך ניט גיין, ניט פאָרן
אין דער באַשיינטער ווייסער וועלט.

זיי האָבן זיך צעשפּרייט, צעשלאָגן,
ווי ביימער־קאָרטשעס אויף דער ערד,
און לאָזן ניט אַדורך דעם וואָגן,
און שרעקן שווייגנדיק דעם פערד.

די וועלט איז ווייס. אין הימל אויבן
איז אויסגעשנייט דער שטערן־וועג;
נאָר פון דער ערד זיך ביימער הויבן
ווי יאָרן־קאָרטשעס אויף מיין וועג.

7

דער האָט אַ גדר אויפגעשטעלט
צו אויפהאַלטן די טויטע וועלט;
און דער האָט אויסגעבויט אַ שול, —
זיין לויב מאַכט אַלע הייזער פול.

און איך, מיט הענט פֿאַרשמירט אין ליים,
איך גיי מיר אויפֿבויען אַ היים,
אַ הויז פֿאַר וואַכעדיקע זאָרגן.
וואָס ליגט, גאָט, אין דעם הויז פֿאַרבאָרגן?

צי וועט מען דאָרטן שמחות מאַכן?
צי וועלן דאָרטן קינדער לאַכן?
און אפֿשר וועט מען גאָר אַ טויטן
פֿון יענעם הויז אַרויס באַגלייטן?

און אפֿשר שוין ביי פֿענצטער שטעלן,
צי גאָר ביים אויסלייגן די שוועלן,
פֿון הימל וועט אַראָפּ אַ פֿייער
און צונעמען וואָס מיר איז טייער?

8

אַזוי ווי ער, — מיט קראַנקע גלידער
ליג איך צום קאַלטן בעט געשמידט.
פֿון ביימער, בלומען, זונען, פֿרויען
געבליבן איז ביי מיר — אַ ליד.

אַזוי ווי ער. דערזעלבער מלאך,
וואָס האָט געשוועבט איבער זיין קאָפּ
די לעצטע טעג אין מאַטיגנאָן, —
לאָזט זיך אַמאָל אויף מיר אַראָפּ.

9

פֿרוי ווינטער איז נעכטן געקומען.
די קודרעס מיט פּודרע באַשאָטן,
די באַקן — דערפֿרוירענע בלומען,
און קאַלטע, שטייף־אייזיקע הענט.
געלעכערטע הענטשקעס געטראָגן, —

די פינגער פון פראָסט זיך צעברענט;
האָט, קענטיק, אַן מיר זיך דערוואַר׳מען
געוואָלט, און גענומען אומאַר׳מען
מיין האַלדז, מיינע אַקסלען געשטיקט,
מיין ברוסט אַזוי שטאַרק אויפגעדריקט,
אַז שרייען האָב איך ניט געקענט.
דערנאָך אויף אַ ווייל אָפּגעלאָזן,
און האָט, ניט געפרעגט, זיך געלאָזן
דורכנישטערן אַלמערס, קאָמאָדן,
גלייכגילטיק־פאַרשטעלטע סעקרעטן
מיט בריוו, סואווענירן, פּאָרטרעטן.
אַלץ פאַר דער שיין אויפגעדעקט,
און האָט אַן רחמנות געוועקט
— עס האָט ניט געהאָלפן מיין בעטן —
די קינדער פון זייערע בעטן.
געהערשט גאָר די נאַכט אין מיין הויז
האָבן טרערן, אומאָרדענונג און שרעק. —
מיט טאָג־גלייך ערשט איז זי אַוועק.

10

ניט זאָג: צו אונדז וועט שלום זיין, —
דער אומגליק וועט באַלד קומען.
דער קריג וועט זיין אין יעדן האַרץ,
אויף יעדן צונג און גומען.

די וועגן וועלן אָנפילן
מלחמה קאַראַוואַנען
מיט רייטער, פוס־גייער און פערד
אין אייזערנע געשפּאַנען.

און ווייבער וועלן מענער, זין
פון שטאָט אַרויסבאַגלייטן,
און ווייגען וועלן זיי, ווי ווען
מען טראָגט אַרויס אַ טויטן.

באַשיץ כאָטש, גאָט, מיין אייגן שטוב,
דיין צאָרן זאָל זי מיידן:
זי איז אַן קריג — אויך פול מיט קריג,
מיט שרעקן און מיט ליידן.

נעענטער צו דיר

1

עס זיינען לידער פילע דאָ
פון דאָרשט און זעט, געיעג און פאַנג.
נאָך אַלע לידער קומט דאָס ליד,
דאָס לעצטע ליד פון אונטערגאַנג.

נעענטער צו דיר, צו דיר
ציט זיך מיין איינזאַם נאַכט־געזאַנג.
פאַרנעם, מיין גאָט, פון טיפן גרונט,
מיין טיפן ליד פון אונטערגאַנג.

עס וועלן אַנדערע מאָרגן פרי
דעם וואַלד פאַרקלינגען מיט געזאַנג.
דאָך איך זינג היינט די לעצטע נאַכט
דאָס ליד פון נאַכט און אונטערגאַנג.

2

מען זאָגט, אַז אין די לעצטע שטונדן
קומט אָן אַן איילנדיק צושוועבן
אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן
מיט די יונגע טעג פון לעבן.

אַזוי פּאַר מיינע אויגן קומען
פון קינדהייטס טיפע, שטילע גרונדן,
פערלען־קרענץ אַרויפגעשוואומען, —
זיינען דאָס די לעצטע שטונדן?

מען זאָגט, אַז אַלע פּיין און ליידן,
וואָס האָבן אים צום בעט געבונדן,
פון אָפּגעצערטן גוף פאַרשיידן
אין די לעצטע לעבנס־שטונדן.

אויך איך האָב אַלעמען פאַרגעבן
אַלע ביילן, אַלע וואונדן;
אַלע תביעות אויפגעגעבן, —
זיינען דאָס די לעצטע שטונדן?

3

דער גאָט, וואָס האָט ביז איצטער
אין גויט מיך אויסגעהיט,
וועט אויך אויף ווייטער היטן
פון אומגליק מיינע טריט.

דער גוטער גאָט אין הימל
וועט איצט נאָך בעסער זיין:
ער וועט זיין קינד, מיך, פירן
צו זיך אין הויז אַריין.

מיט אַלע גרויסע קינדער
מיך נעמען אין זיין קלייד, —
אַ ליכט פון זיבן זונען
איז אויף גאָטס קלייד פאַרשפּרייט.

4

ווייל איך האָב קיינמאָל ניט געוויינט
און שטיל געשלונגען טרער נאָך טרער, —
איז מיר דעריבער אַזוי שווער.

ווייל לײדיק איז מײן נאַכט־געצעלט,
גלײך ווי מײן האָרץ איז וויסט און לער, —
איז מיר דעריבער אַזוי שווער.

ווייל אויף מײן מנחה קוקט ער ניט
און הבלס פּעטס געפעלט אים מער, —
איז מיר דעריבער אַזוי שווער.

5

די אַרבעט־וואָך ציט אָפּ,
דער שבת־קודש גייט;
און איך האָב גאָרנישט נאָך
פאַרן שבת צוגעגרייט.

און אַז דער באַלעבאָס
וועט מיך אַ שטרענגער פרעגן:
— וואָס האָסטו אויפגעטאָן
פון דײן נשמה וועגן?

אַ שולדיקער וועל איך
פאַר אים דאָך בלייבן שטיין,
און וועל ניט וואַגן אויך
פון אים אַוועקצוגיין.

אָט דעמאָלט וועט זיך לייד,
מײן שוועסטער לייד דערנעענטערן;
און פאַר מײן באַלעבאָס
וועט זי מיך, לייד, פאַרענטפערן.

6

פערציק כמאַרעס קלייבן זיך
אויף מײן אַלטן קאָפּ, —
אײנע וועט אַראָפּפאַלן
אויף מײן אַלטן קאָפּ.

פערציק שוואַרצע ליילעכער
פלאַטערן פאַר מיין טיר, —
איינע וועט מיך צודעקן,
איינע איז פאַר מיר.

פערציק גריבער עפענען זיך
ברייט פאַר מיינע פיס, —
איינע וועט מיך איינשלינגען,
איינע וועט געוויס.

7

וואונדערלעכע לענדער,
וואונדערלעכע טעג;
אין זון באַלויכט'ע שטונדן
ציען אַן אַ ברעג.

אויפן מיטען הימל
די זון פון אייביק שטייט;
קיינער האָט נאָך קיינמאָל
געזען ווי זי פאַרגייט.

ווייסע וועגן לויפן
אין דער אייביקייט;
און די זון באַשטראַלט זיי
אויך אויף יענער זייט.

האַפּיז

1

האַפּיזס ליד אויף יעדנס ליפּן,
האַפּיזס בוך אין יעדן שראַנק;
האַפּיזס לידער ברענגען היילונג
דעם, וואָס איז פון ליבע קראַנק.

וואו איז סאַקי הינגעקומען?
דער גאָטספּאָרכטיקער סאַהיד?
ניט פאַרגעסן נאָר איז האַפיז,
ניט פאַרקלונגען — האַפיזס ליד.

סאַקי שטייט און צאַפּט ביים פעסל,
רויטער וויין אין קריגלעך פליסט.
האַפיז בעטלט מיט די אויגן.
האַפיז בעטלט — נאָר אומזיסט...

גייט מיט ווייב און קינד שפּאַצירן
דער געלערנטער סאַהיד;
יעדער שפּאַן איז אָפּגעמאָסטן,
אָפּגעוואויגן יעדער טריט.

האַפיז שפּילט זיך מיט אַ לערן,
רויטן קריגעלע פון וויין;
אויך די גראָבע שענק־שטוב מיידל
וויל צו אים ניט פריינטלעך זיין.

האַפיזס ליד אויף יעדנס ליפּן,
האַפיזס בוך אין יעדן שראַנק;
האַפיזס לידער ברענגען היילונג
דעם, וואָס איז פון ליבע קראַנק.

קלוג געלעבט און קלוג געפירט זיך
האָבן סאַקי און סאַהיד;
נאָכאַנאַנד געגרייזט האָט האַפיז
און געשטרויכלט טריט אויף טריט.

און געעלטערט זיך אין פרידן
האָבן סאַקי און סאַהיד, —
אומגעוואָגלט, אומגעוואַלגערט
האָט זיך האַפיז מיט זיין ליד.

גאָלד'נע רענדלעך און מוליאַרעס
האָבן אוהלס אויפגעשטעלט
אויף סאַהידס און סאַקיס קברים, —
האַפיז שלאָפט אין מיטען פעלד.

האַפיזס ליד אויף יעדנס ליפּן,
האַפיזס בוך אין יעדן שראַנק;
האַפיזס לידער ברענגען היילונג
דעם, וואָס איז פון ליבע קראַנק.

2

פאַרזיגל, סאַקי, ניט די פאַס;
לאָז אָפן שטיין, און ווער עס וויל
זאָל צוקומען און אָנגיסן
און טרינקען, טרינקען פיל ער וויל...

דער ווייַן אין הונדערט יאָר אַרום
וועט שטאַרקער נאָך און בעסער זיין;
דאָך ווער פון אונדז, די דאָרשטיקע,
זאָג, ווער פון אונדז וועט דאָ נאָך זיין?

און דו, אויך דו וועסט זיין מיט אונדז
אין אָנגעזיכט פון בייזן גאָט.
ווי וועסטו זיך פאַרענטפערן,
פאַר דיין שמאָל-האַרציקייט, פאַר גאָט?

3

וואָס מאַכט עס אויס וואָס איך וועל טרינקען,
צי רויטן ווייַן, צי אָפּפאַל שוואַרצן?
אָ, ניט אין קריגל ליגט דאָס ליד —
עס ליגט אין מיר, עס ליגט אין האַרצן!

און וויסנשאַפטלעך פיל איר זאָלט
מיט איז די שליפן מיר ניט רייבן, —
עס איז מיט מיר און וועט מיט מיר,
ווי ווייַן פאַרזיגלטער, פאַרבלייבן.

איר קלוגע לייט, איר שטאַרקע מענטשן:
נעמט זיך די ערד, די זון, די שטערן,
און האַפּיזן לאָזט נאָר זיין ליד —
ער זאָל ניט קיינמאָל ניכטער ווערן.

4

— האַפּיז, האַפּיז ווידערהאָלט זיך, —
שרייען אַלע אין געשריי:
— יעדן טאָג אַ נייע לידל,
יעדעס ליד — דער אַלטער ווײ.

אָ, איר קורצזיכטיקע מורמלער!
שאַפט ניט גאָט דען אויך אַזוי?
יעדן יאָר — אַ נייעם פרילינג,
דאָך — דער אַלטער סאָלאָוויי.

5

מיטן ווייַן אין שענק פאַרטרינק איך
מיינע טעג און מיינע נעכט.
סאַהיד זאָגט: איך טו אַן אומרעכט;
סאַקי אָבער: איך טו רעכט.

ליבער סאַהיד, ליבער סאַקי,
איר האָט ביידע, ביידע רעכט:
די טאַווערנע איז קיין שאַנד־הויז,
די חברותא — די איז שלעכט.

אָבער גאָט, מיין גאָט, דו ווייסט דאָך:
זי, נאָר זי איז אומגערעכט.
זאָל זיין סאָהיד, זאָל זיין סאָקי, —
מיר איז אַלץ שוין, אַלץ שוין רעכט.

6

האַפּיז האָט ניט צו באַצאָלן
פאַר אַ קריגל פראָסטן וויין.
האַפּיז זאָל דערפאַר ניט זינגען?
ווער זיין ליד ניט האָניק זיין?

האַפּיז מעג אויך הייזון טרינקען, —
האַפּיז מאַכט פון הייזון וויין;
האַפּיז מעג אויך גאָר ניט טרינקען —
וועט זיין ליד נאָך זיסער זיין.

ניט־פאַרגינערס! האַפּיזס שונאים!
שפּאַרט ניט האַפּיזן קיין וויין!
אונטער אַ פאַרשלאָס'נעם הימל
וועט זיין ליד נאָך זיסער זיין.

7

און ווידער האָט אַ רויז פאַרוויאַנעט,
אַ רויז אויף האַפּיזס בייט.
געבליט האָט זי נאָך רויט אין אָוונט,
און אין דער פרי — שוין טויט!

אומזיסט האָט האַפּיז איר געמינטערט,
אין רויטן וויין געוויקט;
אומזיסט די ברוסט זיך אויפגעשניטן,
צום האַרץ איר צוגעלייגט;

זיין ווייַן, זיין בלוט האָט ניט געהאָלפן —
כאָטש ווייַן און בלוט איז רויט...
און ווידער האָט אַ רויז פאַרוויאַנעט,
אַ רויז אויף האַפּיזס בייט.

8

וואו איז, האַפּיז, דיין מאַנדל־ברויט?
וואו איז, האַפּיז, דיין פּורפּור־קלייד?
דיין קאָפּ איז ווייס שוין פאַר דער צייט...
דיין בעכער — פול מיט ביטערקייט...

מיין ליד, דאָס איז מיין מאַנדל־ברויט,
מיין ליד, דאָס איז מיין פּורפּור־קלייד;
מיין קאָפּ איז ווייס שוין פאַר דער צייט?
דער טויט — פאַרזיסט די ביטערקייט...

9

אָ, האַפּיז ווייס, אַז ווייַן און ווייבער
פאַרמאָגן ניט דעם מינדסטן ווערט.
דאָס שטייט אין „בוך". ער האָט דאָס זעלבע
פון אַלטע, פרומע לייט געהערט...

דאָך ווערט נאַכט אייך, נאַכט אויס כסדר
אין איינזאַמקייט זיין האַרץ פאַרצערט;
און ס'רויבט דער קנאהס צינזן־מאַנער
פון זיינע טעג דעם לעצטן ווערט.

10

ווען איך דערמאָן דיין נאָמען זיך
ציט דורך אַ זיסער שטראָם מיין האַרץ.
עס האָט נאָך אַזאַ האָניק־טייך
אין פרס ניט פאַרפלייצט אַ האַרץ.

די מיילער־טאָלן שטילט ער איין,
די דאָרשטדיקע טרינקט ער אָן;
און ביז די רונדע היגלען־קעפּ
די אינדן זיינע שלאָגן אָן.

11

אָ, שיראַז׳ס בלום, מיין האַרצנס טרייסט —
פאַרוואָס האָסטו פאַרבליט?
עס ברענען דאָך נאָך אומעטום
דעם זומערס הייסע טריט.

די ערד איז גרין, דער הימל בלוי,
דער בוים אין בלעטער שטייט;
און קיינער האָט ניט אָנגעזאָגט
מיט שרעק: דער ווינטער גייט!

די גריבער זיינען צוגעדעקט,
צום רעגן ניט געגרייט.
דער רעגן ווייס זיין טאָג: פאַר וואָס
ווייס ניט זיין טאָג דער טויט?

די ערד איז גרין, דער הימל בלוי,
דער ווינטער איז נאָך ווייט;
וואָס האָסטו זיך, מיין בלום, געאיילט
פאַרבליען פאַר דער צייט?

12

ווי דו האָסט האַפיזן געקאָרמעט —
ווייסטו אַליין;
מיט לידער וועט דיר האַפיז צאָלן
דיין פולן לוין.

זיין ליד „צו סאַקי" וועט אַרומגיין
פון האַנט צו האַנט ;
אַ שימף־נאָמען וועט סאַקי ווערן
אויף גאַר דאָס לאַנד.

און אויב רחמנות וועט ווער דאַרפן —
איז — דו אַליין ;
דען אַ געבראַנדמאַרקטן וועט האָפיז
דיך לאָזן גיין.

13

פון שיראַז איז האָפיז געגאַנגען
און האָט די בלויזע פיס געבריט
אין הייסן זאַמד, און האָט די צאַרטע
גראָז ביים וועג־זוים אָפּגעהיט.

נאָר ניט אַזוי די גוטע לייט
האָבן זיך מיט האָפיזן באַגאַנגען, —
זיי זיינען אויף זיין בלויזער ברוסט,
ווי אויפן זאַמד אַרומגעגאַנגען.

14

סאַקי האָט אַ וויץ פאַר יעדן
און אַ שפּרוך־וואָרט, ווי עס פּאַסט ;
איינער לאַכט זיך אָן ביז טרערן
ווען דער פעטער סאַקי שפּאַסט.

סאַהיד וואַרפט מיט פרומע פּסוקים
אויף די זינדער פון דער ערד ;
טרערן קייקלען זיך ביי יענעם,
ווער דעם דאַרן סאַהיד הערט.

„סאַקי שפּאַסט און סאַהיד מוסרט, —
ביידע טוען זייער פאַך;
וואָס טוסטו, דו בלייכער שווייגער?"
— דאָס איז ניט דעם שענקערס זאַך.

15

סאַקי מאַכט פון קונדן רענדלעך,
אַ קאַריערע מאַכט סאַהיד;
סאַקי, און סאַהיד, און קונדן, —
איז פאַר האַפיז בלויז אַ ליד.

שמייכלענדיק קלייבט סאַקי רענדלעך
פון דער מזלדיקער בייט;
סאַהיד וועט אין פריידן שניידן,
וואָס ער האָט מיט זאָרג געזייט.

האַפיזס לידער — זשעדנע פּיאַווקעס,
ווערן פון זיין בלוט גענערט;
האַפיזס לידער — האַפיזס רויבער.
האַפיז — האַפיזן פאַרצערט.

16

זאָרג זיך ניט, סאַהיד, דער טייוול
נעמט דעם גוטן ווי דעם שלעכטן...
ער גיט יעדערן אַ מאַלצייט
און אַ משפּט אַ גערעכטן.

ריטער, סקאָווערדעס און קוילן,
צוואַנגען אָנגעברענטע, רויטע —
ליגן אין דעם גיהנומס שפּייכלערס
גאַנצע הורבעס אָנגעגרייטע...

ער האָט פלייסיקע משרתים
דורכצופירן די באַפעלן,
אי די גוטע, אי די שלעכטע —
עס זאָל קיינעם גאָר נישט פעלן...

האָט גאָט עמעצן געקריוודעט,
האָט ער ניט באַפרידיקט ווענען —
זיי געטרייסט, סאַהיד! דער טייוול
וועט שוין קיינעם ניט פאַרשעמען.

17

האָפיז פליט אויף ברייטע פליגלען
איבערביימער, איבער היגלען;
סאַקי האַלט זיך ביי זיין קלייד,
איז ניט לעבעדיק, ניט טויט.

„האָפיז, קרויך, געגוג צו יאָגן,
כ׳קען די הויכקייט ניט פאַטראָגן״
— בעט זיך סאַקי ווי אַ קינד —
„ניט דערמאָן די אַלטע זינד.״

„שרעק זיך ניט, די ברייטסטע פליגלען
ווערן אָפּגעשוואַכט, די היגלען
בלייבן ווייט; אין דיין געצעלט
שענקסטו ווידער ווין פאַר געלט.

אין אַ ווינטער־טאָג, אַ נאַסן,
טרייבט זיך האָפיז אין די גאַסן,
ווי געוויינלעך, דו — ציילסט געלט
אין דיין וואַרעמען געצעלט.״

18

דו זיצסט אין ווייך־הויז און דו טרינקסט,
און האַלטסט די זינגער מיט און זינגסט;
ווער ווייס, ווער ווייס — אין דער מינוט
באַפאַלט אַ פּלאָם פון גאָט דיין גוט!

ווען דו מישסט צו צום ווייך־געטראַנק
אַ פרעמדן, זינדיקן געדאַנק, —
ווער ווייס: אויף דיין באַצאַלטער בעט
אַ פרעמדער האַרצט דיין ווייב און גלעט.

און ווי נאָר דו פאַרלאָזסט די שוועל —
אַ רויב־פייל טרעפט דיך אויפן שטעל...
דו האָסט קיין ווידוי ניט געזאָגט, —
דער טייוול דיין נשמה טראָגט.

דער שונא שפּירט נאָך דיינע טריט,
און גאָט אַליין פאַרגינט דיר ניט.
דעם טויט קוק, האַפיז, אין געזיכט, —
דער אומגליק קומט גאָר אומגעריכט.

19

אויף אַלטע יאָרן האַפיז האָט
זיך איינגעליבט, אַ נאַר געוואָרן;
און ווי אַ קינד אַ זילבער־מינץ, —
האָט ער זיין האַרץ אַזוי פאַרלאָרן.

דאָס קינד וועט ווינען אין דער היים, —
מען וועט אַן אַנדער מינץ אים געבן;
נאָר ווער אַ האַרץ פאַרלירט, דער האָט
פאַרלאָרן אויף זיין גאַנצן לעבן.

ער איז געגאַנגען ביים ברעג טייך,
און האָט דערזען אין טייך אַ שטערן;
זיך איינגעבויגט, — און וואו נאָר צוויי,
וועט האָפיז איצט אַ דריטער ווערן.

מיט האָפיזס אומגליק סאַקי וועט
די קונדנס פוילע צייט פאַרנעמען;
און פון דער בימה האָפיזן
וועט סאַהיד פאַר אַ מוסר נעמען.

20

„ווער וויל מיין נשמה האָבן?
קויף איר, טייוול, אָפּ כאָטש דו!“
נאָר דער טייוול, ווי אַ קרעמער,
ענטפערט: „האָפיז, לאָז צורו.

„צו לאַנג האָסטו זי מיט תפילות
און מיט לידער אויסגעצערט;
ווי אַ ליד אין ווייסע פערזן
האָט זי ניט דעם מינדסטן ווערט.

„איך דאַרף פלייש מיט בלוט און ביינער!
איך האָב ליב — זיין גוט געשפייזט.
דיין נשמה איז אַ שווינדל —
אויבן — פאַרמעט, אונטן — גייסט.

„סאַקיס, זעסטו, דאָס איז סחורה!
ווייַן און ווייב! וואָס איך האָב האָלט.
פיל ער זאָל פאַר איר ניט בעטן —
איך באַצאָל אין באַרעס גאָלד.“

21

ניט פיל איז האָפּיזן געבליבן
נאָך ווייַן אין כוס;
דער פאַלשער סאַקי האָט געגעבן
אַ פאַלשע מאָס.

נאָר וואָס גייט האָפּיזן אָן סאַקי
און סאַקיס ווייַן?
ער וועט זיין צונג אין דאָרשט פאַרברענען,
און שיכור זיין.

22

געליבטע, האָפּיז איז קיין עושר,
ער וועט קיין האַלדזבאַנד דיר ניט געבן;
ער וועט דיר לאַנגע יאָרן שענקען,
און דורך זיין חסד וועסטו לעבן.

זיין וועג פירט איבער דורות־פעלזן,
דו דאַרפסט זיך אָן זיין קלייד נאָר האַלטן, —
וועט, ניט־באַפליגלטער, דיך טראָגן
הויך איבער אַלע יובלען־שפּאַלטן.

ווער האָפּיזן האָט וועגן געפּייניקט, —
ווי טוי זיך קלעפּט צו זיינע טריט;
ער טראָגט מיט סאַקין און סאַהידן,
מיט האָפּיז גייט גאַנץ שיראַז מיט.

ווען דיינע שוועסטערס קינדערס־קינדער
אין שטומען קבר וועלן ליגן,
און איבער זיי אַ קיפּאַריס־בוים
וועט שטומערהייט אין ווינט זיך וויגן, —

אַ טאָכטער וועט איר מוטער פרעגן,
אַ מיידל צו איר חתן זאָגן:
„ווער איז די אַנקאַ, וואָס איר נאָמען
אויף אַלע ליפּן ווערט געטראָגן?“

— געווען איז אַנקאָ יענע מיידל,
וואָס האָט האָפּיזס האַרץ געפאַנגען;
ער האָט געדינט צו איר מיט לידער,
און ציינז געצאָלט איר מיט געזאַנגען...

ווי פֿאַר די אויגן

ווי פאַר די אויגן

גיב ווידער דעם ריח פון ערד צו דערפילן,
דעם וואַרעמען פליעסק פון וואַסער דעם שטילן;

די טונקעלע קילקייט פון מיט־זומער שייער,
דעם נאַכטיקן רוף פון אַ פעלדישן פייער.

זאָל איך דערשפירן, און זאָל זיך מיר דוכטן
דער צופיקער טעם פון האַלב־צייטיקע פרוכטן.

דערמאָנען זיך העלף מיר דעם קלונג פון דער קאָסע,
די מונטערע נאַסקייט פון נאַכטיקער ראָסע.

ברענג מיר אויף פליגלען פון ווינטן צו טראָגן
דעם וויאָרסט־ווייטן, טרוקענעם סקריפּ פון אַ וואָגן;

דאָס זיפצן פון זאַנגען, וואָס ווערן געדראָשן, —
העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון.

דער חודש מערץ

דער חודש מערץ קומט אָן אין דאָרף
מיט טאָגיקער זון און נאַכטיקן רעגן.
די דינע פערדישע פיס פאַלן דורך
אויף די אָנגעבלאָזענע וועגן.

דאָס אייז פון טייך הויבט זיך אויף ווי אַ בלעך
איבער אַ קאָכיקן טאָפּ מיט וואַסער,
און יעדער צעשמייכלטער שניי ביים וועג
איז גאָר אַ באַהאַלטענער מסור.

עס קומען אין אָוונט גוים פון שטאָט
מיט נאַסע פערד און שליטן;
אַנשטאָט צו זיצן אין וויכן שטרוי,
האָבן זיי אויף די פערדלעך געריטן.

זיי זאָגן: דער וועג איז אומעטום
פון שטייענדיק וואַסער צעריסן.
דער רעגן האָט זיי מיט דראָבנעם שראָט
איבער די פּעלצן געשמיסן.

בייטאָג איז מיט קלאַנגען פול די לופט —
מען הערט, דוכט זיך, מענטשן ריידן.
ס'איז קיינער ניטאָ — דאָס האַרץ איז נאָר פול
מיט ליכטיקער שרעק און פריידן.

און ביי דער נאַכט איז פאַלש דער שלאָף —
ער רייסט זיך אַלע ווײַלע איבער.
דו הערסט זיך צו . . . דיר דוכט זיך — דער טייך
גייט איבער די ברעגן אַריבער.

דער חודש מערץ קומט אָן אין דאָרף
מיט ברייטע און הילכיקע בשורות.
מיין האַרץ ווערט ווידער ליכטיק און יונג,
ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות.

דער הימל — בלוי

דער הימל — בלוי, דער טייך איז ווייס,
און די אָנגעהאַקטע שטיקער אייז
אין שפּעטן אָוונט זיינען גרין.
דער לבנה־שטראַל איז פייערדיק און דין.

עס איז שטיל פֿאַר מײַלן־מײַלן רונד.
אויף דעם טײַכס שוואַרצער וואונד
האָט זיך אָנגעטאָן אַ נײַע הויט.
די וואַנט פֿון מיל איז ווײַס באַטויט.

דער ווײַסער וועג איז גלאַט און פֿעסט,
ווי מיט אַ וואַלגער צוגעפּרעסט.
און צו דער ווײַסקייט צוגעמישט
איז אַ קווינטל בלוי. מערער נישט.

אין אַ בלויער זומער־נאַכט

אין אַ בלויער נאַכט דאָס ווײַסע הויז —
אַן אינדזל אויף אַ ים.
די בלויקייט גלעט די האָר אויף די קעפּ
פֿון מענטשן — פֿאַרוואָרפֿענער שטאָם.

זיי טרינקען די רייד פֿון די מילשטיינער צוויי
און פֿון דער וואַסער־ראָד.
די אַלטע לבנה גייט איבער זיי —
גייט טראָט בײַ טראָט.

עס קומט אַ פֿור פֿון ווײַסן טאָג,
פֿון אַן אַנדער קאָנטינענט.
די בלויקייט נידערט און נידערט... פֿאַרטרינקט
די פֿור און ווײַסע ווענט.

גאָר אַ קלייניקע שטעטעלע

די הײַזלעך — קליין און היימיש,
די גאַסן — קורץ געשטרעקט.
אַ ברעם נאָר אויפֿגעהויבן —
די שטאָט האָט זיך געעקט.

די רעכטע האַנט פאַרוואָרפן
צום טייכלס ווייסן זאַמד,
די שול אַרומגענומען
וואָלט איך מיט צווייטער האַנט.

און אַלע דריבנע שטיבלעך
פון שול־הויף און פון מאַרק —
אין גרויסן זאַק פון געשטן
פאַרוואָרפן אויפן קאַרק.

וואַסער־פּליעסק

וואַסער־פּליעסק און טויבן־ברומען
איז אויף מיר היינט אָנגעקומען, —
אַלע האַרטע קינדער־יאָרן
זיינען פאַר מיר מילד געוואָרן.

גרויע הימלען ווערן שענער,
בערג און טאָלן ווערן קלענער;
איבער צוימען, איבער גריבער
שפּרינג איך אין איין בליק אַריבער.

ווי אַ ברייטן טישטוכס עקן
נעם איך הונדערט־מיילן שטרעקן;
טייכן, פעלדער, בערג און וואַלד —
נעם צונויף זיי און באַהאַלט.

גרינג און לופטיק איז דאָס לעבן,
און דער טויט — אַן איבערשוועבן
פון אַ צווייג, וואָס האָט פאַרדאַרט,
צו אַ נייעם בוים, וואָס וואַרט.

כ׳ווים ניט

כ׳ווייס ניט, וואָס איז מיר געשען —
איז דאָ עמיצער געווען,
אָנגעזאָגט מיר: פרילינג?
שאַרף דער ווינט, די לופט איז נאַס,
ווייסע דעכער, ווייסע גאַס —
נאָר דאָס האַרץ שרייט: פרילינג!

אָט גייט ווידער שוין אַ שניי;
נאָר אין פינצטערן געדריי
לייכט מיין האַרץ אויף: פרילינג.
איך און לוח אויף דער וואַנט
גייען ביידע האַנט אין האַנט,
ביידע רופן: פרילינג!

ערגעץ האָט געפּלאַצט דאָס אייז,
קריעס גייען שאַרעס־וויַיז,
ס׳זינגט די אושע: פרילינג.
איך דאָ, צווישן הויכע ווענט,
הויב צום הימל אויף די הענט;
דאַנק גאָט פאַרן — פרילינג.

אַ דעריַנערונג

איך זיץ ביים פענצטער וואָס צום הויף
און זע: עס גייען מיט די טרעפּ אַרויף
צוויי מענטשן אין ווייס אָנגעטאָנען.
זיי האַלטן באַרשטן אין די הענט —
דאָס זיינען פאַרבער וואָס פאַרבן די ווענט;
עס הויבט זיך מיר אָן צו דערמאָנען.

אַן אַנדער ערד, אַ גרינער גראָז,
אַ וואַסער ברייט און גלאַט ווי גלאָז —
געקומען דער זומער צו פאָרן.
מיין טאַטנס הויז, מיין טאַטנס מיל,
צוויי שטיינער רודערן פויל און שטיל —
זיי מאָלן ווייץ און קאָרן.

אַ מענטש גייט אַלץ אַרויף, אַראָפּ;
ער האַלט אַ מעסטל אויף זיין קאָפּ,
טראָגט ווייסע, מעליקע קליידער.
ער גייט און גייט, גאָר אָן אַ מאָס,
טראָגט מעסטלעך ווייץ צום הויכן קאָס —
די שטיינער רודערן כסדר.

ביים טיר פון מיל, אין זונען־שיין,
ליגט געלער ווייץ, געוואַשן ריין,
ליגט אויסגעשפּרייט אויף ברעזענטן.
און איך, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען,
בין דאָ געשטעלט, אַז איך זאָל זען —
קיין הון זאָל זיך ניט דערנענטן.

איך טו מיין אַרבעט פראָסט און גוט,
איך פּאַך מיט לאַנגער, דינער רוט,
איך היט די באַגאָלדיקטע זאָמען;
און זעץ זיך דערנאָך ביים ליילעכס ראַנד
און פיר מיט דער רוט ווי אין געלן זאַמד —
איך שרייב אַריין מיין נאָמען.

מיין מאַמע

מיין מאַמע איז געווען אַ ייִדענע אַ קליינע,
ניט יונג אין יאָרן שוין און ניט קיין שיינע.
געגאַנגען איז זי גיך, אַביסל איינגעבויגן,
און ליכטיקע האָט זי געהאַט צוויי שוואַרצע אויגן.

די לעצטע — שלאָפן גיין, די ערשטע אויפגעשטאַנען,
אויף קראַנקע פיס דעם לאַנגן דאַוונען אויסגעשטאַנען
מיט סידור אויף די הענט; קיין תענית ניט פאַרפעלט.
פון היגער וועלט געקאַרגט, געשפּאָרט פאַר יענער וועלט.

און זעלטן איז זי לײדיק אויף אַ באַנק געזעסן.
האָט פון דערפרי ביז נאַכט געדאַרפט פאַרגרייטן עסן
פאַר הויזגעזינט, פאַר פועלים און פאַר פרעמדע לייט,
וואָס האָבן זיך צום הויז געצויגן פון דער ווייט,

ווי הינער צו דער האַנט, וואָס וואַרפט זיי קערנער צו,
און ווי צום פאַרענדיקן צובער איילט די קו.
און אָפט האָט זי פון בעט זיך אויפגעהויבן אינמיטן נאַכט
און פאַר די געסט דעם אָפּגעקילטן אויוון הייס געמאַכט.

ווען איך בין נאָך געווען אין מיינע קינדער־יאָרן,
איז מיט איר לעצטער קרענק די מאַמע קראַנק געוואָרן.
זי האָט יסורים פיל און מאַטערניש געליטן —
דער טויט האָט מיט אַ טעמפּער זעג איר לייב געשניטן.

מיר האָבן פריער גאָט פאַר איר געזונט געבעטן,
נאָר גאָט האָט ניט געוואָלט פאַר אונדז פון טויט איר רעטן.
און וויפיל רופאים, אָפּשפּרעכער עס זיינען ניט געפאָרן —
זיי האָבן איר פאַרלענגערן ניט געקאָנט די יאָרן.

און ווען גאָט פון אונדז האָט זיין אויער אָפּגעווענדט,
שוין ניט צו אים געהויבן האָבן מיר די הענט
און ניט פאַר אונדז, נאָר פאַר דער מאַמעס־וועגן
גערופן האָבן מיר צום טויט, ער זאָל שוין גיכער זעגן.

אויב גאָט האָט ניט געהערט, פאַרנומען האָט דער טויט
דעם יאָמערלעכן רוף. דערבאַרעמדיקערהייט
האָט ער דערנענטערט זיך און הויפּנס האָפּן־זאָמען
אויף איר געזיכט געשפּרייט און איינגעשטילט דער מאַמען.

זשוכאָוויץ—בראָדווי

ווילט זיך מיר צונויפגאַרטלען זשוכאָוויץ—בראָדוויי,
ווי אַ פּאַס אַ לעדערנער גאַרטלט רעדער צוויי.

גרעבליעס שוואַרצע שטרעקן זיך בלאָטיקלעך און נאַס.
רויטע פּייערלעך ביי דר׳ערד ציען שוואַרצע גאַס.

רעדער, שטיינער רודערן; רוען זיך ניט אָפּ.
עלעווייטערס לויפן אָן מיט אַ הויכן טראָפּ.

גוים ביי אַ ווייסן טיש דערציילן זיך פון וועלף.
מאַרמאָר־טישלעך, לאַנגע רייד פון רילקע און פון „צוועלף“.

וויל איך, נעם איך גאַרטל־אויף זשוכאָוויץ־בראָדוויי,
ווי אַ פּאַס אַ לעדערנער גאַרטלט רעדער צוויי.

אונדזער היים ביי גאָט

1

אונדזער לעבן איז אַ שמאָלער, קרישלדיקער וועג.
מיר גייען און מיר מוזן גיין אים טראָט ביי טראָט.
גליטש און האָגל, טיפע טאָלן, הויכער אָפּגרונט־ברעג —
מיר׳ן קומען אויפדערנאַכט אַהיים צו גאָט.

אַלע טראָגן אויף די פּלייצעס אָנגעפּילטע זעק:
ווער מיט גאָלד און ווער מיט טראַנטעס, ווער מיט האַרטן שראָט.
אַלע פּלייצעס ברענען וואונדיק אויף דעם גאַנצן וועג,
ביז מיר קומען אויפדערנאַכט אַהיים צו גאָט.

ווער עס פוילט זיך, ווער עס אײַלט זיך—ס׳העלפט ניט קיין געאײַל.
ס׳איז פון פריער אָפּגעמאָסטן יעדער ווענד און טראָט:
ווען נאָר דרײַ טריט פון וויגל, ווען הונדערט מײַל,
ביז עס עקט דער הימל פאַר דער היים ביי גאָט.

מײַנע שעה׳ען ווערן קירצער, פאַלשער ווערן טעג.
כ׳גיי אָרום מיט אויסגעבאָרגטן, ניט־באַצאָלטן טראָט.
יעדע ווײַלע קאָן דער הימל פאַלן אויף מײַן וועג —
ניט געריכטערהייט זײַן אין דער היים ביי גאָט.

2

און איצטער, צו די שפּעטע יאָרן,
האָב איך צו גאָט נאָר צוויי פאַרלאַנגען:
מיין קאָרן־פעלד זאָל ניט פאַרדאַרן,
ניט אויסברענען דער ברונעם פון געזאַנגען.

און ווייטער — ווי צו אַלע מענטשן,
זאָל ער צו מיר ניט ערגער זיין, ניט בעסער:
אַמאָל אַ גרינע צווייג פון שלום,
אַמאָל אַן אָנגעשאַרפטער מעסער.

3

איך וואָלט געוואָלט, איך זאָל קאָנען טראַכטן
מיט אַ רואיקן געמיט:
אָט די טונקעלע פאַרנאַכטן,
זיי אַרן און שרעקן מיך ניט.

אַבי אַלץ וואָס איז מיר טייער,
סנאָפּעס ווייץ און שטוביקע פּי,
האָב איך אין ברייטן שייער
אַריינגענומען פאַר־פרי.

איצט קאָן איך רואיק בלייבן
און אויפן אויוון אינדערהויך
באַלד נאָכמיטאָג זיך פאַרקלייבן
מיט ליולקע און בלויען רויך.

און ביינאַכט אונטער אָדליקע הימלען,
ווען שניי פאַרווייכט שוואַרצקייט פון שיך,
ווען שטיבלעך פאַרטאַיעטע דרימלען, —
גיין אין שענק מיט אַזעלכע ווי איך.

און דאָרטן אַ פולע שטוב טרעפן,
אַרום לאַנגן, באַלאָדענעם טיש,
רעדן פון זומערס שפּע,
אַמאָליקע מערק און באַריש.

איך וואָלט געוואָלט, איך זאָל קאָנען טראַכטן
מיט אַ רואיקן געמיט:
פאַר די טונקעלע פאַרנאַכטן
קיין מורא האָב איך ניט.

4

אין פאַרנאַכטן

מיינע וועגן ווערן אַלץ שמעלער,
מיינע היילן — אַלץ טיפער, פאַררוקטער.
איך גיי איבער ליכטיקע גאַסן
אַ פאַרלוירענער און אַ געבוקטער.

עס קומען אָן ווערטער צו שווימען,
גנאָדיקע, ווייכע און פרומע.
איך האָב איבערגענומען דעם לשון
פון שעפסן און קעלבעלעך שטומע.

ווי זיי, איבערוועלטיקט מיט מילדקייט,
מיין שפּראַך איז אויך מרוקען און בלעקען.
ווי זייערס, מיין האַלדז אין פאַרנאַכטן
צום חלף אַליין טוט זיך שטרעקן.

5

סוף זומער דאַרן אַלע רויזן אָפּ,
און אַלע עפּל פאַלן צו דער ערד אַראָפּ.
פון בוים די בלעטער רייסט אַוועק דער ווינט.
דאָס שלאַכט־הויז איז דער סוף פון שעפּס און רינד.

און אַלע לידער, קליין צי גרויס,
זיי לאָזן זיך אויס
מיטן טויט, מיטן הייליקן טויט.

6

ווי גוט עס איז צו שטיין אין וואַלד
און זיין אַ בוים צווישן ביימער,
און זען ווי ביימער ווערן אַלט
און פאַלן פון דער שאַרפזעג׳ס ציינער.

זיי ליגן זיך אין ווייכן שניי —
אויך מיך וועט באַלד די זעג פאַרשניידן.
איך בין אַ בוים אין וואַלד ווי זיי
און ו ו י ל דעם זעגערס האַנט ניט מיידן.

עס איז פאַראַן אי פּיין, אי פרייד
אין דער געהאָרכזאַמקייט פון ביימער —
אַ ווייסע עדה שטייט געגרייט
דעם טויט צו פאַלן אין די ציינער.

7

דער מענטש איז צו אַ יונגן מלך גליידך:
ער שטייט אויף אין דער בלאָער פרי,
וואַשט אָפּ דער מאַמעס מילך פון זיינע ליפּן
און גייט דעראָבערן זיין לאַנד.
ער זעצט זיך אויף אַ ווייסן פערד;
ביי דער זייט, פאָראויס און הינטער אים
סאָלדאַטן, ראַטגעבער און ווייבער,
און מוזיקאַנטן און פּאַיאַצן.
אַנטקעגן קומען שטעט און דערפער
מיט שעפלעך גאָלד, מיט פוטערוואַרג, מיט זיידנס,
און פעלדער טראָגן פולע זאַנגען,
און טייכן — שווערע נעצן פיש.

נאָר ווי די זון הויבט אָן זיך נויגן
צו מערבֿ־זייט, און אין דער ווייט
אַ בערגל פרישע ערד באַווייזט זיך, —
הויבט אָן די מחנה זיך צערינען . . .

די זעלנער פאַלן פון די פיס, די ווייבער
און ראַטגעבער פאַרראַטן,
די פייפלעך פאַלן פון די שפּילערס הענט,
און די פריילעכמאַכער ווערן שטום.

אַז וואויל דעם מלך, וועמענס בערגל ערד
וואַרט אויף אים אין מיטאָג־שעה, אין הייסער זון.

8

אַ וואָרט

אַ שטערן ליגט אויף אונדזער דאַך —
אין קאָן ניט דערלאַנגען.
אַ פויגל קרייזט אַרום מיין קאָפּ —
איך קאָן אים ניט פאַנגען.

אין האַרצן ליגט אַ מילדער וואָרט —
איך קאָן אים ניט זאָגן;
נאָר ביזן סוף פון טעג וועל איך
אין האַרצן אים טראָגן.

9

נידעריק, נידעריק בויג איך מיין קאָפּ,
ביז צו דעם שטויב פון דער ערד.
זאָל ער ווי שטראָמען אַריבער מיין קאָפּ,
דער זודיקער שטויב פון דער ערד.
זאָל ער ווי שטראָמען אַריבער מיין קאָפּ,
ווי גליאיקער, זודיקער וויין.
טיפער פון שטויב נאָך בויג איך מיין קאָפּ,
אויב עס קאָן טיפער נאָך זיין.

10

מיר דאַכט . . .

מיר דאַכט זיך יעדן אינדערפרי —
דער לעצטער טאָג קומט אָן.
וואוהין איך גיי — דער לעצטער גאַנג.
און וואָס איך טו — דאָס לעצטע טאָן.

און טויזנט לידער האָט דער טאָג —
זיי זיינען אַלע איין געזאַנג.
אויף אַלע זייטן פון דעם טאָג
איז זונען־אונטערגאַנג...

פיר זוניקע טריט

1

איך דאַרף ניט קיין מייליקע ווייטן.
פאַר מיר איז גענוג
אַן ערד הונדערט טריט אויסצורייטן, —
פאַר מיר און מיין פלוג.

איך דאַרף ניט קיין שטראָמיקע וואַסערן.
פאַר מיר איז גענוג
אַ טייכל דעם זאַמד צו באַוואַסערן, —
פאַר מיר און מיין קרוג.

איך דאַרף ניט קיין גרויסע פּאַלאַצן.
פיר זוניקע טריט
אויפן ראָג פון צוויי רוישיקע גאַסן, —
פאַר מיר און מיין ליד.

2

אַ שפּעטער עפּל . . .

אַ שפּעטער עפּל איז מיין ליד.
פאַלט זי גרינג צו מענטשנס פיס.
זי איז פון צופיל זון ניט רויט
און אפשר איז זי אויך ניט זיס.

נאָר רייף איז זי. האָט האַלט די ערד
נאָך מער ווי זון און צווייג און בלאַט.
זי האָט געטרונקען שוואַרצע נאַכט
און מיט סוף־זומער איז זי זאַט.

זי פאַלט דערפאַר, ווייל טוי און נאַכט
באַהאַלטן ליגט אין איר געבוי;
און מענטשנס גומען, מענטשנס צונג
פאַרזוכן זאָלן נאַכט און טוי.

3

זון אין מערב זעצט זיך גיך.
וואָס דאַרף נאָך אַ מענטש ווי איך?
לידער, קליינע לידער.

גרויסע שטעט און נייע לענדער —
בין אַ דורכגייער, אַ פרעמדער.
נאָענט זיינען לידער.

ניט פאַראַנען אויף דער ערד
נאָך אַ פרייד, ווי די וואָס ווערט
אויפגעוועקט פון לידער.

נאָר איין וואונטש איז מיר געבליבן:
וואָלט אַ גאַנצע נאַכט געשריבן
ניט־געקליגטע לידער.

ווער ווייסט מאָרגנדיקן טאָג?
לידער — אַלץ וואָס איך פאַרמאָג —
זאָלן בלייבן לידער.

גאָט, מיין שיצונג און מיין וואַנט,
לייז מיך אויס פון שניטערס האַנט,
לייז מיך אויס מיט לידער.

4

פאַראַן אַזעלכע לידער,
וואָס צערטלען זיך אין דיר;
דו ווילסט זיי ניט געטרויען
דער פען און דעם פּאַפּיר.

ניט בלאַנק דער ווייסער בויגן,
ניט דין געצנוג די פען;
עס ווינטשן זיך די פינגער:
וואָלטן שטיינגלעך רויך געווען.

זיי לאַשטשען זיך אין האַרצן
און שטרעקן זיך זיס און פויל,
ווי דינע מיידלעך ליגן
די ביסנס זיך אין מויל.

זיי זיינען פאַך פון פליגל,
אַ בלויען ווינטל׳ס ווי.
פאַר זיי — די ווייכסטע גראַמען, —
אַ האַרטער אויסגעשריי.

דאָך מוזטו פאָרט פון האַרצן,
מיט ווייטיק און מיט ריס,
צום שאַרף פון פען זיי וואַרפן,
ווי צו אַ גזלנ׳ס פיס.

5

זאָל דיין פערז זיין ווי שניי
אַזוי ווייך, ווי דער גלעט
פון אַ מאַמען, און גרינג,
ווי דער פוך פון איר בעט.

פוכיק־גרינג פאַרן אויג,
ערדיק־שווער אויף דער האַנט.
מיט יעדן אָפּענעם וואָרט
זאָלן צעז זיין געאַנט.

זאָל דיין ליד זיין דיין קוואַל.
בויג זיך איין און פאַל צו
מיטן מויל; טרינק זיך אָן
ביז צו זעט, ביז צו רו.

זאָל דיין ליד זיין דיין ליכט.
און אַנטפּלעק זיך פאַר איר
הויל און בלויז, ווי דו טוסט
פאַר דעם שלאָס פון דיין טיר.

6

זיסער פון די זיסטע סמ׳ען
זיינען זינגענדיקע גראַמען;
זעמל־ברויט פון בעסטן סאָרט
איז דאָס אויפגעגאַנגען וואָרט.
אויף הויכע וואַסערן פון געמיט,
מיט די ברעגן גלייך און פול,
זיכער, ווי אין פאָטער־שטול,
טראָגט זיך הויך דאָס יונגע ליד.

7

עס ווילט זיך מיר שרייבן ליכטיקע לידער,
ווי די ליכטיקע האָר פון מיין חברס זון;
זיי זאָלן צעגיין אין אַלע גלידער,
ווי די מילדע שטראַלן פון ווינטער־זון.

עס ווילט זיך מיר שרייבן ליכטיקע לידער,
ווי ליכטיקער טוי באַגינען אין פעלד,
ווי ווייסע און ליכטיקע הייליקע ברידער,
וואָס גייען דערלייזן די פינצטערע וועלט.

עס ווילט זיך מיר שרייבן ליכטיקע לידער,
ווי ליכטיקע, ווייסע היגלען שניי;
ווען איך וועל אין לאַנד פון די טאַטעס אַריבער,
זאָל מיר אויך דאָרטן זיין ליכטיק פון זיי.

8

ניט קיין וויין, ניט קיין ביר,
אין דעם פראָסטן געשיר —
וואַרעם בלוט סערוויר איך.
נאָר פון מיר ביז צו זיי,
אין געיעג, אין געדריי,
מער ווי האַלב פאַרליר איך.

מיינע געסט — כ׳זע ניט אָן,
ניט איך ווייס, ניט איך קאָן
רופן זייביים נאָמען.
זעלטן־ווען, אין דער שפּעט,
הינטער וואַנט, הינטער ברעט,
הער איך זאָגן: אמן.

כ׳גיי אום שיכור און קראַנק,
בין פאַרליבט אין געטראַנק,
מערער נאָך — אין בעכער.
איצט, ביים סוף פון געיעג,
דורך די נעכט, דורך די טעג, ——
ווין פון האַרץ, שטראָם העכער!

9

איך דאַרף נאָך קנאַפּער ווי כאַיאַם:
אַ שטיקל דאַר ברויט
אין בויט,
אַ וואַנט
צו שיצן זיך פון זונס און מענטשנס בראַנד,
און צו דער האַנט
אַ גרינגן גראַם —
איך דאַרף נאָך קנאַפּער ווי כאַיאַם.

10

עס דוכט זיך מיר: איך טרעט אין די פאַרבלייכטע טריט
פון איינעם, וואָס איך האָב אין לעבן ניט געזען.
אין לופטן קלינגט אַ ליד — האָב ערגעץ וואו געהערט;
און וואָס עס טוט זיך דאָ, איז איינמאָל שוין געשען.

עס דוכט זיך מיר: איך לעב אַן אַנדערנס לעבן דורך,
וועמענס טאָג עס האָט געשפּאָלטן זיך אינמיטן;
אין העלפט געבליבן זיינס, די צווייטע העלפט פאַר מיר;
און אויף מיין רייט־פערד האָט אַ צווייטער שוין געריטן.

איז פרעמדנס שפּאָרן־שניט געבליבן אין זיין לייב,
אויף אויסגעבעטן זאָטל דרוק פון פריערדיקן רייטער.
און רייט איך שנעל ווי ווינט, צי צער איך טריט ביי טריט —
אַ צווייטער גייט דורך מיר, אַן אַמאָליקער, אַ ווייטער.

11

עס קאָן זיין, אין די לעצטע טעג
וועט זיך מיין מלאך וויזן ווידער;
ער האָט געפירט מיך אַרויף־וועג
און וועט אויך פירן אין דער נידער.

פון הויך אַראָפּ איז שווינדל־וועג,
ביי יעדן טראָט זיך ברעכן קניען;
עס פליט דאָס האַרץ אַוועק פון שרעק,
ווי שטיינדלעך אַראָפּ־באַרג צעפליען.

מיט אים, דעם מלאך, ביי מיין האַנט,
אַ פרייד צום טיפסטן אָפּגרונט פאַלן.
ווייל דורך די טרעפּ צום אונטער־לאַנד
וועל איך מיין ליד אַלץ העכער שאַלן.

12

אַ שטיין

ניט קיין איידעלער מאַרמאָר —
איז אַ פּשוטער שטיין;
ליגט אין ברוק איינגעקלעפּט,
ווי אין פלייש ליגט אַ ביין.

פאַר די רעדער אַ בריק —
און אַ פעלז פאַרן טראָט —
ליגט ער שטיל און היט אויס
דעם ברוקירערס געבאָט:

פאַר די קינדער פון שול,
פאַר די זיידעס פון קלויז
זיך ניט דריבלען אויף זאַמד,
זיך ניט אויסגליטשן לויז.

איז אַ פּשוטער שטיין
פאַר מענטש, וואָגן און פערד —
וועט ניט נאַרן זיין האַר,
וועט ניט פאַלשן זיין ערד.

13

אַן אַמאָליקער חדר

איך געדענק אַן אַמאָליקן חדר,
אײַנגעזאַצן דרײַ אײלן אויף פיר;
טיש און בעט און אַ װענטל פאַר קלײדער,
צו בלאָטיקע טרעפּן די טיר.

פון אונטן אַרויף זעקס שמוציקע גאַרנס,
ענגע טרעפּ, אַ זיגזאַגיקער גאַנג.
פון די זײַטן האַלב־אָפענע, פינצטערע נאַרעס,
נאָר אין הארצן אַ קלאָרער געזאַנג.

מיט יענע שמאָלע און ברודיקע שטיגן
באַהעפט איז די ברכה פון ליד;
די צאָל פון די לידער האָט איבערגעשטיגן
די צאָל פון מײַנע אײַנזאַמע טריט.

פון אונטן ביזן אויבערשטן גאָרן, —
נאָך אײדער די פיס װערן מיד,
געיאָגט װי פון רײטערשע שפּאָרן, —
איז פאַרטיק געװאָרן מײַן ליד.

אַט יענער אַמאָליקער חדר,
אין קלינטאָן סטריט װאָס איז דאַון־טאַון,
קלאַפּט אין טיר פון זכרון כסדר —
לידער אַ װעלט און צימער אַ שפּאַן.

14

פ אַ ר ג אַ פ ט

גאָט האָט קײן װערטער אויף מײַן צונג ניט געלײגט.
אַ שװײַגער גײ איך צװישן מענטש און מענטש אַרום.
װאו יעדער רעדט אמתן אָדער לײגט,
בין איך דער אײנציקער װאָס איז שטום.

אַז איך קום אין אַ פרעמדער שטוב אַריין,
ווייס איך ניט דאָס ערשטע וואָרט וואָס מען זאָגט:
צי דערציילן די נייס, אַז דער וועטער איז פיין,
צי רימען דאָס קלייד וואָס די ווירטין טראָגט.

אין „על״, אין סאָבוויי צי אויף דער באַן
האָב איך נאָך מיט קיינעם זיך ניט באַקענט,
ווי אויסגעקלעפּט מיט „קאַן־ניט־פאַרשטאַן״
געווען וואָלטן טירן, פענצטער און ווענט.

געווען אַמאָל אַ ישובניקס זון,
האָט ער דאַוונען ניט געקענט.
נאָר פון דער פאַרנאַכטיקער זון
אין די פענצטער פאַרבלענדט
און אויף די וועקסענע פלעמלעך פאַרגאַפט,
האָט ער צו נעילה, ווען פול
מיט יידן געווען איז די שול,
פון זיין אינגעווייד, מיט זיין גאַנצער קראַפט
געטאָן אַ פייף . . . אין דער וועלט . . .
איז אין גאָטס געצעלט,
פאַר אַלע יאָרן,
אים דער פייף פאַררעכנט געוואָרן.

15

ליידיקע בלעטער

אַ ליידיקער בוך מיט געווירעטע שורות —
אַ פרייד פאַרן אויג אָנצוקוקן.
געראַמיק און אָפן פאַר אַוואַנטורעס —
די האַנט הויבט אָן בייסן און צוקן.

די נעכטיקע פריידן און היינטיקעליידן
און אַלערליי הייסע געשטאַלטן,
וואָס האַרץ און געדאַנקען ניט קאָנען באַקליידן —
ליגט צווישן די שורות באַהאַלטן.

ווען איך זאָל דאָס האָבן אַן אייגענעם חדר
מיט פּאָליצעס — דעמבענע ברעטער;
ווי שעה'ען, דאָרט וואָלטן געמערט זיך כּסדר
די ספרים מיט ליידיקע בלעטער.

16

מיין גאָט, אַ יתום פון גאַס

איך האָב מיין גאָט, אַ יתום פון גאַס,
אין הויז צו זיך אַריינגענומען.
איך האָב אים געהאָדעוועט אויף מיין צער
און ווי אַ קלייד אים געגעבן מיין נאָמען.

פון אַלע קינדער אין מיין שטוב
איז ער מיר טייערער געוואָרן.
נאָר ווי אַ געחלומטער גאָלדענער רונג
ווערט ער אָפּט פון מיר פאַרלאָרן.

און וואָכן און חדשים לאַנג —
איך קען אים ניט געפינען.
איך וואָלט אים גערופן פון עק וועלט,
גייט זיין נאָמען אַרויס פון זינען.

אין יענע טעג איז לעבן ניט ליב,
הימל ניט הויך, זון ניט טייער.
אין שטוב איז טיש און בעט ניט זיס
און אויסגעבערענט אויפן טאָק דער פייער.

נאָר ווען הימלען פאַלן שוין צונויף
און ביז טויט ווערט קראַנק די נשמה,
באַווייזט ער זיך פלוצלונג אויף מיין שוועל
ווי אַ צוגעשיקטע נחמה.

ווערט ווידער הײמלעך אין מיין שטוב,
קינד און מאַמע זיינען צוזאַמען
טרערן און פרייד, עס איז שווער צו דערגיין,
ווער איז קינד און ווער איז מאַמע.

17

דאָס לעצטע ליד

דאָס לעצטע ליד וואָס האָט צענומען
מיין גאַנצן גוף ליגט אויף מיין גומען
ווי לעצטע טראָפּנס פון אַ בעכער וויין.
ס׳איז גוט פון ווערטער שיכור זיין.

און וואָס איך האָב אין זיך געטראָגן
און מיטן מויל געמיידט צו זאָגן
און ס׳איז אין האַלדז געבליבן שטיין —
וועט אפשר דורך דעם ליד דערגיין.

אַלערליי פריידן

1

אַלערליי פריידן פֿאַראַן אויף דער וועלט:
די פרייד פון סוחר וואָס מערט זיין געלט,
די פרייד פון פויער וואָס שערט זיין פעלד,
די פרייד פון מולער וואָס שטעלט אויף ווענט,
לייגט ציגל אויף ציגל מיט האַריקע הענט;
די פרייד פון טאַטן וואָס הערט קינדס ערשטן וואָרט,
די פרייד פון קינד וואָס צופּט טאַטנס באָרד;
די פרייד פון קריגן בריוו פון אומבאַקאַנטער האַנט
און שיקן בריוו אין אַ ווייטער שטאָט אָדער לאַנד.
פֿאַראַן נאָך אַ פרייד פאַר יעדן שרייבער און פּאָעט —
ווען טינט ווערט לשון און ציילע רעדט.
פֿאַראַן אָבער פריידן, מער צער ווי פרייד:
שטרויכלען — וואו וועגן ליגן אָפן און ברייט,
זיין נאַריש — וואו קלוג זיין איז גרינג ווי אַ שפרונג,
און שטום זיין — ווען וואָרט ליגט אויף שפּיץ פון צונג.

2

איך גיי אַרום אַרום מיין גאָט,
פאַרקליינט און שטיל.
איך זאָג צו אים: איך בין ווייניק
און דו ביסט פיל.

איך בין דער באַרוועסער קנעכט,
דו ביסט דער האַר.
איך בין דער בעטלער, צו דיר געהערט
די לידער שאַר.

איך הענג נידעריק מיין קאָפּ.
און מיט די אויגן אַראָפּ
צום ברוינעם זאַמד
בעט איך אַלדאָס גוטס אויס
פון זיין האַנט.

3

איך האָב ביי אַ דיכטער געלייענט
צוויי סטראָפן וועגן ד ע ר פ ר ו י.
די ווערטער האָבן געלויכטן,
ווי פרימאָרגנדיקער טוי.

מיט אַ פרוי איבער דער וואַנט איז פריילעך,
עס מאַכט ניט אויס — מיינע צי קיינעמס.
מיט אַ פרוי איז רעכט צו וואַנדערן,
אַפילו צו מעלקן בהמות.

מיט אַ פרוי איז גרינג צו ריידן
און גרינגער נאָך צו שווייגן.
די פרוי איז שיין אין איר אמת,
נאָך שענער אין איר לייגן.

דו קוקסט אויף איר און ווייסט ניט:
קומט אויך זי פון אַ מאַמעס שויס?
דיין שוועסטער? — אַן אַנדער באַשעפ׳ניש!
ווי מאָדנע אַ פרוי קוקט אויס.

מיר זיינען ווייץ און קאָרן,
די בלוי בליאונג — זיי.
מיר — האַרטע ווינטער־וועגן,
זיי — ווייכער, גוטער שניי.

איך האָב ביי אַ דיכטער געלייענט
צוויי סטראָפן וועגן ד ע ר פ ר ו י.
די ווערטער האָבן געלויכטן,
ווי פרימאָרגנדיקער טוי.

4

לערן זיך פון דער לבנה:
גיין דורך גאַסן שטילערהייט,
זאָל מען דיינע טריט ניט הערן,
ניט פאַרנעמען דיינע רייד.

לערן זיך פון דער לבנה:
זיין אין שפעטער שעה אַליין,
און אַהינטער יעדן וואָלקן
אויף אַ ווײַלע אונטערגיין.

לערן זיך פון דער לבנה:
אין דעם חודש׳ס הויכע נעכט —
מיטן הימל זיך צו שיידן
זאָל ביי דיר זיין רעכט.

5

אַ מענטש מוז האָבן אַן אַנדער זון,
וואו אויפצוהענגען פייל פון בליק;
אַן אַנדער הימל, — פון דער לופט
אַביסל צוגעגנבעט גליק.

דער פוס איז צוגעשמידט צו דר׳ערד,
צו יעדער ערד, צי גוט, צי שלעכט.
די האַנט — צום וואַרשטאַט און צום טיש,
וואו זי האַמערט, שרייבט און פלעכט.

די בליקן אָבער — ווי דער ווינט —
זיי גייען איבער צאַם און ראַנד.
און זייערס איז דעם שכנס הויף,
ווי איגן אָפּגעצאַלטעס לאַנד.

און ווייטע לאַנען גרינען טיף
אין שפּעטע, אָסיענדיקע טעג;
און אַלדאָס־גוטס ליגט אָנגעהויפט
ביים זוים פון ניט־געפּרואוווטן וועג.

6

די שעה

פון גאַנצן טאָג, פון אַלע שעה׳ען אין מעת־לעת,
איז נעענטער מיר די שעה פון פינף ביז זעקס.
און ווען נאָר איך זאָג טאָג, ווען איך זומער זאָג —
איז פאַר מיינע אויגן אָט די שעה פון וואָג.

אַ שפּעטיקע אין ריי — די אויבערשטע אין ראַנג
איז די שעה פון זונענאונטערגאַנג;
די שעה וואָס איז געשיקט פון גאָט
פאַר איבערבעטונג, טרייסט און גנאָד.

7

איך וויל אייך דערציילן ווי מיין חדר זעט אויס:
ער איז לאַנג און איז ברייט, ווי אַ שטוב די גרויס.
ביי דער רעכטער וואַנט אַ לאַנגער ברוינער אַלמער מיט ביכער,
אין ווינקל דערביי אַ רו־שטול, צו זיצן אין אים טיף און זיכער.

אַנטקעגן טיר אַ נידעריק בעט, פאַרבעט איצט מיט אַ רויטן געוואַנט
און זומער מיט אַ טוך אַ העל־גרויען, אַזוי ווי די וואַנט.
און צווישן בעט און צווישן וואַנט וואָס צו דער לינקער זייט
שטייט אַ גרויסער ראַדיאַטאָר, איצט ערשט זילבערדיק באַנייט.
אין דער לינקער וואַנט אַ פענצטער פירעקעכדיק און גרויס —
אום מיטאָג קומט דורך אים די זון, פאַרנאַכט גייט זי אַרויס.
און באַלד ווי מען טרעט אַריבער די שוועל, הינטער דער גלעזערנער טיר,
שטייט אַ קליינער, אַן אַלטער ווייך־פאַרביקער שיפאָניר.
און אויף דער צווייטער זייט אַ ברייטער טיש פון רויע ברעטער,
און אַ וואַזאָנע וואַרעמט אין דער זון די בלעטער.
און לאָמפּן, לאָמפּן אומעטום: אין דער סטעליע און אין די ווענט
איינגעבויט, און אויפן טיש אַלע אָוונט אַ וואַזע־לאָמפּ ברענט,
און אויפן דיל אַ לאָמפּ, און אויפן אַלמער לייכטער צוויי
(אַמאָל פלעגן שטעקן בלויע געשלענגלטע ליכט אין זיי).
און אין באַהאַלטנסטן ווינקל דאָרט זיץ איך צווישן טיש און וואַנט פאַרקלעמט,
ווי אַן אורח וואָס קומט עסן אַ מאָלצייט אין דער פרעמד.

אַן אַמאָליקע ליבע

1

דאָס קלייד אויף דיינע לענדן,
די שיך אויף דיינע פיס;
אויף וואָס איך זאָל ניט ווענדן
מיין בליק — איז ליב און זיס.

ס׳איז גוט די פינגער זינקען
אין טייך פון דיינע האָר.
פון דיינע אויגן טרינקען
ווי פאַלשן חלום — וואָר.

ס׳איז גוט אין מיר דיך טראָגן,
ווי האַרץ, ווי וואַרעם בלוט.
מיט דיינע ווערטער זאָגן:
„עס איז מיר איצטער גוט.״

2

ביסט ניט געווען פאַר מיר דאָס ברויט וואָס מען עסט,
און ניט דאָס גלאָז צו טרינקען פון דעם וויין, —
אַ בלאַנקער בעכער צו באַשיינען טיש און געסט,
צו קוקן און צו שפּיגלען זיך דעריין.

איך האָב אין יענע טעג געהאַט אַ וואונטש:
צו נעמען דיך אויף מיינע הענט
און טראָגן דיך אויף זומערדיקע טרעפּ
פאַרביי די אָנגעשטראַלטע ווענט.

געוואָלט דיך אויפהויבן אינדערהויך
און שטעלן אויף דער דלאָניע פון מיין האַנט —
אַ קליינע מאַרמאָרנע געשטאַלט
געקומען פון אַ וואונדערלעכן לאַנד.

3

די געוויינטלעכסטע פון פרויען —
ניט צופיל קלוג, ניט שיין —
האָט זי מיך אומגעווינלעך
געמאַכט פאַר זיך אַליין.

און נאָך אַ טאָג פון קנעכטונג,
פאַרלוירנקייט און שאַנד, —
פלעג איך דערוויילטער ווערן
דורך דעם געבעט פון האַנט.

מיניאַטורנע האַנט פלעגט בעטן:
— ווער קעניג איבער וועלט.
און איך ווער אויגנבליקלעך
קעניג, כאָטש פאַרשטעלט.

און שטענדיק זיך געוואונדערט:
פאַרוואָס און ווי און ווען?
נאָר יעדן בלויען אָוונט
דער וואונדער פלעגט געשען.

דאָס ווייסע בעט

1

די גרויסע פרייד פון נאָך דריי רגע׳ס לעבן —
דאָס קאָן פאַרשטיין
נאָר דער, וואָס איז ביים טוק, ביים לעש פון לעבן
געבליבן שטיין.

מיר וואַרפן זיך מיט וואָכן און מאָנאַטן
אין וועג פון וועלט,
ווי פוסטע קינדער ביי אַ רייכן טאַטן
מיט באַרעס געלט.

וואָס האָט אַ ווערט ביי שלמה׳ס ווידערס־סעודה
אַ גרינגע טויב?
ביים אָנהויב פון דער מיילן־לאַנגער רודע —
אַ גאָלדיק שטויב?

אויף וועמעס קאָפּ עס איז געבליבן שוועבן
די האַק אין שטרייט,
פאַר יענעם זיינען דריי בלייבע רגע׳ס לעבן —
אַן אייביקייט.

2

די שרעק פון טויט צי קאָן דערפילן
ווער ס׳גייט אַרום מיט אַל־טעג טריט?
אין שפּיל פון זאָרגעניש און שפּילן
דעם שאַרף פון שווערד דערזעט ער ניט.

אים הויבט פון בעט דער בלויער מאָרגן.
און ווי דער פּאַסטוך טרייבט די שאָף
פון טאָל צו טאָל — אַזוי די זאָרגן
אים יאָגן ביז דער שעה פון שלאָף.

ביינאַכט, אויף ווייך צי האַרט געלעגער,
דער טאָג ציט ווידער אים פאַרביי
אויף אָרעמס פון אַ גאָלדענעם טרעגער
געוויגט, אי פאַרבנרייך, אי ניי.

און סיי אין חלום, סיי אין וואַכן
דאָס ראָד מיט וואָכן דרייט זיך שנעל;
ביז ס'ווערט דאָס גאָרגלדיקע לאַכן
פאַרפלייצט מיט וואַרעם בלוט אין קעל.

ערשט ווען ער טראָגט דעם האַרטן זיגל:
ניט רירן צונג, ניט האַנט, ניט פוס,
דערשפירט ער קאַלטן פאַך פון פליגל,
פון בלאַנקען שטאָל דעם קורצן קוש.

3

נאָך קיינמאָל האָב איך ניט דעם טויט
אַזוי לייביק אָנגעטאַפּט.
ער זיצט אין מיינע איינגעווייד
און דורך מיין דופק קלאַפּט.

איך האָב פון אים געטראַכט, גערעדט
ווי פון אַ ווייטן גאַסט,
נאָר אַט איז ער, איך האָב דערהערט
פון זיינע פערד דעם האַסט.

ער איז ניט גוט, ער איז ניט שלעכט,
ער טרייסט ניט און ניט שרעקט;
נאָר אַלע טעג און אַלע נעכט
נעמט ער און פאַרמעקט.

דאָך קאָן איך אַלץ נאָך ניט פאַרשטיין,
איך קאָן ניט משיג זיין —
פון אַלע „יע׳ס״ זאָל ווערן „ניין״ —
דאָס מאָדנע וואָרט „ניט זיין״.

ט ז י

שפּעטער אָוונט. אויפגעגאַנגען ווייסער, ברייטער טייך —
פון דעם גאַנעק ביזן וועלדל אָפּגעשניטן גלייך.
ברייטער טייך. ניט איבערפאָרן, ניט צופוס צו גיין.
אַז די זון וועט שטיין אין הימל, וועט דער טייך צעגיין.

אין האָטעל שוין שלאָפן טירן. טרעפן האָבן רו.
איינמאָל האָט אַ זונג געגעבן גלאָק אויף האַלדז פון קו;
איינמאָל איז אַדורך אַן אויטאָ מיטן וועג פאַרביי,
האָט דעם האָרן ניט געבלאָזן — נאַכט און שטיל געטריי.

ווילט זיך טרעפן: וועט זיין מאָרגן רעגן, אָדער ניט?
ווייסע וואָלקנס אויפן הימל, לבנה אינדערמיט.
שניידט לבנה ווייסע וואָלקנס, ווי דעם האָדסאָן אַ קאַנו.
אויבן שטורעמט נאָך אַ שיפל, אונטן פולע רו.

פּאָעטן

1

איך ווייס די גוטע, אַלטע גבירה,
וואָס באָרגט אויס פּערל־קרענץ און גאָלד,
און רויזן־טוי, און זונען־שטראַלן, —
איך האָב די ט ו ב ה ניט געוואָלט.

איך האָב מיין שטוב־טיר אויפגעעפנט,
אַמאָל אין אַ פאַראומערט נאַכט,
און האָב צום שוועל צונויפגעטראָגן
אַלץ, וואָס האָט זיך מיר געמאַכט:

אַ שטיינדל, וואָס אַ קליינער יינגל
געוואָרפן האָט אין טיר אַריין;
אַ זעמדל, וואָס דער ווינט געבראַכט האָט;
אַ וויטן שטערנס קאַרגן שיין;

פון פוילן דאַך אַ רעגן טראָפּן;
אַ רוישן פון אַ פרעמד יאַריד...
איך האָב דאָס אַלץ צונויפגעקנאָטן
און פון דערפון געמאַכט מיין ליד.

2

מיר גנבענען זיך אָפּ אין זייטיקע חדרים,
אום צו באַגיין אַ זיס־פאַרפאַלגנדיקע זינד;
און בויערן אין זיך מיט אָנגעגליטע ווערטער
און ווייזן זיך אין שיין שוין מיט אַ נייעם קינד.

ווי גוט איז מיטאַמאָל מענטשן, הויז פאַרלאָזן,
און אויפן הייסן רוף צו ענטפערן מיט — יאָ . . .
אַ שטילער סטוק אין זיך, אַ שורה אויף די ליפּן,
און ווי פון טעסט אַרויס — דאָס נייע ליד איז דאָ.

אַזוי פלעגט אויך פון שלאָף, אין גסיסהדיקע שעה׳ען,
צווישן נאַכט און טאָג, מיך אויפהויבן אַ האַנט,
אין מיר פאַרבאָרגענע; און בלוט, ווי שרייב־טינט רויטער,
פלעגט שורה־ווייז באַשרייבן ווייסע בעט און וואַנט.

3

דער פויגל דאַרף זיין גרינעם וואַלד,
דער פיש באַדאַרף זיין טייך;
און איך — דעם ברודנעם מאַרמאָר־טיש,
וואו איך זיץ מיט אייך.

מיר זיצן אויפגערוקטערהייט
שוין צוואַנציק יאָר אַזוי;
געטוישט זיך האָבן פּנימער,
נאָר ניט אַ וואָרט, צי צווי.

די טעמע איז אַן אייביקע:
ווער איז, ווער ניט — פּאָעט?
און אין די רייד לאַנגאָניקע
ליגט הונגער און ליגט זעט.

איך קום צו גיין אַ ניכטערער,
ווער שיכור פון די רייד;
און גנבע זיך אַוועק פון אייך
מיט פולע פּאָלעס פרייד.

4

מיר האָבן אַזעלכע פּראָסטע געזיכטער
און ריידן געוויינלעכסטע רייד,
דער שיין פון אונדזערע אויגן איז ניכטער
און וואָכעדיק זיינען מיר אין אונדזער פרייד.

מיר גייען צו מאָלצייטן. ביים געגרייטן
טיש זיצן מיר אין אַרבעטס־רעק,
און ווען מיר באַגראָבן אַ נאָענטן טויטן
איז ביי אונדז אַ טאָג ווי אַלע טעג.

אין קאַלטע פּאַרטאָגן, פאַרשלאָפענע, מידע,
איילן מיר זיך קומען צו דער בייטש אין צייט,
און טרייבן פון זיך די יונגינקע לידער
ווי דעם שטוביקן הונט וואָס לויפט נאָך ביי דער זייט.

5

מיר זיינען צוויי.
מיר דאַרפן מער ניט ווערן:
איך, — דער וואָס רעדט,
און דער — וואָס וועט דערהערן.

אויף גאָר דער וועלט
נאָר צוויי זיינען פאַראַנען:
איך, — דער וואָס זאָגט,
און דער, — וואָס האָט פאַרשטאַנען.

און גאָר די וועלט, —
זי מעג זיך איבערקערן,
נאָר פון די צוויי
זאָל ניט געמינערט ווערן.

6

אַ טאָג יאָגט אָן אַ צווייטן טאָג,
אַ יאָר פאַרלויפט אַ יאָר.
איר גייט דעמזעלבן שטעג וואָס איך,
נאָר שפּעטער אויף אַ האָר.

איך ווייס: איך נעענטער זיך צום ראַנד —
נאָר אָפּשטיין קאָנט איר ניט.
עס ברעכט דער קרייץ מיין רוקנביין,
און איר — אין מיינע טריט.

ווען ס׳קרייזט דער קאָרשון איבער מיר
און אונטער מיר די ערד —
דאַן זע איך, ווי עס גנבעט זיך
צו אייער האַלדז די שווערד.

ווען איין יאָר יאָגט אַ צווייטן אָן,
אָט דעמאָלט לאַכט זיך מיר:
מיט שנעלע טריט צום סאַמע ראַנד —
הייַנט איך און מאָרגן — איר.

7

מאָרגן דאַרף איך גיין מיט וועלט זיך איבערבעטן,
מיט ביט־געוואוינטע טריט אין ליים פון ווערטער קנעטן.
וועלן ברוינע קריג פאַר וויין באַשאַפן ווערן,
אָדער וועלן רייד צעשיטן זיך אין שטערן?

שווער ביי פרעמדער טיר דעם „קלאַפּער" אויפצוהויבן,
שלינגען מיטן מויל פרעמדע שוועלנ׳ס שטויבן.
בעסער אין גאָטס פלאַם זיך לייטערן און ברענען,
קנעכט און האַר ווי ברידער וועלן זיך דערקענען.

8

פאַר זיך

עס גייט אַמאָל אויף מיר אַ רואיקייט אַראָפּ
און מילד ווערט מיר דאָס האַרץ און גרינג דער קאָפּ,
ווי וואָלקנס אויסגעליידיקטע פאַרשווינדט די זאָרג, —
איך האָב אָפּגעטאָן די אַרבעט פון מיין טאָג.

און פאַר דער נאַכט האָב איך קיין מורא דעמאָלט ניט.
זי וועט מיך ניט צעטרעטן מיט אירע וואָליק־טריט.
און אַלע מענטשנס בליקן קען איך באַגעגענען גלייך —
איך האָב פאַרדינט מיין לוין מיט יעדערן צוגלייך.

איך האָב מיין פעלד צעאַקערט מיט אָנגעשאַרפטן פלוג,
אַ קליינער חלק ערד — פאַר מיר וועט זיין גענוג,
דען וויפיל דאַרף אַ מענטש, וואָס איז געמאַכט פון ערד,
צו זיך אַליין צו זאָגן: מיין לעבן איז מיך ווערט.

9

לייענענדיק עמילי דיקינסאָנס לידער

אין גאָלד־געבערעגטע בלעטער,
געהילט אין גרין פּאַפּיר,
אַ פריינטלעכע, דורך פריינטשאַפט,
איז זי אַ גאַסט ביי מיר.

איר שפּראַך — פון איבער ים'ען —
איז שווער מיר צו פאַרשטיין.
איך ווייס ניט, נאָר עס אָנט זיך
פון אירע רייד דער מיין:

אין בלוילעכע פרימאָרגנס
פון קוימענס ווייסער רויך,
באַלאָדענע זאַהאָנעס
מיט קאָרן שטראָם און הויך.

אין אָסיענדיקן שייער
ביז קראָקוועס פרישער היי,
און פון אַ קראַנקן האַרצן
אַ שטילער אויסגעשריי.

און ביז גאָטס שטול דערטראָגן
אַ הייסע וואונד, אַ פּיין . . .
געבענטשט די האַנט, וואָס האָט דיך
געבראַכט אין הויז אַריין.

10

מיר בויען אונדזער אייגענעם הויז,
מיר זיינען דערוואַקסענע מענטשן;
מיר דאַרפן ניט, אַז טאַטישע הענט
זאָלן אונדז חופּהדיק בענטשן.

די טאַטע־מאַמע, שוויגער און שווער
אויף כּיבוד וועלן מיר רופן,
נאָר שטעלן די ווענט און בעטן די בעט
וועלן מיר מיט אונדזערע גופן.

מיר הויבן אָן מיט ביינצן־צען
אַ נייעם רונג צו שמידן,
די קייט מעג ליגן אין שופלאָד
אויף וויכן סאַמעט אין פרידן.

מיר ווילן דעם הייליקן פלאַקסענעם שנור
פון דער פּראַשניצע ניט ציען,
און זאָלן פאַרגאַנגענע זיידעס פאַר אונדז
אין הימל זיך ניט מיען.

מיר בויען אַליין פאַר זיך אַ הויז
און שפּינען אַן אייגענעם פאָדים,
די זון און די שטערן זאָלן אונדז זען
אין אונדזערע אייגענע בגדים.

11

דו שלעפסט דיין ליד אַרום אויף ברייטע גאַסן,
איך טראָג אין זיך מיין אויסגעוויטיקט קינד;
ביי דיר איז זי צעבראַסטעט, אויסגעלאַסן,
איך האָב פאַרקנעפּלט ביז אַרויף די זינד.

ס׳קאָן זיין, מיר קומען ביידע פון איין הימל,
נאָר ערד האָט גאָט צווישן אונדז צעטיילט:
דען מיך האָט וואַסער־ראָד געוויגט אין דרימל,
פאַר דיר, איז זונה־וועלט געלעגן בלוי צעקיילט.

איך בין געבוירן ביי אַ ליטוויש שטעטל
און דו — אויף דרום ערד, אויף הייסן שליאַך.
מיר האָבן ליב זיך אָפּשטעלן ביי יעדן בוים און בלעטל;
מיר גייען טריט, ווען מען גאַלאָפּירט ביי אייך.

אַנטקעגן דיר, דעם ברויזיקן, בין איך אַ לאַם אַ שטילע;
כ׳האָב ניט דיין גריווע־פּוץ און ניט דיין ווערטער־כח; —
דאָך ווערט די לאַם דערמאָנט אין חומשס ערטער פילע
און מיט איר בלוט געהייליקט איז אין מקדש דער מזבח.

12

ש כ נ י ם

איך און דער דיכטער אייזיק ראַבאַי
זיינען שכנים, טיר ביי טיר,
גיי איך אַמאָל אַריין צו אים,
אַמאָל קומט ער צו מיר.

צווישןביידן — מיר און אים,
נאָר ברעטער באַדעקט מיט טינק.
מיר הערן איינער דעם צווייטנס טריט —
איך רעכט, ער לינק.

מיר קענען זיך נאָך פון הענרי סטריט,
באַלד פינף און צוואַנציק יאָר.
געווען א י י ן געזינד. מען רופט אונדז היינט:
„דער פריערדיקער דור״.

איך אַרבעט אין אַ ווערטער־שטאַל,
ער — ביי סייבל און מינק.
איך בין געשטימט אַביסעלע רעכט
און ער איז דורכאויס לינק.

מיר ריידן ווי אַלטע גוטע פריינט,
מיר ריידן פשוט און עכט;
כאָטש ער איז דורך און דורכאויס לינק
און איך — אַ קאַפּעלע רעכט.

און אַז מיר דערמאָנען זיך לעווינס קאַפּע,
פינף טרעפּלעך אַראָפּצוגיין,
הויבט אָן אַ וואַרעמער, ווייכער טוי
איבער אונדזערע גלידער צעגיין.

און אַז מיר דערמאָנען זיך אונדזער היים,
איך „מיר״ און „רישקאָן״ ער,
בין איך ניט מער אַביסעלע רעכט
און ער איז לינק ניט מער.

מיין טאַטע האָט געהאַט אַ וואַסער־מיל,
זיין טאַטע — וועגן מיט פערד.
אונדזער ראָד האָט זיך אין וואַסער געדרייט
און זיינע אויף דער ערד.

מירריידן פון שבת און וואָכנטעג,
פון מאכלים אַלעריי;
וואָס מען פּאַרגרייט אויף יום־טוב ביי אונדז
און וואָס מען קאָכט ביי זיי.

מיר ריידן ווי אַלטע, גוטע פריינט,
מיר ריידן האַרציק און עכט —
כאָטש ער איז דורך און דורכאויס לינק
און איך בין אַ קאַפּעלע רעכט.

13

איך גיי אים אַרויס אַנטקעגן

אַז מיין חבר קלאַפּט אָן אין מיין הויז,
גיי איך אים אַנטקעגן אַרויס.
איך עפן פאַנאַנדער ברייט די טיר
און זאָג: ביסט אַ גרויסער גאַסט ביי מיר.

איך זעץ אים אַוועק אויפן שענסטן אָרט,
און ליבשאַפט, וואָס איך האָב אפשר געשפּאָרט
ביי זיך אין האַרצן פון טאָג אויף טאָג,
לייג איך אים אָן אַ פולע וואָג.

מיר הויבן אָן פון וואָכעדיקע טעג
און היפּן אַריבער אויף אַן אַנדער וועג,
און נויט און ביטערקייט פאַרשווינדט,
ווי דריבנע מעקענע פאַרן ווינט.

עס נעמען זיך גאַרניט אויס די רייד —
וואָס מיר האָבן אָפּגעטאָן יונגערהייט,
איך אין מיין שטעטל, און ער אין זיין שטאָט,
להכעיס מענטשן און גאָט געבאָט.

און אַז די האַלבע נעכט איז שוין נאָנט,
ווערט נאָך אַלץ דערציילט און דערמאָנט.
די הערצער זיינען דערוואַרעמט און פול —
עס ווילט זיך גאָרניט פאַרלאָזן די שטול.

און ווען ער זעגנט זיך אָפּ מיט מיר,
באַגלייט איך אים ביז צו זיין סאַמע טיר
און טראַכט: ווי לאַנג נאָך איז מיר באַשערט
הערן אים רעדן פון אים ווערן געהערט?

14

מאַני לייב׳ן

באַדויערט ניט דעם גורל פון פּאָעטן,
דער גרינגסטער איז פאַר זיי באַשערט.
זיי ווערן מיט באַלאַדן און סאָנעטן,
ווי מיט גאָטס מן אויף דר׳ערד גענערט.

באַדויערט ניט דעם גורל פון פּאָעטן,
דער שענסטער — אויסגעפאַלן זיי.
אַרום זיי גרילציקע דעקרעטן,
אין זיי — דער זינגענדיקער ווײ.

באַדויערט ניט דעם גורל פון פּאָעטן,
ווייל זיי אַליין באַדויערן ניט.
אין מדבר־טעג, אין זומער־שפּעטן
האָט זיך אַ לידער־בוים צעבליט.

אַ פֿענצטער צו דרום

ווי שטילער וואַסער

איך בין אָנגעקומען אויף אַן אַמאָליקן שטעג,
אָן אַ זייט פון ברייטן וועג;
און כאָטש איך גיי אים איינער אַליין —
איז מיר ניט אומעטיק צו גיין.

עס גייען מיט מיר אין מיין זכרון
דער געלער ווייץ און ברוינער קאָרן,
וואויל־שמעקעדיקע קאָפּעס היי,
און טרוילעך־וואָרעמער שניי.

מיטן ברייטן וועג גייען מלחמה־לייט,
איך גיי אָבער פון דער זייט.
עס בריאַזגען אויף זיי פּאַנצער און שווערד —
ווי שטילער וואַסער שווימט מיין ערד.

אינדערהיים

איך דאַרף קיין רשות פון קיינעמס הענט
ניט נעמען און קיינער קאָן זאָגן: „באַצאָל
מיר אָפּטרעט־געלט״. דאָך, פענצטער און ווענט —
אַלץ מיינע און מיינער דער שליסל.
איך דאַרף נאָר וועלן אַביסל
און אָפן פאַר מיר איז די שטוב ווי אַמאָל.
דער שלאָג פון די טריט

ווי אויף האַרטן גראַניט
איז הילכיק און קיל.
פון אייגענעם ליים
געטאָקט איז דער דיל,
איך בין אין דער היים.
איך וועל דאָ איבערשטיין אַ טאָג
און איבערציילן וואָס איך פאַרמאָג.

פון פענצטער

אין אונדזער מיל, אויפן דריטן גאָרן,
וואו די זאַשיקעס זייגען פאַר ווייץ און קאָרן,
איז פאַראַן אַ פענצטער צו דרום־זייט;
מען זעט פון יענעם פענצטער ברייט און ווייט.
אַנטקעגן — געראַטענע לאַנקעס מיט היי
און פאַשע פאַר שטוביקע פי אַלערליי:
חזירים און בהמות, שעפּסן און פערד,
וואָס האָבן באַשפּרענקלט די גאַנצע ערד,
און אויף די זייטן אַ דערפל דאָ און דאָרט,
און דעם שפּיץ פון פּוילישן קלויסטער אין שטאָט.
דעם גאַנצן שטח האָט דורכגעשניטן
אַ גלאַנצנדיקער, לייכטזיניקער טייך,
ניט ווי אַ ווירע, שטראָם און גלייך,
האָט זיך דאָס וואַסער געצויגן אין מיטן
פון פאַשע און היי, נאָר ווי אַ שטעג אין וואַלד
איז ער אויף אַ וויל פאַרלאָרן געגאַנגען
צווישן הויכע ברעגן, און ווידער באַלד
אַ שיינענדיקער אויפגעגאַנגען.
און נאָענט ביים מיל האָט ער זיך צעשפּרייט
אויף רעכטס און אויף לינקס, אָפן און ברייט.
די צאָל פון די בהמות, שעפּסן און פערד
האָט זיך אין צווייען פאַרמערט.
— — — — — — — — — — — —
נאָר אין ווייַנענדיקע, ווינטיקע טעג

פלעגט אויפגעאַקערט דאָס וואַסער ווערן,
און פון דער הויך פון דריטן גאָרן
פלעג איך זען ווי אינדן ווערן געבאָרן, —
און באַלד אויף די פיס, ווי קעלבלעך יונגע,
און ווערן צעשפּרונגען
אָן שטיינערנעם ברעג.

ברויט פון קעשענע

שבת נאָך וואַרמעס, אַז מען גייט אַרויס
איז דער וועג ווי אַ מדבר זאַמדיק און הייס.
אָבער דאָס ערשטע בריקל איז באַלד דערביי.
און כאָטש דער נאַקעטער דיל ווי פּריסעק ברענט —
איז קיל דאָס וואַסער צווישן די טאַרפּענע ווענט,
און גלאַט ווי אויסגעגאָסן בליי.
און פישלעך, מיט די רוקנס צו דער זון,
דרייען זיך אַרום
אין קיילעכדיקן תחום.
מיר וואַרפן זיי פון קעשענע ברעקלעך ברויט.
זיי שלינגען דאָס איין און — ווייטער זיך געדרייט,
און האָבן פאַר אונדז גאָרניט קיין מורא.
די גרויסע זעען אין דעם די גרויסקייט פון בורא.
מיר אָבער מאַכן אַ שפּיל דערפון —
גלייך מיט גלייך.
און אַז די ברעקלעך נעמען זיך אויס
קערן מיר די קעשענעס אויס
צו ווייזן, אַז מיר האָבן מער גאָרנישט פאַרן טייך.

דער פאַרלאָזענער בריק

אין טבת זיינען פעלד און טייך
און אַלע גראָבנס פאַרשאָטן גלייך

מיט בלוילעכן שניי און קעלט.
נאָר פון געטורעמטן בריק
פאַרווייען ווינטן דעם שניי צוריק;
און פורן פון דער גאַנצער וועלט
שניידן איבערן טייך אַ וועג, —
אַ נייער אויפגעאַקערטער זאַהאָן.
און דער שטענדיקער וועג איבערן בריק
ווערט פאַרלאָזענער העק;
סיידן אַמאָל אַ פוס־גייער קאָן
זיך פאַרגינען איבער די טרוקענע ברעטער צו גיין
און האַלטן די שטאָטישע שטיוול ריין.
אַזוי זעט אַ נעכטיקער גביר,
ווי ס׳האָט זיך פאַרקירעוועט פון זיין טיר
די שפע און האָט זיך אָפּגעשטעלט
ביי אַן אַנדערנס געצעלט.

די גרעבליע

אַ נאָך־פּסחדיקער מילדער פאַרנאַכט.
די גרעבליע ליגט אָפּגעדעקט און הויל,
ווי אַ מענטש וואָס האָט זיך אָפּגעבאָדן
און האָט זיינע קליידער נאָך ניט אָנגעטאָן.
דער וואַסער האָט זי לאַנג געשווענקט
און גאָר די ערד אַראָפּגעשאָבן;
און איצטער סטאַרטשען, שוואַרץ ווי קויל,
דער גרעבליעס נאַקעטע, פאַרשוועכטע ביינער —
די אויפגעגרויעטע צווייגן פון יעלניק־ביימער.
און ווי מיר אַלע, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן
פון די שטיבער, אויסגעבלייכט און אויסגעקרענקט,
האָט אויך די זון צו אונדז קרענקלעך געלאַכט.
און עס איז געווען אַזאַ רחמנות דערין
און אַזאַ ליבשאַפט צווישן זון, מענטש און ערד,
וואָס ניט יעדן טאָג איז אַזוינס באַשערט.

ר ז

דער הייסער טאָג האָט זיך אויף אַ ווילע צוגעלייגט
און אָפּגערוט האָט זיך די גאַנצע וועלט.
די רעדער פון הימל, ווי דער רעדער־גאַנג
פון מיל, האָבן זיך אָפּגעשטעלט.
(די מילנערס קלייבן זיך די שטיינער שמידן.)
דער וועג איז ווייס און לער.
מען זעט ניט קיין פור אויף וויאָרסטן־לאַנג,
אַפילו ניט קיין דורכגייענדיקן גוי אָדער יידן.
עס איז דריי בייטאָג. די זון האָט זיך צוגענויגט
צו מערב. דעם טאָגס ברעמען זיינען שווער.

פאַרנאַכטיקע גאָלד

אין אַ תמוז־הייסן פרייטיק פאַרנאַכט
לויפן די מאַנסביל מיט שווייסיקע גופן
זיך באָדן אין טייך ביי דער בריק.
זיי הוילן זיך אָפּ אָן דער מינדסטער שאַנד
און שטעקן אריין אַ שטיקל האַנט
דעם פאַרנאַכטיקן וואַסער צו פּרואוון.
און שטייען אַ ווילע אויסגעשטרעקט,
ווי זיי וואָלטן געקלערט:
צי לוינט זיך צו מאַכן דעם שפּרונג?
און די שטוביקע ווייבער,
אַלט און יונג,
וואָס מוזן פאַרבייגיין הין און צוריק,
דרייען אָפּ די קעפּ, פאַרזשמורען די אויגן
פון די מענער וואָס שטייען אויסגעצויגן.
נאָר די פאַרנאַכטיקע זון
לאַכט זיך אויס דערפון.
זי האָט אָרעמע שויבן מיט גינגאָלד באַצאָלט
און האָט אויך די מאַנסבילשע לייבער
באַגיטיקט מיט גאָלד.

זונטיק

ווי אויגן איינגעגראָבענע אונטער אַ נידעריקן שטערן
קוקן אַרויס די פֿענצטערלעך פֿון באַלעגופֿס שטוב.
די סטריכע — אַ פֿאַרשאַרפֿטע מיץ.
און פֿון דעם סאַמע שפּיץ
וואָרקען אַראָפּ טויבן זעטיקלעך און פֿרום.
און פֿאַר דער שטוב אַ שורה שטיינער, האַמעטנע און גרויסע,
איז אויסגעלייגט צו זיצן און צו פּלוידערן אויף זיי.

אין די זומער זונטיקן פֿאַר זון און גאַס
לייגט די טאָכטער איר קאָפּ אין דער מאַמעס שויס
און די מאַמע האַלט איר גרויסער טאָכטערס קאָפּ...
האָר נאָך האָר, ווי סטרונעס פֿון אַ פֿידל,
קלייבט זי איבער מיט געוואוינטע פֿינגער. אָפֿט,
צו ביידנס פֿרייד און באַוואָסערנדיק דער מאַמעס מויל,
שפּרינגט אַרויס אַ קלאַנג אַ טרוקענער, אַ הייסער,
פֿון דעם בלאָנדן אינסטרומענט. און שכנים אָנגעטאָן
אין העמדער איבער לייוונטענע הויזן,
מיט גאַרטלען פֿאַרביקע אַרום די לענדן,
גייען אין שענק אַריין אָדער צו אַ „קום" אין עק פֿון דאָרף.
און גייענדיק פֿאַרביי, ווי „אָמן" צום דיאַקס געזאַנג,
ענטפֿערן זיי: „גאָט העלף!"...

אַ פֿרימאָרגן

דער טאָג האָט זיך אויסגעלייגט ליכטיק און שטיל.
כאָטש אין דער אַלטער שטיינערנער מיל
האָט מיט ברייטן, צעשוואומענעם טראָט
געקנאָטן דעם פֿלוס די וואַסער־ראָד;
און פֿון וויאָרסט־ווייטן דאָרף האָט זיך דערטראָגן
אַ סקריפּ פֿון אַ ברונעם און אַן איינציקער וואָגן,

וואָס איז געפאָרן אָנלאָדן היי,
האָט געקלעפּלט מיט גראַבליע און היי־פּרעסער שטאַנג,
איז יעדער דערטראָגענער קלאַנג
געווען פאַר זיך אַליין און האָט זיך נישט
מיט קיין אַנדערן צונויפגעמישט.
אויף אַ ווייסן וואָסער גרינען אַזוי
אַן אינדזל דאָ, אַן אינדזל דאָרט;
נאָר יעדערער האָט זיך זיין אייגענעם אָרט;
און אַרום אַלע — גלאַט און ברייט
ליגט דאָס וואָסער אויסגעשפּרייט.

פון דאַוונען

די לופט איז געווען נאָך פייכט און קיל
ווען איילנדיק זיינען מיר פון שטוב אַרויס.
כאָטש די זון האָט געשלאָגן אויפן דאַך פון מיל —
זיינען שאָטנס געלעגן צווישן הויז און הויז.
אין שבת־קליידער, קאַלאָשעס פאַרבויגן,
האָבן מיר זיך אַן וועג און שטעג געצויגן
צום צווייטן דאָרף, צום ייִדישן הויף,
וואו מען קלייבט זיך יום־טוב דאַוונען צונויף.
און קאָרטשעס האָבן זיך געשפּרייט
איבער דער פּאַשע און די פיס אויסגעדרייט.
מיר האָבן דעם מחזור אויסגעזונגען
און פון קאָרטש אויף קאָרטש ווי ייִנגלעך געשפּרונגען.
צוריק זיינען מיר געגאַנגען מיטן לענגערן וועג,
איבער בערג און טאָלן, טאָלן און בערג.
און אַז מיר זיינען אַהיים אָנגעקומען,
מיט פאַרשטויבטע פיס, און פאַרטריקנטע גומען,
האָבן מיר מיל און שטוב, שייער און בריק
ניט דערקענט אויפן ערשטן בליק.
אפשר ווייל מיר זיינען געקומען פון אַן אַנדער זייט
און אין אַזאַ אומגעוויינלעכער צייט.

אַ נייער שניי

אַ קראַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט —
אירע פליגלען גרויער אַש.
שניי שמעקט ווי לויג, כאָטש בויג זיך איין,
גראָב איין די הענט און וואַש.

אויף שויבן זעצן זיך פליטערלעך שניי
און האַלטן זיך ווי צוגעלייט.
די גאַנצע פענצטער באַהאָפטן מיט זיי
ווי דעם פאַרקאַלכטן קלאַונס קלייד.

און אויפן האַרצן ווערט לופטיק און גרינג,
ווי ערשט וואָלט אַ ווייטיק אַוועק.
טו אָן לאַנגע שטיוול און גיי לייג אויס
אין שניי אַ ווייסן וועג.

פּאָדסוויעט

דאָס גייט די לבנה אין מזרח ניט אויף,
דאָס ברענט ניט קיין דאָרפישער שייער,
דאָס קלייבן זיך אויך ניט גויים צונויף
אַ חזיר צו בראָטן אין פייער, —
דאָס האָבן צוויי פישער זיך צונויפגערעדט
צו פאָרן אויף „פּאָדסוויעט".
דעריבער איז אַזאַ פּורפּורנער שיין
דורך אַלע זעקס שויבן אין קאַמער אַריין.

איך גיי אַרויס און זע:
ביים נאָז פון שיפל אויף אַ הויכן געשטעל
ברענען בעראָזעווע שפּענער און העל
איז דער טייך באַלויכטן ביזן סאַמע דעק.
עס ליגן אָפּגעדעקט
די שטיינדלעך אויפן גרונט, דער ווייסער זאַמד,
כאָטש נעם און ריר אָן מיט דער האַנט.
און צווישן גרונט און אויבערפלאַך
שלאָפן די פיש. ביים פייער שטייט איינער
אויף דער וואַך.
ער האַלט די אָשטן מיט די זיגזאַגיקע ציינער
איןביידע הענט
צום וואַסער געווענדט.
די בליקן זיינען אָנגעשפּיצט.
און ביי דעם שיפלס צווייטן עק זיצט
אַ צווייטער מענטש וואָס פירט.

קוים וואָס ער רירט
דעם וואַסער אָן. אַז ער ציט אַרויס
די וויעסלע, פאַלן פון איר
צוריק אַראָפּ
אַ דריי־פיר טראָפּ
ווי פּערל די גרויס.
דאָס שיפל שווימט זאַכט
אין דער שוואַרצער נאַכט —
קיין שאָרך, קיין פּליעסק, קיין שאָקל.
און דער וואָס שטייט ביים פּאָקל
שטעכט דורך אייניציקווייז די שלאָפנדיקע פיש
און לייגט זיי אויס ווי אויף אַ טיש
אויף דעם שיפלס דעק.

די אודע

אַ שייגעצל, אַלט אַ צען־צוועלף יאָר,
מיט גערשטן־בלייכע, צעקעמטע האָר,
מיט באָרוועסע פיס, דער קאָפּ אָפּגעדעקט,
גייט צום טייך כאַפּן פיש.
אַ לייווענט העמד ביז די פּיאַטעס אַראָפּ,
אַ רויטער פּאַיאַס איבער דעם העמד —
זיין גאַנצער גאַרדעראָב.
ער טראָגט פאַר זיך די ווענטקע אויסגעשטרעקט,
אין אַן עמערל ווערים, רירעוודיק און פריש
און צווישן העמד און לייב אַ לוסטע ברויט
פון מאַמעס טיש.
דער פּישער איז געגורט און גרייט.
ער זוכט אויס אַ שטיין ביי דער מיל,
וואו דער וואַסער רינט שטיל,
און שטעלט זיך מיטביידע פיס איין.
ער וויקלט אַראָפּ דעם שנור פון שטעקן
און ציט אָן אַ וואָרעם אויפן שטאָלענעם האָקן
און לאָזט אים פּאַוואָליע אין וואַסער אַריין —

די פיש ניט צו שרעקן.
דאָס אויג ווערט שאַרף,
די פינגער וואַך —
אַ האַרף —
און אָנגעביינט דער נאַקן.
דער שטאָלענער האָקן ציט אין דער טיף.
דער קאַרעק אָבער, ווי אַ שיף,
שווימט אויף דער פלאַך.
אָט גיט זיך דער קאַרעק אַ טוק,
דער שנור טוט אַ צוק,
אַ צוק דעם יינגלס הענטל.
ער ציט די ווענטקע
פון וואַסער אַרויס —
עס לאָזט זיך אויס —
זי האָט גאָרנישט ניט געבראַכט.
נאָר דער טאָג איז גרויס,
עס איז ערשט באַגינען.
פאַמעלעך רינען
שעה נאָך שעה
און אויף פינף מאָל ביין
איז איינמאָל — יאָ.
און אין בלויען פאַרנאַכט
האָט ער אַהיים געבראַכט
אַ פולן עמערל פיש
פאַר דער מאַמעס טיש.

די סעטקע

דעם קרעטשמערס זון, אויסגעבאָדן און פריש,
איז געקומען און געזאָגט צו מיר:
— נאָמיר גיין צום „ראַוואָק" כאַפּן פיש.
די סעטקע האָט זיך געטריקנט אויף דער זון,
דער „בויט" איז געשטאַנען לעבן איר —
אַ מאַמע מיט איר אויסגעוואָקסענעם זון.

מיין חבר איז געווען העכער פון מיר
און עלטער מיט עטלעכע יאָר;
נאָר דאָרט וואו הייזער זיינען דריי צי פיר
איז ניט קיין גלייכע פּאָר — אַ פּאָר.
ער האָט פאַרוואָרפן די בעץ מיטן שטעקן אויפן קאַרק
און איך האָב געטראָגן דעם עמער אין האַנט.
ער איז געוועזן הויך און שטאַרק
און איך האָב אונטערגעשפּרונגען דאָרט
וואו ער האָט בלויז געשפּאַנט.
עס האָט לאַנג ניט גענומען צו קומען צום אָרט.
געווען איז דער „ראָוואָק"
ניט ברייט ווי דער ים
און ניט טיף ווי דער תהום,
נאָר דער שמאָלער שטראָם
איבערן ווייכן גרונט
האָט זיך מיט אימפּעט געיאָגט
ווי ביר פון אַ פאַס
מיט אַן אָפענעם שפּונט.
און ביי דער זייט דאָס גראָז
איז געווען איינגעלייגט און נאַס.
מיין חבר האָט איינגעשפּאַרט די סטעקע מיטן נאָז,
דער שטראָם זאָל זי ניט פאַרטראָגן.
און איך בין פאַרלאָפן
אַ שטיק
אויף צוריק
מיטן „בויט" אין די הענט
און דעם וואַסער געפּאַטשט און געשלאָגן.
געפּאַטשט און געלאָפן געשווינט
מיט אימפּעט און געשריי
און געפּאַרקעט אין די שליימיקע ווענט,
וואו אַ פלאָטקע האָט זיך ערגעץ פאַרשלאָפן.
ביז וואַסער איז געוואָרן טינט
און שוים — געפּאַלענער שניי.
און אַז ער האָט די בעץ אַרויסגעצויגן

איז זי געווען פול מיט וואַסער־אויגן,
און דורך די שלייפלעך, ביזן העלפט אַרויסגערוקט,
האָבן פּישלעך ווי דורך אַ פענצטער געקוקט
און מיט די עקלעך קאַקעטיש געדרייט
אַנטקעגן דעם טרוקענעם טויט.

דער אָשיך

אַז דער קעניג קומט פון מלחמה צוריק
איז זיין שטאָלץ און זיין פרייד ניט אַזוי עכט
ווי דעם הויכן גוי׳ס, וואָס גייט מיטן בריק
און טראָגט אין האַנט אַ צען פונטיקן העכט.

ער האָט אים אָפּגעוואָרט לאַנג און געהיט
אין די אַלע זוניקע, וואַרעמע טעג.
געטראָטן מיט באָרוועסע, גנבהשע טריט
און געלעגן פּאַרטאַיעט ביים ברעג.

ליגט שטיל. האַלט איין אין זיך דעם אָטעם.
צוויי חושים נאָר — געזע, געהער.
אָט האָט אַ פויגלס בלויער שאָטן
פאַרביי געשוועבט — פאַר אים אַ שטער.

דעם וואַסערס פּנים איז אויסגעגלעט.
די מיטאָג זון איבער אים ברענט.
זיין בליק — אַ פייל אין גרינעם טשערעט.
ער האַלט דעם אָשץ שטייף אין די הענט.

און אַז ער האָט דעם פיש דערבליקט
נאָענט פאַרביי אים גיין —
האָט ער אין אים דעם אָשץ געשיקט,
מיט די פאַרשפּיצטע ציין.

ער האַלט זײַן פאַנג אויפגעהויבן הויך
אין דער פאַרשטאַרטער רעכטער האַנט.
אַביסל בלוט אויף דעם העכטס בויך,
דער שטאַנג פון אַשץ שלעפּט זיך נאָך אין זאַמד.

אַנטקעגן קומט דער מילנער אָן.
ווייל ס׳איז ערב־שבת אויף דער וועלט,
האָט ער זיך מיט אים נאָר אַ דונג געטאָן
און באַצאָלט מזומן געלט.

מען האָט דעם פיש צעשניטן אויף שטיקער צען.
יעדער שטיק איז געשפּרונגען פון ברעט.
ווען פיש וואָלטן רעדעוודיק געווען,
וואָלט יעדער באַזונדערער שטיק גערעדט.

דער מילנער האָט אוועקגעשטעלט אַ קופּערנע פאַן
איבער אַ צעפאָכעטן, ווינטיקן פלאַם,
און צוגעלייגט אַ שפּאָן נאָך אַ שפּאָן
און זאַלץ און פעפער צוגעשאָטן צום טעם.

די ווייבער קאָכן דאָס פלייש און די יויך;
זיי האַקן איין די ציבעלעס אויך;
זיי גרייטן צו דעם גאַנצן טיש;
די מאַנסביל אָבער — קאָכן די פיש.

שרעק

צווישן וועג און פאַשע איינמיטן,
איבער אַ זאַמדיקן גרונט איז אַ טייכל געלאָפן —
ליכטיק, שטיל און פאַרשלאָפן.
נאָר ניט ווייט פון דעם גרויסן טייך
האָט זיך דער גרונט אָפּגעהאַקט גלייך,

ווי מיט אַ שער אָפּגעשניטן.
און דאָס טייכל איז אַרונטערגעפּאַלן צווישן הויכע ווענט צוויי,
מיט שרעק און געשריי.
אָבער דאָרטן, טיף אין דער נידער,
איז עס אויפגעשטאַנען ווידער
און אויף קליינע פּיסלעך געלאָפן —
ליכטיק, שטיל און פאַרשלאָפן —
ביז אין גרויסן טייך אַריין.
איינמאָל ביינאַכט, אין לבנה־שיין,
בין איך מיט דער פּאַשע געגאַנגען,
פון אַ וויטן שכן אַהיים, אין מיל.
דעם קאָפּ אַביסל אַראָפּגעהאַנגען —
געווען מסתמא פאַרטראַכט —
מיין האַרץ איז פול געווען מיט רייד,
אַליין גערעדט, פון אַנדערע געהערט.
און אַזוי פאַרטראַכטערהייט,
האָב איך דערשפּירט — די ערד
האָט זיך בערגלדיק צוגעטראָגן צו מיין פוס.
און דער געשריי פון פאַלנדיקן פלוס
האָט ווי פון שלאָף מיך אויפגעוועקט.
און אַ קאַלט־פאַרגליווערטער קלאַנג
האָט אַ כעקונדע אויסגעצויגן לאַנג...
איך בין אויף צוריק ניט אָפּגעשפּרונגען,
ווי געביסן פון אַ שלאַנג,
נאָר ווי איינער וואָס האָט אָנגעקלונגען
ניט אין דער ריכטיקער טיר,
האָב איך זיך לאַנגזאַם און שטיל,
ווי אויף אַלע פיר,
האַלטנדיק דעם שרעק אין צוים,
אויף הינטערווייַלעכץ זיך גערוקט.
און נאָכדעם ערשט, אַז איך האָב זיך אומגעקוקט,
האָב איך דורכגעלעבט דעם גרויל
פון זיין אַ האַלבן שפּאַן פון תהום
און ציינער האָבן זיך אויפגעכאַפּט אין מויל.

די קרעניצע

די קרעניצע איז געשטאַנען אויפֿן וועג צום דאָרף
צווישן הויכע ברעגן פֿון שוואַרצן טאָרף.
אַ וואַסערל איז געלאָפֿן פֿאַרביי איר הויך גענוג
אַנצוטרינקען אַן אַנגעבויגענעם קרוג.
און בלויע אָדערלעך, ווי אויף אַ געכאַליעטער האַנט,
האָבן זיך געצייכנט אין ווייסן זאַמד.
און די קרעניצע אַליין —
אַ פֿעסל אָן אַ דעק
און אָן אַ דאַך,
צונויפֿגערוקט נאָר ברעט מיט ברעט —
האָט טיף אין זאַמד געשטעקט.
צווישן זעמדל און זעמדל האָבן אויפֿגעשפּראָצט
וואַסער־בלעזלעך טראָפּ נאָך טראָפּ,
ווי אין אַ קאָכיקן טאָפּ,
און ביי דער אויבערפֿלאַך
פֿון זיך אַליין געפּלאַצט
און זיך אויסגעגלעט.
אַז איך פֿלעג גיין
אין דאָרף, אָדער צוריק,
פֿלעג איך אַרונטערלויפֿן
צו דער קרעניצע אונטערן בריק.
איך פֿלעג ניט ברענגען קיין גלאָז,
אָדער טעפּל,
וואַסער אָנצושעפּן
און אויך ניט צונויפֿלייגן די הענט אין אַ הויפֿן,
נאָר פּשוט און פּראָסט
זיך אָנגעמען מיט ביידע הענט
פֿאַר דער קרעניצעס ווענט
און, מיטן קאָפּ אַראָפּ,
אויסשטעלן די ליפּן
און זופּן
ביז דער אָטעם פֿלעגט אויסגיין אין מיר.

און אויפהויבן זיך ווידער
מיט נאַסן מויל און נאָז
און טראָגן פראָסט
אין אַלע גלידער
ביז צו מיין קאַמערס טיר.

דאָס שטיבל

עס דערמאָנט זיך מיר, נאָך אַזוי פיל יאָרן,
דאָס „שטיבל" אויפן צווייטן גאָרן
אין ווינקל מיל. צו אים דער וועג
געווען איז צווישן פולע זעק
מיט מעל און ביט־געמאָלן קאָרן.
און מעליקער שטויב איז געהאָנגען געדיכט
אין די באַוואָקסענע פענצטערס ליכט.
די וואַלצן שיפּען, די פּאַסן הוזשען;
עס שייערט זיך שטיין אָן שטיין;
און ווי אַ הינקענדיקער איבערן הויף
גייט די אַכט־קאַנטיקע ראָד
אַראָפּ און אַרויף,
אַראָפּ און אַרויף.
אַ קנאַפּער מנין יידן אין אַ מיטנוואָך
דאַוונען אין איין שטוב, און דאָך
דאַוונט יעדערער פאַר זיך אַליין.
אין שטיבל שטייען נאַרעס צוויי,
עס רוען זיך אויס אויף זיי
די „מענטשן" אַ שעה צי צוויי.
און ביי אַ וואַנט אַ וואַרשטאַט שטייט
מיט אַ צעשעטקעוועטן אויבערפלאַך,
און העבל, זעג און דלאָט,
געצייג פון מילנער־פאַך,
צו זעגן און צו סטרוזשען,
ליגן דאָרטן אָנגעגרייט.
אַהין פלעג ייִנגלווייז איך קומען

פאַרשפּילן לעכצנדיקע הענט
נאָך טועכץ. „שטיבל״ האָט מיך אויפגענומען
מיט קורצע, ציטערנדיקע גאַמען
און קלינגענדיקע שויבן־ראַמען, —
מיט דעם געזאַנג פון זיינע ווענט.

אַ בורע

אין אַ מיטן טאָג ווערט טונקל די שיין.
עס וועט זיין
אַ בורע. פענצטער ווערן פאַרמאַכט.
אין קאַמערן — נאַכט.
קינדער האָבן זיך פאַררוקט
אונטער קאָלדרע און דעק.
אין אויגן פון גרויסע — שרעק.
די פינצטערניש ווערט גרעסער,
אין שטוב — גליווערדיק־שטיל,
נאָר „פריילעך״ — אויף יענער זייט מיל.
מיט אַן אימפּעט פון צען פאָר פערד
לויפט אַ קאַטש, ברייט און הויך,
שוואַרץ ווי רויך,
קערט די ערד
מיט סוויסטש און הוק.
גייט אויף דער מיל
און אויף די בריקן.
וועט דערשטיקן
בהמות, פערד.
ווענט פון שטאַלן
וועלן פאַלן
פאַר איר גבורה.
דער רבי זאָגט: ווען איינער טוט
אַ וואָרף אַ מעסער
אין דער בורע,
וועט אַ שפּריץ טאָן בלוט.

דער שיוועַר הונט

איך האָב קיין שלעכטס ניט געמיינט,
ווען איך האָב אים אַ שמיץ געטאָן
איבערן פּנים און איבער די לאַנגע
האָר, וואָס זיינען איבער די אויגן
אים אַראָפּגעהאַנגען.
איך בין צו הינט געווען געוואוינט
פון שטענדיק אָן.

עס איז געווען אַ הייסער פאַרנאַכט
און וועגן מיט אויסגעשפּאַנטע פערד
זיינען געשטאַנען אַרום און אַרום מיל.
און אונטער איין וואָגן אויף דער ערד,
איז געלעגן, מיט די פאָדערשטע פיס אויסגעצויגן,
דעם קאָפּ אויף די פיס
און די אויגן צוגעמאַכט,
אַ שיוועַר הונט. איך האָב פון ערגעץ געשפּאַנט
און געווען ביי זיך האָפערדיק און גוט.

און מיט דעם רוט
אין מיין האַנט
קוים אים אָנגערירט
און ווייטער אַוועק.
אָבער באַלד האָב איך מיט שרעק
דערהערט אַ כעס׳דיקן בריל
און ווי מעסערס צוויי
דערפילט דעם ביס
פון שאַרפע צייך.
מען האָט מיך אונטער די הענט
אין שטוב אַריינגעפירט.
און נאָכדעם, ווען איינער אַליין,
אין קאַמער פאַר די ווענט,
האָב איך ביטערלעך געוויינט,

האָט ניט דער ווייטיק אין פוס
מיך געבערענט, נאָר דער פאַרדרוס
וואָס אויסגעלאָזט האָט זיך אַזוי —
איך האָב קיין שלעכטס דאָך ניט געמיינט.

ענטלעך

די מאַמע האָט אין דער טונקלקייט אַריינגערעדט:
„שטיי אויף, מיין קינד, דער זייגער איז שפּעט.
„גיי טרייב די ענטלעך אויפן טייך אַרויס.״
דער שלאָף האָלט געבונדן — איך רייס זיך אויס,
און קוים אַנגעטאָן — פאַרלאָז איך דאָס הויז.
איך עפן פאַנאַנדער די אויגן ברייט:
דער מזרח איז רויט
און גאָלדיק די ערד.
גויים פירן פון פּאַשע אַהיים די פערד.
די ענטלעך דרעמלען דערביי אויפן גראָז,
די שנאָבלען אין וואַרעמען פוך פאַרשטעקט.
אַ פּאַך מיט דער ווישלע — איך האָב זיי אויפגעוועקט.
זיי גיבן זיך מיט געשריי צום וואַסער אַ לאָז.
איך טו מיטן קני דאָס שיפל אַ שטויס,
פאַרפאַר פון דער זייט און טרייב זיי אַרויס
אויפן מיטן טייך. איך טרייב זיי ווייטער, ווייטער,
צו אַ צוגעזאָגטן גרין־גאָלדענעם לאַנד.
זיי זיצן אויפן וואַסער ווי באַלעבאַסטעס ברייטע,
(עס פעלט זיי נאָר אויפן האַלדז פּערל אַ באַנד),
און מיט די פּיסלעך פּרענטלען זיי אַזאַ בלויען שטאָף,
וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און האָט ניט קיין סוף.
נאָכן שיפל שפּרייט זיך אַ צעפּאַכערטער שטעג.
די ענטלעך קומען צו אַ זומפּיקן ברעג.
ענטלעך זיינען נאַריש, אָבער אויך אַזוי פיל קלוג
אָנצועסן זיך מיט זשאַבעס און ווערים גענוג.
זיי שטאָפּן זיך דאָרט דעם גאַנצן טאָג
און ווערן פעט און שווער אויפן וואָג.

פאַרנאַכט, נאָך איידער די זון וועט פאַרגיין,
וועל איך פאָרן און ברענגען זיי אַהיים.

בהמות

צוזאַמען מיט די מענטשלעכע גרויסע געזינדער
פון ברידער און שוועסטער און שוועסטערקינדער,
וואָס האָבן דריי הייזער פאַרפולט און באַלאָדט,
איז ביי אונדז געווען אַ בהמיש געזינד
פון לויטער ווייבער; אַ חוץ אַמאָל אַ קינד
אַ קורץ־וואָכיקס — ווייל דער שוחט אין שטאָט
האָט צו דער דריטער וואָך שוין געוואַרט אויף דעם.

געווען זיינען בהמות אינגאַנצן פיר:

מיין ברודערס רויטע קו מיטן ווייסן דיאַדעם
אויפן קליינעם קאָפּ און געטאָקטע הערנער צוויי.
אַ גרויסהאַלטערקע געווען,
אַזוי ווי די שוועגערין מיינע, און אויך ווי זי
אַ שלעכטס: אַוואו געגאַנגען — אַ שטויס, אַ וואָרף
(מען האָט זי געבראַכט פון אַן אַנדער דאָרף).
און אונדזערע צוויי אייגענע פּרעסטע,
פּול־אייטערדיקע קי,
וואָס האָבן אונדז מיט קעז און פּוטער גענערט.
גוטע, כאָטש נעם און רייט אויף זיי —
זיי וואָלטן זיכער זיך ניט געווערט.
און דעם מילנערס קו, אין ישוב די גרעסטע.
אַ שוואַרצע, מיט אַ ווייסן פּאַס איבערן גאַנצן רוקן,
ווי אַ „רובעל", וואָס קוועטשט איין אַ וואָגן היי.
דאָס איז געווען אַ בהמה אויף אָנצוקוקן,
קלוג ווי אַ מענטש און פלינק ווי אַ חיה.
זי פלעגט עפענען די מיל־טיר מיטן האָרן
און אויפפרעסן פון קאַסטן דאָס ביסל קלייען

און פון דער אַרבע דאָס מעסטל קאָרן.
וויפיל מען האָט זי ניט צעשאָלטן
און וויפיל שטעקנס מען האָט ניט צעבראָכן
אויף איר קאַרק — איר האָט ניט געשאַדט,
זי איז איבער אַלע זאַשיקעס געקראָכן,
געגעסן פרעמדס, מיט רויב געוואָרן זאַט.

דער מילנער האָט זי שוין גאָר אַלטערהייט
פאַר ביינציק רובל „אויף וואַרשע" פאַרקויפט.

ווען מיר איז פולע דרייצן יאָר געוואָרן,
בין איך אין ישיבה לערנען געפאָרן
און פלעג זעקס מאָל אַ וואָך אינדערפרי
עסן פוטער פון אונדזערע פרעסטע קי.

דער רויטער

ער איז געווען אַ טונקל־רויטער
אונדזער דינער, קלוגער פערד.
האָט געקענט, ווי שטאַל און זשאַלאַב,
זיבן מייל אַרום די ערד.

שליאַכן און געדרייטע וועגן —
וואו איז ער ניט אויסגעווען.
דער פאַרוואָרפנסטער פולוואַרעק
האָט אים אַ הונדערט מאָל געזען.

געווען איז אונדז באַוואוסט זיין יחוס,
זיין מאַמען האָבן מיר געקענט,
דער גוי האָט שיער געוויינט מיט טרערן
ביים לעצטן צושלאָגן די הענט.

ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע גריווע
מיט מיידלש־אויסגעשרונטע האָר,
זיין גאַנג געווען איז גלייכע ווירע,
אויף גלאַטן טיש דער גאַנג פון „גאָר".

פיר גרינגע פיס. האָט אויסגעמיטן
דעם באַריש־היציקן גאַלאָפּ,
איז באַרג־אַרויף ניט צוגעשטאַנען
און ניט „געטראָגן" באַרג־אַראָפּ.

ער איז געווען אַ פערד אַ חכם
אונדזער דינער, רויטער פערד,
פלעגט אין דער פינצטערניש דערשפּירן
דעם שמאָלן פּאַס פון שטייפער ערד,

און אויף די זומפּיק־לויזע וועגן —
אויסזוכן אַן אָנשפּאַר־ברעט.
ביי אונדז אין שטוב האָט מען פון „רויטן"
כמעט ווי פון אַ מענטש גערעדט.

מואָב׳ם טעכטער

מיר האָבן געטריקנט היי אויף סודניקס לאַנד.
פלוצלונג האָט איינער אויפגעהויבן זיין האַנט
צום וועג, וואָס האָט געפירט פון באַרג אַראָפּ
אין טאָל. מיר האָבן אָנגעשטעלט די אויגן:
מיטן געלן טראַקט האָבן זיך געצויגן
וואָגנס, וואָגנס אָן אַ צאָל. פון דער וויט —
ווי רינגען פון אַ לאַנגער, שווערער קייט.
צו אונדז דערנענטערט האָט זיך ערשט דער קאָפּ;
דער עק אָבער האָט געפּויזעט נאָך אויף יענער זייט.
עס איז געווען אַ טאָג ווי אַלע טעג, ניט קיין יאַריד
און ניט קיין חתונה, וואָס אַ גאַנצער דאָרף באַגלייט, —
אָט אַזוי אַ טאָג פאַר אָנהויב שניט.

די קייט האָט זיך פּאַמעלעך אַלץ גערירט,
רינג נאָך רינג ביז זי האָט זיך צוגערוקט
צום אָרט וואו אַלע זיינען מיר געשטאַנען
און מיט וואונדער צוגעקוקט:
אויף הויכע, ניט־אונדזעריקע, געשפּאַנען
באַלייגט מיט פעלד־געצייג: רידלען, סערפּעס, העק
און קליינע שטוב־זאַכן אין גרויסע זעק,
האָבן פרויען, אַלט און יונג, מיט קליינע קינדער אויף די הענט,
געשאָקלט זיך אויף דעם גריבלדיקן וועג.
און ביי דער זייט, האָבן מיטן אויסגעגלעטן שטעג
די מענער, מיט פּנימער פון זון פאַרברענט,
געשפּאַנט מיט שווערע, איינגעפּאַרענע פיס.
דאָס איז ניט געווען קיין ציגיינערשער טאַבאָר,
וואָס האָט מיטן גאַנצן לאַגער זיך געטאָן אַ ריס
פון ערגעץ וואו אַ הינטער־שטאָט און — פאָר!
און ניט קיין עדה יידן פון אַן אָפּגעברענטער שטאָט,
וואָס האָט זיך מיט געראַטעוועטן סקאַרב
אין דער וועלט געלאָזט אויף גאָטס באַראָט.
ניין, ניט די קליידער און ניט דער פּנים־פאַרב
האָט אויסגעזאָגט פון וואַנען און וואוהין
די גאַנצע מחנה ציט און וואָסער אומה זיינען זיי?
נאָר ווען זיי זיינען שוין געווען אַ וויאָרסט און צוויי
פון אונדז האָט זיך מיר ווי אַ ביינאַכטיקער חלום דערמאָנט:
אָט די דורכגייער — איך האָב דאָך זיי געקאָנט,
פון חומש. דאָס זיינען מואָב׳ס טעכטער און זין
וואָס גייען אין געפאַנגענשאַפט.

וואוהין און פון וואַנען

וואוהין און פון וואַנען — איך ווייס ניט אַליין,
דאָס האָט זיך אויסגעמעקט פון מיין זכרון.
איך זע מיך מיט אַ וועג אַ זאַמדיקן גיין
און מיט דעם וועג דריי פורן פאָרן.
די זון איז ערשט דעם מיטן הימל אַריבער

און הייס איז דער טאָג. אין זאַמדיקע גריבער
קריכן די רעדער און די פערד;
און יידן מיט רויטע און שוואַרצע בערד
גייען זיי נאָך. זיי רעדן און רופן אָן נעמען
פון זאַכן וואָס איך בין צו יונג אַקוראַט צו באַנעמען.
און מיט דעם שטעקן וואָס איך האַלט אין האַנט
בויער איך לעכער אין געלן זאַמד;
איך דריי אום דעם קאָפּ און שטרעק אויס דעם בליק
צו ציילן די לעכער הינטער מיר אויף צוריק.
נאָר וואוהין און פון וואַנען מיר זיינען געפאָרן
האָט זיך אויסגעמעקט פון מיין זכרון.
אַ זעמדעלע אין טאָל פון צייט,
אַן אָטעם־צוג פאַרגאַנגענהייט.

העקערס

ווען העקערס קומען האַקן היי
אין אַ זוניקן אינדערפרי,
שטעלן זיי זיך אויס אין אַ גלייכער ריי,
מיט די קאָסעס אין די ביידע הענט,
די ווייסע העמדער איבער די קני
אַרויסגעלאָזט, און ביי די גאַרטלען הענגען
די שאַרפשטיינדלעך, ווי קליינגלען
פון ברויט־מעסערס. עס בלענדט
דאָס אויג דער שאַרפער, ווייסער שטראַל
פון זון אויף אויסגעשייערט בלויען שטאָל.
און אַלע מיט אַמאָל
הויבן זיי די קאָסעס אויף
און האַקן אויס אין גראָז אַ האַלבן רייף.
און הויכע שטענגלעך פאַלן פון די פיס,
ווי אָנגעשפּילטע קינדער ווען דער טאָג גייט אויס.
פון ווייטן פאָרט אַ פור: גאָט העלף!
די זון האָט אָנגעליכטיקט: צוועלף.

זיי ווישן מיט דער האַנט דעם שווייס פון פּנים אָפּ
און זעצן זיך פּאַמעלעך אויף דער ערד אַראָפּ.
זיי עסן שווייגנדיק דעם מאָלצייט פון איין געריכט,
ווי אַן עבודה וואָלטן זיי אַ שטילע אָפּגעריכט.
און ווען זיי טראָגן צו צום מויל אַ לעפל קרויט,
שפּאַרן זיי דאָס אונטער מיטן ביסן ברויט
און נעמען ביידן גלייך אַריין אין מויל.
זיי רוען נאָך אַ קליינע ווייל
און ווידער שפּיגלען זיך די קאָסעס אַנטקעגן זון ווי גלאָז.
מיט אַ געזעגל פּאַלן אום די גראָז.
און קווייטלעך געלינקע, מיט קריינדלעך ווייס ווי שניי,
ליגן אויסגעמישט מיט פּראָסטן היי.
עס טריקנט באַלד די זון דעם פרישן שניט
און ברעכיק שטרוי איז שוין — וואָס האָט אָט ערשט געבליט.
נאָר אונטער ריפּן היי
און צווישן ריי און ריי
איז גרין און ביי דער סאַנאָזשענץ,
כאָטש בויג זיך אָן און בענטש.

גאָט פון אברהם

ווי גאָט האָט אברהמען געוויזן דאָס לאַנד,
אַזוי האָט מיך דער טאַטע געפירט ביי דער האַנט, —
ניט מיט אַ צוזאָג פאַר שפּעטערע יאָרן
נאָר דאָס צו דערמאָנען וואָס פאַרפרעמדט איז געוואָרן.
מיין האַנט איז אין זיינער געלעגן וואַרעם און ווייך,
זיין פּנים איז געווען פאַרצערט און בלייך:
„אָט דאָס איז דעם הינקענדיקן אַניקינס קאָרן
„און דאָס — טאַרגאָנסקיס ווייץ. און יענער זאַהאָן
„איז אונדזערס געווען נאָך פאַראַיאָרן,
„היינט בליט דאָרטן דעם גלחס מאָן.“
מיר זיינען געגאַנגען מיטן פעלדישן שטעג.
די זון איז געשטאַנען כמעט ביי דער ערד
און דער זומערדיקער שבת איז שוין באַלד אַוועק.
פון קלויסטער־טורעמל האָט זיך געהערט
גלעקער קלינגען קינדיש־דין.
(דער גרויסער גלאָק וואוינט אין שטאָט
און אין די דערפער די קליינע זין.
און אַז דער שבת פאַרנאַכט קומט אָן
צעקלינגען זיי זיך אַלע צו זייער גאָט.)
דער טרויער איז נאָכגעגאַנגען טראָט ביי טראָט.
און אַז מיר זיינען אָנגעקומען צו דער אַלטער מיל,
האָט די מאַמע, ווי פון אַ סידור, געלייענט שטיל:
„גאָט פון אברהם . . .“

אַ פֿרעמדער שייער

דער שכן פֿון דער רעכטער האַנט
איז געקומען בעטן אין מיטן טאָג,
מען זאָל אים העלפֿן אויסגלייכן די וואַנט
פֿון היי, וואָס האָט זיך מיט איר גאַנצער וואָג
ווי אַ שיכור צום טאָק אַ בויג געטאָן.
מיר האָבן אַלע — דער באַלעבאָס, טיכאָן,
די געדונגענע דרעשער זאַלבעדריט
(איך בין אויך געווען אין דער מיט) —
געלאָזט ליגן די גאַרבן אויפֿן דיל
און די צעפּעס אין ווינקל שטיין שטיל
און געגאַנגען העלפֿן אַ שכן אין נויט.
מיר זיינען אַריבערגעקראָכן דעם פּלויט
און געשטאַנען אויף דעם באַלעגופֿס ערד.
כאָטש דער שייער איז געווען ווי אונדזערער געבויט,
איז אָבער אינעווייניק אַלץ אַנדערש געווען. דער טאָרף היי —
ביי דער וואַנט וואו ביי אונדז ליגן סנאָפּעס קאָרן,
און דער בערדיקער גערשטן איז אַזש פֿאַרפֿאָרן
צום סאַמע עק פֿון שייער, און אַזוי
אויך דער האָבער פֿאַר די פֿערד.
און די גאַנצע משפּחה:
סערפּ, גראַבליע און סאָכע,
די געצייג פֿאַרן פֿעלד,
איז ניט ווי ביי אונדז געווען אויסגעשטעלט.
אין יענער נאַכט האָב איך איינשלאָפֿן ניט געקענט,
איך האָב אַן אַנדער שייער דערקענט.

מעשה בראשית

די מיל איז פֿאַרטיק ביזן לעצטן טשוועק,
די באַלמעלאָכעס האָבן אין קאָסטנס און זעק
צונויפֿגעקליבן דאָס געצייג און אַוועק.

אַזוי איז געווען דעם זעקסטן טאָג אויף דער נאַכט,
ווען גאָט האָט די וועלט פאַרטיק געמאַכט.

צוויי קליינע קינדער — שוועסטער און ברודער,
זיינען מיט נייעם גערודער
אין מיל אַריינגעלאָפן.
ער האָט געטראָגן שפּענער אַ הויפן
און זי — אין קלייד קאַרטאָפל.

זיי האָבן דריי ציגל אויסגעלייגט,
אַ קליינעם פייער פאַנאַנדערגעלייגט
די בולבעס אָפּצובראָטן.
און אַז עס איז זיי געראָטן
האָבן זיי, ווי גאָט אין דער „כי טוב"־מינוט,
געזען, אַז ס'איז גוט.

דאָס קלייד

זי איז אָפּגעפּאָרן און אויף דער וואַנט
אין צימער, וואו זי איז דריי נעכט געשלאָפן,
ווי ערשט אַראָפּגעגליטשט זיך פון דער האַנט,
געבליבן הענגען איז איר ראָק האַלב־אָפן.

און צו דעם קלייד נאָכגיביקן און שטומען,
ווען קיינער איז געווען אַחוץ אונדזביידן,
אין לערן צימער פלעג איך קומען
זיך אויסטענהן און ריידן.

און ווען דער אַלטער גוי האָט מיר געבראַכט
אַ בריוו, אַז מאָרגן קומט זי אָן,
האָב איך, אַן אויסגעליטענער, געטראַכט:
וואָס האָט ביי אונדז אַן אַנדער פרוי צו טאָן?

דער זייגער איז צען

דער זייגער איז צען,
עס איז פרייטיק־צו־נאַכט.
איך גיי אַרויס זען
וואָס טוט די נאַכט.

אַ שפּעטע שעה,
דער שניי איז שטייף,
דער הימל — בלאָ,
די לבנה — רייף.

ווי אַ ווירע גלייך
איז ווייסער טראַקט —
דער אייז אויפן טייך
פּאַלט איין און קנאַקט.

צוויי גרינע שטערן
אויפן ווייטן שניי,
מען קען אַזש הערן
וועלפיש געשריי.

פון נאַקעטע שפּאַלן,
פון וואַלד געבראַכט,
שלאָגן אָפּ שטראַלן
אין דער נאַכט.

אין פולן וואָגן היי

פאַראַן סוף־זומערדיקע נעכט. אין זיי
איז גוט צו זיצן אין פולן וואָגן היי.
אַן אַלטער פערדל לויפט מיט קליינע טריט;
די לבנה אין דער הויך לויפט מיט.

דער וועג האָט אויסגעשטרעקט זיך מײַלן ווײַט,
קיין דאָרף, קיין וועלדל בײַ דער זײַט,
קיין הויכער באַרג, קיין טיפֿער טאָל —
דו ביזט געפֿאָרן דאָ אַ טויזנט מאָל.

דער פֿערד ווייס בעסער נאָך דעם וועג ווי דו.
אַ גרויסע שטילקייט, אַ גרויסע רו.
דו דרעמלסט איין און לאָזסט אַרויס
פֿון האַנט די לייצע. זי פֿאַלט אין שויס.

לבנה פֿון וואָלקנס — אַרויס, אַרײַן.
אָט בלייכע ליכט, אָט בלויער שײַן.
אויך דו — אָט וואַך, אָט שלאָפֿסטו איין —
פֿון אַ חלום אַרויס, אין אַ חלום אַרײַן.

די שטוב

אַ ווינטער באַגינען

דער ווינטער טאָג האָט ערשט זיך אָנגעהויבן
און דער פרימאָרגן איז בלוי נאָך אין די שויבן;
אָבער די גאַנצע שטוב, די שוועסטער מיט דער מאַמען
איז אויף. מען וואַרעמט וואַסער פאַר די קי;
די גויע האָט געבראַכט פון מיל אַ מעסטל קלייען
די צובערס צו באַטעמען.
אין די ווינקלען שטוב איז פינצטער. ס׳איז נאָך פרי.
נאָר פון דעם פלאַקערדיקן אויוון האָט דער גלי
צערויטלט ביז צום פלאַמען אַלע פנימער און הענט.
עס שטייען צובערס פינף מיט מעקענע אָנגעשאָטן.
דאָס וואַסער איז שוין הייס, מען גיסט די צובערס אָן.
אַ פאַרע שלאָגט אַרויס, צעשפרייט זיך און באַשאָטנט
צוריק די פנימער, די בענק אַרום די ווענט.
מען בריט אָפּ קוילן צו ווייקן גרעט.
צום לעצטן מאָל האָט זיך צעקרייט דער האָן.
אַ קלינגעריי, ווען ווילקעס כאַפּן זיך אַרום מיט טעפּ —
דאָס שלעפט דאָס יינגסטע קינד אַרויס פון בעט.
אַזוי הייבט זיך אין מיל אַ פרימאָרגן אָן.

שבת

ווי נאָך אַ מאַרק איז איינגעוויגט די מיל.
אויף שלאָפנדיקע זעקלעך ווייץ און קאָרן
אַוועקגעזעצט האָט מיך די מאַמע תהילים זאָגן.
דער זומערדיקער טאָג איז אויסגעליידיקט-שטיל.

דער טאַטע שלאָפט זיין שבתדיקן שלאָף.
פון וואַנט דער שאָטן האָט זיך אויסגעצויגן.
דער רוקן ברעכט, עס קלעפן זיך די אויגן.
צום גראָבן תהילים — נעמט קיין סוף.

די מאַמע האָט רחמנות אויף איר קליינעם זון,
ער איז נאָך יונג און טוט איר ווילן,
זי מאַכט פון קאַרשן אַ געטראַנק אַ קילן
און גיט אים אויסטרינקען דערפון.

אַליין

די לעצטע ליכט האָט זיך געלאָשן.
דאָס פלעמל האָט זיך אין לייכטער געשפּילט
און געפּלאַפּלט, אויף חלבנעם לשון,
ווי אַ קינד פאַרן אַנטשלאָפן ווערן.
איך האָב די פאַרהאַנקע אויפגעהויבן
און דורך די אָפּגעגאַנגענע שויבן
געזען דעם בייעם שניי, די ווייַטע שטערן,
זייער גרינקייט האָט מיך דורכן פענצטער געקילט.
און כאָטש איך בין געווען ווייט פון אַ שטאָט,
פון מענטשן און פון באַנען,
האָט זיך מיר געהערט פון דאַנען:
אין שניי דער איינוויגנדיקער טראָט
פון מענטשן־פיס און פיס פון פערד;
דער פריילעך־שרעקעדיקער קוויטש
פון מיידלעך אויפן גלאַט פון גליטש,
געקלאַנג פון גלעקלעך און פון שפּאָרן.
איך האָב געהערט,
ווי עס רוישט אין שטאָט די ערד —
און דאָס האַרץ האָט זיך געריסן פאָרן.

קריג

מיין גאַנג איז פּאַמעלעך, מיין טראָט איז שטיל,
ווייל קריג איז געשטאַנען אין דער לופטן ווי פיל —
אין מיין טאַטנס מיל.

איין שטיין האָט געביסן אין צווייטן שטיין,
און מענטשן האָבן זיך געריסן ווי חיות מיט ציין —
אין מיין טאַטנס מיל.

דער גוי פון דאָרף, דער יידישער שכן,
האָבן מלחמות אייביק געפּאָכטן —
מיט מיין טאַטנס מיל.

אויף דער לאַנגער גרעבליע, הין און צוריק,
האָט מען שפּאַצירט און מען האָט זיך געקריגט —
אין מיין טאַטנס מיל.

די פּאָלעס פאַרריסן — האָט מען אַנטפּלעקט
וואָס דאַרף זיין פון טאָג און פון מענטשן פאַרדעקט —
אין מיין טאַטנס מיל.

זון האָט ניט געשוינט זיין טאַטן מער,
און שנור איז אויפגעשטאַנען אויף איר שווער —
אין מיין טאַטנס מיל.

דער מלווה האָט געריסן פון מיין שוועסטער דאָס קלייד;
געשריען, אַז זיינס איז די מילך און דאָס ברויט —
אין מיין טאַטנס מיל.

און איך בין געווען אַ קערנדל קאָרן,
וואָס האָט זיך צווישן צוויי שטיינער פאַרלאָרן —
אין מיין טאַטנס מיל.

עס ציטערט נאָך הײַנט מײַן האַרץ װי אַ בלאַט,
װײַל איך האָב זיך אָנגעגעסן מיט קריג צו זאַט —
אין מײַן טאַטנס מיל.

יאַן

כאָטש ניט קײן לעבעדיקער מענטש, — אַ הילצערנער בולװאַן,
האָט ער געהאַט אַ מענטשיש נאָמען: יאַן.

מיט אַ פּנים, אַ פֿאַרװײנטן, מיט אַ דערנער־קרױן,
אַ דאַרער, אָפּגעטיעסעטער, הײליקער פּאַרשױן.

דעם פּריצס בהמות האָבן זומער זײַנע קני געלעקט,
װינטער האָבן שנײען די פֿיס אים אײַנגעדעקט.

ער איז געשטאַנען װי אַ װעכטער בײַ דעם ברעג פֿון טײַך,
גױים האָבן זיך געצלמט, ײדן — געגאַנגען גלײַך.

די גױעס האָבן יאַנען מיט אַ װײַסן פֿאַרטוכל פֿאַרפּוצט;
די מאַמע אָבער האָט אים אָן רחמנות אױסגענוצט:

אַז די זון געלױכטן האָט אױף יאַנס געזיכט,
האָט די מאַמע אָנגעצונדן די שבתדיקע ליכט.

די בהמות האָט זי פֿאַשען זיך געשיקט
צו יאַנען אױף דעם גרינעם פּאַסטעניק.

און אַז זי האָט געדאַרפֿט אַ קינד אַ קללה געבן,
האָט זי אױסגעלאָזט צו יאַנס לײב און לעבן.

ער איז געװען אַ בײַשפּיל, אַ ציל־ברעט און אַ שפּאַט
פֿאַר אַלעמען — דער טױבער און דער שטומער גאָט.

און װי דער פֿערד כמעט, װי יעדעס אײנציק רינד,
איז ער געװען אַ שטוביקער, געהערט צו דער געזינד.

אױף דער עלטער איז יאַן געװאָרן אָנגעפֿױלט און קרום
און דער פּנים מער פֿאַרװײנט נאָך, מערער פֿרום.

פון יאָר צו יאָר אַלץ מערער צום גראָז זיך אָנגעבויגט,
ביז אַ שטורעם־ווינט האָט איינמאָל יאַנען איינגעלייגט.

דעם פּריצס דינער האָבן יאַנען, מיט אויסגעשמירטע הענט,
אין הויף אַוועקגעפירט, אין אויוון אים פאַרברענט.

צו זעכצן יאָר

ווען איך בין געווען זעכצן יאָר אַלט
בין איך אויף לידער קראַנק געוואָרן.
איך פלעג אַרומגיין ווי אין אַ טונקעלן וואַלד
און זיך צוהערן ווי עס ווערן געבאָרן —
מיטן האַרצן כמעט ווי מיטן אויער געהערט —
ווערטער אין מיר און שורות גאַנצע,
ווי ביימלעך פון אַן אַנדער ערד
וואָלט מען געבראַכט אַהער צו פאַרפלאַנצן.
און אין מיטן לייענען אַ בוך
און טראַגנדיק צום טיש אַ טאָץ מיט טיי —
איז ביים אויפהויבן אַ בלאַט אָדער אין מיטן גאַנג
פלעגן זיי קומען איינציקווייז און אין אַ ריי.
זיי זיינען געווען זיס ווי אַ געזאַנג
און האָבן געשמעקט מיט אַ וואוילגערוך.
אַז מיין ברודער האָט געפונען פאַרשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר,
האָט ער ניט פאַרשטאַנען וואָס עס טוט זיך מיט מיר.
ער האָט מיך גענומען צו דאָקטוירים, מבינים אויף אַ ליד,
זיי זאָלן אים זאָגן, צי איז דאָס אַן איבערגאַנג וואָס וועט
באַלד אַוועק,
אָדער איך בין אין דער אמתן אַ משורר, אַ פּאָעט.
האָט דער ערשטער דאָקטאָר, אַ שייגעץ אַ גימנאַזיסט,
געזאָגט, אַז עפּעס איז דאָ גוט און עפּעס נישט.
אַז לויט מען האָט אים געלערנט אין זעקסטן קלאַס
האָבן מיינע שורות ניט די גלייכע וואָג און מאָס,
איין שורה גייט אַהער און איין שורה אַהין,
ווי מען אַקערט מיט אַ פּאָר ניט פון זעלבן מין.

דער צווייטער איז געווען דער אַפּטייקער, אַ ייד.
ער האָט מיך הינטער דער „סטאָיקע״ אויפגענומען
און דעקלאַמירט דעם „בעכער״, שילערס גרויסע ליד
(זיין יוגנט איז אים צו גאַסט געקומען).
און אויפשטעלנדיק זיך אין זיין פולער הויך געפרעגט:
„פאַר וואָס שרייבסטו ווי שילער ניט?״
די קריגלעך אויף די פּאָליצעס האָבן געלאַכט
און האָבן פאַרשעמט מיין „גוטע־נאַכט״.

מען האָט מיך צו נאָך דאָקטוירים געפירט,
צום שרייבער פון דומע, צום איידעם פון גביר,
און וואו נאָר אין שטאָט אַן אינטעליגענט —
זיי האָבן מיך אַלע היילן געוואָלט
אַפילו אַן אַ גראָשן געצאָלט.
דאָס ליד אָבער איז ניט אָוועק פון מיר.

אַ פלעק

מיינע דריי פעטערס פון דער מאַמעס זייט,
דריי דאָרפישע אַלטע, גרויע לייט,
ווי די דריי ברידער פון אַ מעשה־בוך אַרויס.
דער ערשטער איז געווען הויך און גרויס,
מילד ווי אַ קינד און גוט ווי אַ טויב.
האָט געקאָנט דערציילן פון לבנה און שטערן
און גאָטס אַלע מעשים געוואוסט צו דערקלערן.
ער איז מיט מיר איבער וועלטן געפלויגן
און פליענדיק מיר אויפגעריסן די אויגן:
„אין יאָדער פון דער פרוכט ליגט דער גאַנצער בוים,
אַלע קולות פון אַמאָל טראָגן זיך אַרום אין רוים.״
דער צווייטער האָט געהאַט אַ באָרד ווי צעקאַמטער פלאַקס,
אין די אויגן אויפגאַנג פון זון, אויף די ליפּן גאָטס לויב,
ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע דעם פריצס סאַד —
האָט געשמעקט פון אים מיט פירות און בינען־וואַקס.
און אין די פרימאָרגנס — דער סקריפּ פון אַן אַקס

האָט אונדז, קינדער אין שטוב, געלאָזט זאָגן:
עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דעם פּעטערס וואָגן.
מיר פלעגן זיך אַרומשטעלן אַרום דער הינטערשטער ראָד
און ער, אַ צעשמייכלטער און אַ צעשטראַלטער,
פון דער זון וואָס אויף אים און אין אים,
האָט אונדז אָנגעלייגט פולע קעשענעס און הענט
וויפיל מיר האָבן פאַטראָגן געקענט.
מיין דריטער פעטער איז אויך געווען אַן אַלטער,
אָבער ניט ווי די ברידער ווייס ווי שניי
און ניט אַזאַ תמים ווי זיי.
זיין באָרד איז געווען רויטלעך, פאַרשפּיצט ווי אַ קליין,
און ווי די באָרד איז ער אַליין געווען שפּיציק און דין.
ער האָט ווערטער שטעכיקע געהאַט,
ווי פיילן אַרויסגעשאָסענע פון יעגערס האַנט.
ווען ער האָט זיך מיט די שכנים אַרומגעקריגט
פאַר אַ ברעט אין פּלויט,
פאַר אַ טפח לאַנד.
און אַז עס האָט זיך געשטאַרקט די נויט
האָט ער געוואָרפן זיין שטוב און פּיצל פעלד
און זיך געלאָזן איבער דער וועלט.
די שאַנד פון זיין איבערהייזערדיקן וועג
האָט מיך קוים דערגרייכט. ווי דער ביס פון אַ פליג
וואָס טוט אַ שטאָך און גייט אַוועק,
אַזוי איז אויך זי מיר פון זינען אַרויס.
נאָר מיט יאָרן שפּעטער,
שוין אַ בחורל מיט אַ באַוואָנצלטער ליפּ,
אין אַ מילדער, פאַרנאַכטיקער שעה,
האָב איך, קומענדיק אין אַ שכנישער הויז,
אין אַ דאָרף צוויי צענדליק וויאָרסט ווייט,
דערזען מיין דערוווייטערטן פעטער
זיצן מיט דער טאָרבע ביים זייט
און דעם שטעקן ביי דער רעכטער האַנט,
ווי עס זיצן געוויינטלעך אָרעמעלייט.
איך האָב מיין פעטער באַלד דערקענט,

אָבער מיין פּנים צו אים ניט געווענדט.
איך האָב מיט ווייטיק ביי זיך געטראַכט:
די וועלט איז דאָך אַזוי גרויס און ברייט,
פאַרוואָס גראָד היינט, און פּונקט אָט דאָ,
צווישן די דאָזיקע פריינטלעכע ווענט,
האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך זיין מיאוסן ברויט?
ערגעץ הינטער אַ לאַץ ליגט ער פאַרדעקט,
אָבער ער איז ניט פאַרגאַנגען, דער פלעק,
וואָס איך האָב אים מיין האַנט ניט אויסגעשטרעקט.

אַ געשטאַלט

געקומען פון אַ חתונה

דער שליטן איז אַרויף אויף אַ נאַקעטן שטיין
און מיט אַ סקריפּ געבליבן שטיין.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
אַז איך בין אַרויס פון גרויסן פוטער,
און פון דער פינצטערניש פון דער נאַכט,
און אַריין אין דער שטוב מיט די סך חדרים,
בין איך געווען ווי איינער, אַ ניט־אויסגערוטער,
וואָס האָט פון אַ קורצן שלאָף דערוואַכט.
איך האָב אונדזער שטוב ניט דערקענט,
ווי געקומען וואָלט איך ניט אַהיים, נאָר אין דער פרעמד.
אין די אויערן האָבן נאָך געשפּילט די כלי־זמרים,
און אין דער אָפענער האַנט פון דער מיידל וואָס האָט געזונגען
האָבן די מעשענע רונגען פון איר גאַרטל צוגעקלונגען.
איך בין איבער די קאַמערן געגאַנגען און געזוכט.
עפּעס אַ זאַך, האָט זיך מיר געדוכט,
איז נאָך נעכטן דאָרט געשטאַנען
און היינט איז דאָס ניט געוואָרן.
איך האָב ניט געוואוסט ווער, צי וואָס עס האָט געפעלט,
נאָר יעדע טיר האָט גערופן — דאָ.
און יעדע בעט האָט געענטפערט — ניטאָ.
ערשט ווען דער ווייסער טאָג האָט זיך געשטעלט,
האָב איך מיט מיין ערשט־געעפנטן האַרצן פאַרשטאַנען,
אַז מיין ערשטע ליבע איז געבאָרן געוואָרן.

פאַרנאַכט. פון זון די קרומע שטראַלן
זיינען אויף טיש און בוך און העגט געפאַלן.
די זון האָט געגידערט שפּאַן נאָך שפּאַן,
און איך האָב געלייענט אַן אַלטן ראָמאַן
פון אַ דייטשן יידן, קאַרל עמיל פראַנצאָז:
אין אַ שטאָט, וואָס ליגט ביים ברייטן שטראָז,
האָט געוואוינט אַ ייד, אַ ליכט־פאַבריקאַנט
(מיט זיין נאָמען נפתלי טראַכטענבערג באַקאַנט),
מיט זיין טאָכטער יהודית, דער שיינער.

פאַרנאַכט. פון זון די קרומע שטראַלן
אויף טיש און העגט און בלעטער פאַלן;
און אַנטקעגן, אויף אַ שטול מיט זייד געבעט,
איז יהודית געזעסן ווי אויף אַ הסב־בעט.
איר פּנים — בורשטין, דורכזיכטיק און קלאָר,
בלוי אירע אויגן און בלאָנד אירע האָר —
זיי נידערן אויף אירע אַקסלען אַראָפּ.
און ביי אירע קני מיט געגידערטן קאָפּ
שטייט דער איידעלער גראַף, עלעגאַנט און יונג,
און בעטלט איר ליבע מיט געשליפענער צונג.

און הינטער מיר, צווישן פליייצע און וואַנט,
שטייט נאָך אַ פרוי. איר קליינע האַנט
באַרירט מיינע אַקסלען, ווי ווייכער געוואַנט,
און איבער מיר און צוזאַמען מיט מיר
לייענט זי די ווערטער אויפן ווייסן פּאַפּיר.
איך שפּיר איר אָטעם, איך פיל איר בליק.
נאָר אַז איך דריי אום מיין קאָפּ אויף צוריק,
איז קיינער ניטאָ — ניט אויגן, ניט האַנט —
נאָר אַ ווייס־געקאַלכטע ברעטער־וואַנט.

און אַז איך פּלעג גיין ביינאַכט שפּאַצירן
איבער די וועגן, פּלעג איך דערשפּירן
טריט הינטער זיך, וואַרעמען הויך
און שטילע רייד; און דעמאָלט אויך,
אַז איך פּלעג זיך אָפּשטעלן אינמיטן גיין
און ווענדן כאַפּן דעם מענטש הינטער מיר —
איז קיין מענטש ניט געווען. אין מיר אַליין
האָבן רייד גערעדט, געשלאָגן טריט,
און אין מיין בלוט האָט אָטעם געבריט.

אַ געשטאַלט

אַ געשטאַלט האָט מיך געהאַלטן געפאַנגען
אַ גאַנצן ווינטער ביז דער שניי איז צעגאַנגען.
— — — — — — — — — — — — — —
פון אַלע פענצטער אין אונדזער הויז
איז איינער נאָר צו דרום אַרויס.
דורך יענעם פענצטער איז די זון אַריין,
פאַרביי אים האָט אויך געפירט דער וועג
פון אַלע דערפער אין שטאָט אַריין.
און ווינטער, ווען אין דרויסן האָט געקערט
הימל און ערד,
האָט זיך די זון פון פענצטער אָפּגעקערט
און מיטנטאָג איז געווען גרויער פאַרנאַכט
פאַר די, וואָס האָבן דאָרט אויסגעבראַכט
די קינדערשע און דערוואַקסענע יאָרן.
און וואָס אויף דער וועלט איז אָנגעגאַנגען
איז צו זיי גאָרנישט ניט דערגאַנגען,
נאָר ווען ניט ווען האָט זיך די באַוואַליקטע טיר
געטאָן אַן עפן און ס'האָט זיך דורך איר —
צוזאַמען מיטן עפענער — אַריינגעשטעלט
אַ ווייסע, וויכע, וואַטאָווע קעלט
און איבער דער טונקלקייט זיך צעגאַנגען.

אַמאָל איז די דינסט געקומען פון שטאַל,
ביים בוזעם אַ שעפעלע וואַרעמע מילך;
אַמאָל די מילנערס, מיט אייז אין די בערד, —
זיי האָבן די רעדער אַרומגעהאַקט
און איצט — די טעמפּע העק מיט אַ הילך
אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד;
און אַמאָל — אַ דורכפאָרער מיטן טראַקט,
אויס רחמנות צו זיך און צום פערד,
האָט צו אונדז אין שטוב פאַרקערט.
און אַז דער ווינט האָט זיך איינגעלייגט
און די זון איז אין דער פרי אַרויס
האָט אויף אַ שויב זיך אויסגעלייגט,
אויף אַ ווייל, אַ שאָטן, ווי אַ שפּין די גרויס,
פון אַ פור, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן אַזאַ
בין איך, שטוביק־גרינג אָנגעטאָן,
אַרויס אויף דעם שניי אַ קוק צו טאָן.
טרוקן, קאַלט
און שטיל.
צומאָל נאָר האָט דער אייז געקנאַקט,
ווי נאָענט וואָלט מען האָלץ געהאַקט,
און די לופטיק־נייע מיל
האָט אָפּגעענטפערט: אַ! . . .
מיטן ווייסן, אויפגעטורעמטן וועג
האָט געטרייסלט אַ שליטן מיט מענטשן צוויי.
איינער, דער אָנטרייבער, לעבן פערדס עק,
און דער צווייטער — אין קאָשיק, אין טיפן שטרוי
איינגענורעט. פוטער און דעק
האָבן נאָך פאַררונדיקט דאָס געשטאַלט:
ניט צו דערקענען ווער און וואָס.
נאָר דער שפּיץ נאָז
וואָס האָט פון פאַטשיילע אַרויסגעשטעקט
און די מופטע אויף די הענט

האָבן מיין האַרץ געוועגדט —
צו דער פּ ר ו י.
איך בין לאַנג אין גאַס ניט געשטאַנען,
דער פראָסט האָט מיך דורכגענומען;
אָבער דאָס געשטאַלט, וואָס נאָר אַנען
האָב איך געקאָנט די פרוי אין איר,
האָב איך מיט זיך אין שטוב גענומען;
און אין די טעג, וואָס זיינען געקומען,
איז זי ניט אָפּגעטראָטן אויף איין מינוט:
זי איז מיט מיר אויף איין בענקל געזעסן,
זי האָט מיט מיר פון איין טעלער געגעסן
און אויף מיין קישן האָט איר קאָפּ גערוט.

אין שפּעטן אָוונט

ווען איך גיי אין גאַס אין שלעכטן וועטער,
אין שנייאיקן רעגן, צי בייסיקער קעלט,
אויף נאַסן אַספאַלט, צי אויף גליטשיקע ברעטער —
קומט אויף פּאַר מיר, ווי פון אַן אַנדער וועלט,
אַן איבערלעבונג פון יאָרן צוריק,
טרויער געמישט מיט ליכטיקן גליק.

דאָס איז געווען אין אַ פייכטער נאַכט
אין אַ ווייטער, פרעמדער, ניט־פריינטלעכער שטאָט;
אַלע טירן זיינען געווען פאַרמאַכט
און פענצטער פאַרריגלט מיט אייזנס און דראָט.

פון הימל געפאַלן איז ווייסער שניי
פאַמעלעך און שווער. און פול מיט פאַרדרוס
איז געווען מיין האַרץ, ווייל שוין לאַנג אַז איך גיי
אין שפּעטן אָוונט אַליין און צופוס.

איך בין געגאַנגען צו גוטע פריינט,
וואָס וואוינען אין אַ הויז אויפן דריטן שטאָק,

געצויגן מיט זיכערער האַנט דעם גלאָק,
ווייל ליכטיקע האָבן די פענצטער געשיינט;
נאָר קיינער געענטפערט האָט אויף מיין רוף.
פאַר׳עקשנ׳ט בין איך די טרעפּ אַרויף
און האָב מיט די פינגער געפּויקט אויפן טיר,
פריער פּאַמעלעך און שטאַרקער דערנאָך,
ווייל ליכט האָט געקוואָלן פון שליסל־לאָך;
נאָר קיינער פון הויז איז אַרויס צו מיר —
ניט אַנדערש, מענטשן ליגן דאָ טויט.

דער שניי איז געפאַלן ווי ווייסע בליט
און באַלד צעגאַנגען אונטער די טריט;
דער הימל אָבער אין דער הויך
איז געהאַנגען ווי ניט צעגאַנגענער רויך.

ביז צו דער נאָרע, וואָס „היים" רוף איך אָן,
איז אַ לאַנגער וועג פון „קעניגין־סקווער",
צוויי ענגלישע מייל און אפשר מער.
דאָרט שטייט: אַ ניי־מאַשין אויבן־אָן,
דאָס איז מיין וואַרשטאַט, מיין עס־טיש אויך;
און קאַלכיקע העמדער ליגן אָנגעהויפט הויך
— די שפּייזער מיינע; אַ ברייטע בעט
ניט פאַר איינעם — פאַר דריי, איז אויסגעבעט
מיט ברעטער־סטרוזשקעס, און ציגן־האָר דרויב
פון לויזן קישן און פון די העמדער דער ווייסער שטויב
האָבן אויגן געביסן און פינגער פון הענט.
און ביי דער נאַכט, ווען דער לאָמפּ האָט געברענט,
האָט מען קוים געזען די אייגענע ווענט.

און אָט צו דעם „פּאַלאַץ" וואָס איך האָב פאַרמאָגט,
„מיין היים, מיין שלאָס", ווי דער ענגלענדער זאָגט,
בין איך געגאַנגען אין דער ווינטער־נאַכט, —
דער שניי מיין פּנים האָט נאָס געמאַכט.

און מיטאַמאָל, אַ הונדערט טריט פאַר מיר,
האָב איך דערזען: צוויי מענטשן — פרוי און מאַן;
בויגיק־דינע, מיט קליינעם, געצעגערטן שפּאַן
זיינען געגאַנגען ווי אויף אַ מאַי־נאַכט שפּאַציר.
איר פּנים צו זיינעם אומגעקערט, —
ער האָט גערעדט, זי האָט געהערט.
זיינען מאַן און ווייב דאָס געגאַנגען אַזוי?
אָדער בחור און מיידל — פאַרליבטע צוויי?
אָדער צוויי, איינס צום צווייטן אומבאַקאַנט,
האָט אָונט געקלאַמערט האַנט צו האַנט?
און אַזאַ וואוילקייט איז געווען אַרום זיי
און אַ ליכטיקער שטעג אַזאַ נאָך די צוויי
האָט זיך געצויגן, אַז מיר אַליין
האָט זיך געוואָלט אין דער ליכטיקייט צעגיין.
איך האָב מיינע טריט שוין מער ניט געאיילט
אויך אָפּשטיין פון זיי האָט זיך מיר ניט געוואָלט;
נאָר אויף דעם געביטענעם אַספאַלט
זיי נאָכגיין אין זייער אייגענעם טראָט
אין דער שטילער, ביינאַכטיקער שטאָט.

און געקומען צו זיך און די טיר אויפגעמאַכט
האָב איך אַ געטרייסטער, אַן איבערגעבעטער.
און שטענדיק דערמאָן איך זיך אַן יענער נאַכט
ווען איך גיי אין גאַס אין שלעכטן וועטער.

אין ראָטשילדס הויף

עס איז מיר גראָד היינט אויפן זינען אַרויף
אַ ווינטער־טאָג אין ראָטשילדס הויף,
אין טויזנט ניין הונדערט און פינפטן יאָר:
פענצטער פאַרשטויבטע, אַ קאַלטער קאַמין,
אַ קישן געשטאָפּט מיט ציגענע האָר,

אַ שטול און אַ לאָמפּ און אַ נײַ־מאַשין.
און אויף דער מאַשין האָט בײַטאָג דער לאָמפּ געברענט
אום וואַרעם צו האַלטן מײַנע הענט.
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ גאַנצן ווינטער אָן אַ גליאיקן פונק,
אַ גאַנצן ווינטער אָן אַ וואַרעמען טרונק.

מײַן עסן איז געווען קאַלטע וואַסער מיט ברויט,
אַזוי ווי דאָס עסן פון אַרעסטאַנט אויף דער קייט.
נײַן אין דער פרי בין איך בײַם מאַשין שוין געזעסן
און מיטן פולן מויל אַ חלה געגעסן,
און כּדי דעם מאַלצײַט צו פאַרזיסן
האָב איך מיט אַ שטיקל צוקער צוגעביסן.
אינמיטן טאָג האָב איך דעם מאַלצײַט באַנײַט
מיט אַ גלאָז פרישע וואַסער פון קאַלטן קראַן.

בײַנאַכט נאָך דער אַרבעט, ווידער אום נײַן,
פלעג איך אַרויסגיין אויף דער ברייטער גאַס
און אָפּשטעלן זיך בײַ פענצטער פון רעסטאָראַנען,
וואו קאַטשקעס און גענז האָבן זיך געבראָטן אין פאַנען,
אונטערגעשפּאַרטע מיט בלוילעכע פלעמלעך גאַז,
און זעטיקן די אויגן און שפּיץ פינגער אויך
צורירנדיק זיך צום שויב מיט דעם וואַרעמען הויך.
געווען אויף אַ נאָענטער גאַס אַ פאַבריק פון טשאָקאָלאַד,
פון די קעלער פענצטער איז אויפגעגאַנגען אַ זיסער טשאַד,
פלעג איך, האַלב דורכגעפרוירן און האַלב פאַרשמאַכט,
דאָרט שטיין מיט אַן אָפן מויל ביז האַלבער נאַכט.
אויגן און נאָז און שפּיץ־פינגער זאַט —
האָב איך מײַן דריטן מאַלצײַט געהאַט.

איך און מײַן שותּף

ער האָט מיך באַגעגנט אַרום האַלבע נאַכט,
ווען הייזער און קראָמען זײַנען געווען פאַרמאַכט,

מיט שימפעריי און זידל־ווערטער, —
ווייל ער האָט מיין אָנצוג צוגענומען
און געגאַנגען אין אַלע ערטער
און די חובות צונויפגענומען
און מיט דעם געלט אַוועקפאָרן געוואָלט
אין דער ווייטער שטאָט אויף יענער זייט ים.
(מיר האָבן בשותפות רענצלעך געמאַכט,
זיין קענטשאַפט, מיין געלט,
און אין די קראָמען זיי צוגעשטעלט.)
איך האָב פאַרשטאַנען און מיט וואָרט פאַר וואָרט ניט געצאָלט.
אָבער אין האַרצן האָט זיך געוויכערט אַביסעלע סם.
ביסלעכווייז האָט זיך זיין כעס אויסגעלאָשן.
עס איז געוואָרן שפּעט און שלאָפן מוז מען פאָרט —
אונדזער קוואַרטיר איז פאַר אונדז געווען פאַרשלאָסן, —
האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ניט ווייט איז פאַראַן
אַ ייד וואָס האָט קליידער איבערגעפאַרבט
און אונטער זיין הויז אַ קעלער געהאַט,
וואו ער האָט געהאַלטן זיין סקלאַד.
מען האָט נאָר געדאַרפט דריי גאַסן דורכשפּאַנען,
אַריבערקריכן אַ הילצערנע וואַנט
און די אכסניא איז געשטאַנען אָפן.
אין דער שטאָק־פינצטערניש טאַפּנדיק מיט אַ האַנט
און שאַרנדיק די פיס זיינען מיר אַוועקגעפאַלן שלאָפן,
ווי עס פאַלט אַוועק אין פעלד אַ גאַרב.
אויף דעם ערשטן פּאַק וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן.
אונדז האָט ניט געאַרט דער האַרביקער ריח פון פאַרב.
און כדי די קעלט בייצוקומען
האָבן מיר זיך אַרומגענומען,
ווי ברידערלעך צוויי אַרומגעאַרעמט
און מיט די אָטעמס איינער דעם צווייטן געוואַרעמט.
אָבער אין האַרצן האָט זיך געוויכערט אַביסעלע סם.
און ווי נאָר דער טאָג איז אויפגעשטאַנען
און מיר האָבן טריט איבער אונדז פאַרנומען,
האָבן מיר זיך מיט די קליידער צעביטן:

איך האָב באַקומען מיין „שבת" צוריק
און מיין „אינדערוואָכן" האָט ער אָנגעטאָן.
איך בין אַוועק אין דער איינציקער קראָם,
וואָס ער האָט נעכטן אויסגעמיטן
און דאָרט זעקס שילינג אויפגעמאַנט,
דערלאַנגט אים אין האַנט, געוואונטשן אים גליק
אויף דעם ווייטן וועג איבערן ים —
אָבער אין האַרצן האָט זיך געוויכערט אַביסעלע סם

דער נסיון פון שטיקל ברויט

מיר זיינען געווען אין דריטן חודש „סלעק".
די האַנט האָט אָנגעטאַפּט דער קעשענעס דעק.
מיין חבר איז אויסגעגאַנגען די שטאָט פון עק ביז עק
און אומעטום אויף אַרבעט געפרעגט
און קיינער געזאָגט האָט: „בלייב".
נאָר איך האָב פאַרטריבן די האָפענונג פון מיר
און דעם פאַרדרוס צוזאַמען מיט איר;
און פאַר מיין בחור'שן צייט-פאַרטרייב
בין איך געזעסן אין שיפּ'ס ביבליאָטעק,
געלייענט הערצענ'ען און לידער געשריבן.
און קומען אַהיים אויף אונדזער קוואַרטיר,
אין פּייק סטריט — דרייסיק זיבן —
פלעגן מירביידע שפּעט, שפּעט.
און אַז מיר פלעגן ליגן אין האַרטן בעט
האָבן מיינע פינגער געלעכצט, — ווי עס לעכצט דער גומען
נאָך וואַסער, — נאָך מעסער און שער.
און אַז דער שטאָלענער טרונק איז ניט געקומען —
האָב איך צוגעהונגערט אַביסל מער.

*
* *

איינמאָל ביינאַכט, דער לעצטער זעמל
ליגט אויפן פענצטער אין אַ געלן פּאַפּיר;

אין קעשענע אַפּילו ניט די לעצטע פּעני
אַ צווייטן צו קויפן אין נאָענטן קרעמל.
דער שלאָף איז געזעסן אויפן קאַרק
און צום בעט מיך גענידערט;
דער הונגער אָבער טראַציק און שטאַרק
ווי אַ ספּרוזשינע האָט דערווידערט.
איך בין פון בעט אַראָפּ און גענומען גיין
צום פענצטער וואו דאָס ברויט איז געלעגן,
און צום חבר זיך אומגעקוקט, ווי צו פרעגן:
זאָל איך פאַרצערן די מאָרגנדיקע זעט?
און ער האָט מיט זיין שמייכל פון בעט
אָן ווערטער געענטפערט: „ניין" . . .
אַזוי האָבן מיר זיך דריי מאָל דורכגערעדט.
אויף מאָרגן פרי האָב איך געקוקט אויפן זעמל און זיך געפרייט,
ניט וואָס איך האָב געפונען מיין שפּייז אָנגעגרייט,
נאָר וואָס איך בין ביינעשטאַנען דעם נסיון פון שטיקל ברויט.

ריווערסייד דרייוו

שווער זיך אויפצוהויבן פֿאַרטאָג פֿון בעט,
נאָר אַז איך גיי אַרויס, טוט די בלויקייט אַ גלעט,
און דער ווינט טוט אַ שויבער די האָר,
און די שטיינער אין גאַס כאַפּן אונטער מיין טראָט.
לער און שטיל. אויף גאָר דער ערד —
איך און דעם מילכמאַנס פֿערד.
דער מילכמאַן איז ערגעץ אויף אַן אויבערשטן גאָרן,
שטעלט אויס פֿלעשער איבער לאַנגע קאָרידאָרן
און דער פֿערד ווייס אַליין ווי צו פֿאָרן —
ווען זיך אָפּצושטעלן און ווען זיך צו רירן.
איך לויף מיט די צייטונגען אונטערן אָרעם,
איך קוק ניט אויף די נומערן פֿון די טירן.
מיינע פֿיס, ווי דעם מילכמאַנס פֿערד, פֿירן
צו די איינגעוואוינטע טרעפּ. די זון איז אויפגעשטאַנען
אויף דער מזרח זייט פֿון שטאָט.
אָבער אירע אַלע פֿלאַמען, איר גאַנצן גנאָד
האָט זי אויסגעגאָסן פֿולע קאַנען
אויף דעם מערב־ברעג פֿון האָדסאָן־טייך.

אויף ריווערסייד, דריי הונדערט און צען,
אין שאָטן פֿון אַ ברוין־שטיינערנער וואַנט,
האָב איך אַנטקעגן מיר אַ מענטשן דערזען
(ער איז אויף אַ נידעריקן גאַנעק געשטאַנען),
נאָך זיין אויסזען — ניט פֿון דאַנען:
כאָטש יונג — שוין מיט וואָנצן און באָרד.
און מיט זיין פּנים געווענדט גלייך
צו די בערג, האָט ער אַ האַנט

אויסגעשטרעקט מיט אַן אויסגעשריי,
וואָס איז געווען נאָך קירצער פון אַ וואָרט —
דאָס האָט געמיינט:
זע, דאָרט!
און איך, ווי ער, דערשטוינט,
האָב צו דער ליכטיקייט אויבן
די צייטונגען, אַ קרבן, אויפגעהויבן.
צי דאָס איז געווען די מאָרגן־רויט
וואָס האָט פון די פעלדזן גערונען,
צי דאָס, וואָס ניט אויפגערעדטערהייט
האָבן מיר זיךביידע דאָ געפונען,
נאָר פרעמדע, שטומע מענטשן צוויי
האָבן זיך צום ערשטן מאָל אויף דעם אָרט
באַגעגנט און — פאַרשטאַנען.

אַ ריטל

אַ מענטש זעצט אַריין אַ נאַקעטן ריטל אין דר'ערד
און זאָגט: ס'איז מיינס. און ער ווערט
צוגעבונדן אויף זיין גאַנצן לעבן
צו דעם, וואָס ער האָט אַביסל ערד געגעבן.
פון איצט אָן וועט ער בעטן אויף זון און אויף רעגן
פון דעם נאַקעטן ריטלס וועגן.
און פאַר צענדליקער וויאָרסטן און מיילן
וועט ער אַהיים צום ריטל איילן,
און אויפשטיין פאַרטאָג גלייך מיטן האָן
און לויפן אַזוי גיך ווי ער קאָן
מיט דער איינציקער זאָרג אין זינען:
צי וועט ער זיין ריטל גאַנץ געפינען.
און כאָטש ער אַליין איז אַלט און גראָ,
און ריכט זיך יעדע שעה אויף זיין שעה,
זעט ער זיך זיצן מיט יאָרן שפּעטער
אונטער די שאָטנדיקע בלעטער

פון זיין אויסגעוואָקסענעם בוים
אין אַ מיטן טאָג כחום היום.

דער „גאָר" *)

ווער בין איך און וואָס איז מיין ווערט ?
איך בין גאָר
דער פורעם פון גאָר,
וואָס ווערט צעשטערט
ווען דער שמעלץ איז אָפּגעקילט.
און עס אַרט אים ניט אַ האָר
הינטערן אויוון צו ליגן,
אַבי דער גאָר האָט זיך צעשפּילט
מיט זיין ניגון.

ה י י

דער וואָגן איז געלאָדן ; דאָס פערד איינגעשפּאַנט ;
דער גוי האַלט די לייצעס פאַרדרייט אַרום האַנט.
אַ טשמאָק מיט די ליפּן — די פור רירט זיך פון אָרט.
איבער דער לאַנקעס פיל־בלעזלדיקער ערד
שפּרייזט ווי אַ שיכורער דאָס פערד,
אַ טראָט אַהין, אַ טראָט אַהער.
און ווי דער הונט וואָס איז פון וואַסער אַרויס
טרייסלט פון זיך די טראָפּנס אָפּ, —
אַזוי טרייסלט די לאָדונג ; עס פאַלט אַראָפּ
אַ בלימל דאָ, אַ זענגל דאָרט.
נאָר דער גוי האָט ניט קיין אויג פאַר יעדן הייעלעס פאַל,
און פירט פערד און וואָגן גלייך אין שטאַל.
אַזוי וואָגן נאָך וואָגן ביז פאַרנאַכט.
נאָר ווען ער האָט דעם לעצטן אַריינגעבראַכט
נעמט ער ווידער די גראַבליע אויפן קאַרק
און מיט פאַמעלעכע טריט און זוכנדיק אויג

*) אַ חנוכה־דריידל.

גייט ער איבער וואו דער וואָגן האָט געטאָן זיך אַ בויג;
און וואו נאָר אַ הייעלע שאַרט ער צונויף
און לייגט עס מיט ליבשאַפט אויף דער גראַבליע אַרויף,
ווי דאָס, וואָס ער האָט אין איילעניש פאַרזען,
וואָלט איצטער זיין גרעסטער פאַרמעגן געווען.

גרויער געוואַנט

די פאַבריק איז שטום,
פאַרשלאָסן די טירן;
די לאָדנס, ווי אויף נאַכט,
פאַרמאַכט.
אַרום און אַרום
איז קיינער ניטאָ.
אין יוצא ואין בא.
מען טראָגט ניט קיין גרויען געוואַנט.
מען טראָגט רויט, שוואַרץ און בלוי,
און אַנדערע שאַרפע קאָלירן,
נאָר ניט קיין גרוי,
וואָס קאָן ניט פאַרפירן.
די פאַבריק איז שטום.
אַרום און אַרום
אין יוצא ואין בא.
קיינער ניטאָ.
נאָר אינעווייניק, הינטער לאָדנס און וואַנט,
אַרבעט אַ פלייסיקע האַנט,
וועבט גרויען געוואַנט,
וואָס קאָן ניט פאַרפירן.

מיין ערד

ער האָט קיין פרעמדע פרויען ניט געקענט,
ער האָט זיי אויסגעטראַכט מיט זיינע הענט,
זיין אייגן ווייב האָט ער ליב געהאַט,

געוויקלט איר לייב אין זייד און בראָקאַט
און גאָלדענע צירונג אויף איר אָנגעטאָן.
ער האָט פון איר אַלערליי ווייבער געמאַכט:
אַמאָל אַ פּרינצעסין לעבן טראָן,
אַמאָל אַ ציגיינערין אין פאַרביקן טראַכט;
אַ דינסט, אַ געטין, אַ העטערע, —
ווייבער פון יעדן שטאַנד און ספּערע.

אויך איך, מיין ערד — זע דיך אין אַלע צייטן
ווען יאָר־סעזאָנען ווי וואָלקנס זיך בייטן:
דיינע פרישע פעלדער נאָך אַ רעגן,
דיינע שמאָלע, גלאַנציקע ווינטער־וועגן,
דיין אויסגעטריקנטן מיט־זומער טייך
און דיין חודש ניסן מיט וואַסערן רייך;
דיינע בלויע נעכט און רויטע פאַרטאָגן
און דיינע שטייפע, קילע צווישן־זאַנגען שטעגן.
איך האָב דיך ניט געקויפט און ניט געקראָגן
אין געשאַנק. איך האָב דיך פון מיין טאַטן געאַרבט
און מיט מיינע בעסטע פאַרבן געפאַרבט.

ווען דער נאַר ווערט קלוג

עס פאַלן שלייערן צו דער ערד אַראָפּ
און אויסגעליידיקט ווערט דער פולער קרוג,
ווייל אויף אַ קורצער ווייל, אַ טראָפּ,
איז דער נאַר געוואָרן קלוג.

ער זעט דעם מענטשנס טואונגען און זייער מיין
ווי רוי־ערד אויפגעדעקט פון פלוג,
ווי אָפּגעשיילטן, שיינענדיקן ביין —
ווייל אויף אַ ווייל איז ער געוואָרן קלוג.

ער ווייס, ער וועט ניט אויסרייסן דאָס שלעכטע מיט אַ וואָרט
און מיט דער פען ניט אויסמעקן באַטרוג;

וואָס דאָ גייט אונטער, גייט אויף אין אַן אַנדער אָרט —
ווייל אויף אַ ווייל איז ער געוואָרן קלוג.

ער זעט פון גוטס און שלעכטס דעם סוף;
פון פרייד און לייד דעם מיניענדיקן צוג;
ער משפט ניט, ער מאָנט קיין שטראָף —
ווייל אויף אַ ווייל איז ער געוואָרן קלוג.

די משא

איך געדענק וואָס מען האָט געטאָן צו מיר
און וואָס איך האָב געטאָן צו יענעם.
מיט אַזאַ משא איז שווער צו גיין
און שווער אין קבר נעמען.

צווישן מיר און מיין געצאָלט
איז אויסגעוואַקסן באַלד אַ דריטער.
איך געדענק די אַלע קאַלטע שטעך
און אַלע הייסע ריטער.

קיין רוט איז ניט געוואָרן אַש,
קיין וואונד איז ניט פאַרהיילט געוואָרן.
נאָך ברענען צייכנס אויף מיין לייב
פון זינט דעם ערשטן דאָרן.

און האָב איך יענעם וויי־געטאָן —
דער צייכן איז אין מיר געבליבן.
— — — — — — — — — — — — — — — —
דאָ האָב איך מיין פאַרשפאַרטע פיין
אין פעלד אַרויסגעטריבן.

אונדזער גאָטעלע

אונדזער גאָטעלע איז אַ קליינינקער,
אַן אָרעמער, אַ קאָרענער,

קוים אויף דריי שטעטעלעך.
גאָטס פּאַלאַץ — הוילע ברעוּוענקעס,
דער אָרון־קודש — ברעטעלעך.

און לאָזער אַכסעס׳ס, דער גביר,
וואָס האָט אַנטקעגן גאָט זיין טיר,
ער לאַכט פון גאָט מיט גדלות־טריט
און מיט זיין קאָפּ, געטראָגן הויך,
בריקעט ער גאָט אַריין אין בויך —
ער האָט פאַר גאָט קיין מורא ניט.

נאָר שכנא מיט דעם עמער־פּאָר,
מיט די צעלאָזטע רויטע האָר,
וואָס טראָגט אין זיך אַלע ברואימס צער,
ער האָט אויך האַלט זיין געפייניקטן האַר;
און גאָט האָט אים האַלט און האָט אים דערפאַר
געמאַכט פאַרן שטעטלשן נאַר.

דער ערשטער פּאַפּיראָס

דער ערשטער שבתדיקער פּאַפּיראָס אין מויל,
אין אַ פּראָסטיקן פרייטיק צו נאַכט,
האָט מיר ניט געשמעקט אַזוי וואויל.
איך האָב געפּירכעט און געהוסט,
נאָר ציען האָב איך געמוזט —
איך האָב עס פאַר מיין ערשטער עבירה געמאַכט.

אַזוי האָט שלמה ראַסקאָסערס זון
פאַרלאָזט דער מאַמעס שבתדיקן טיש,
אַוועק צום גוי פאַרזוכן חזיר אַ שטיק.
דאָס חזיר־פליישׁ איז געווען ניט פריש
און עס האָט דעם איידעלן יינגל דערפון
געאיבלט אין האַלדז און געשטיקט.

און מיר אַלע פון יונגן דור —
מיר האָבן גערעדט הויך מיאוסע רייד
הינטער מיידלשע פּלייצעס און ווייבערשן קלייד.
מיר האָבן דעם שלאָף פון די פרומע געשטערט,
און שילדן אויף קראָמען איבערגעקערט,
און זאַכן געטאָן אָפּט וואָס מיר האָבן ניט האַלט,
ווייל וועקן גאָטס צאָרן מיר האָבן געוואָלט.
עס האָט אונדז געשטאָכן די זעכצן יאָר,
ווי עס שטעכט דער זעטיקער האָבער דעם פערד.

און גאָט וואָס האָט איבער אונדז אַלע געוואַכט,
אַנטקעגן ווען מיר האָבן מיט העזה גערעדט,
איז געזעסן אין הימל אויף זיין העסע־בעט,
און אין ווייסן באָרד אַריינגעלאַכט.

מיין טאַטע

ער האָט געהאַט אַ הויך און שיין געשטאַלט,
צוויי פרישע אויגן און אַ יונגע באָרד.
ווען ער איז זיבעציק געווען שוין אַלט,
האָבן שאַרפע ציין געשניטן שאַרף זיין וואָרט.

מיש מעשות און משלים האָט ער גערעדט,
ביי יעדן זאָג אַ משל צו דער האַנט.
פאַרכאַפּט פון אייגן וואָרט ווי אַ פּאָעט,
און צוגעהערט האָט זיך די ווייסע וואַנט.

ער האָט געהאַט אַ האַרץ אַ גוטע און אַ טרייע,
נאָר אויסקומען מיט מענטשן ניט געקענט.
אַז דער „אַרענדאַר” פלעגט זיך אין מיל צעשרייען,
זיין קול געשפּאָלטן האָט די ווייטע כאַטע־ווענט.

ער האָט ליב געהאַט מיט וועלט זיך אַרומקריגן,
און שונאים אמתע צי אויסגעטראַכטע האָט ער געהאַט,

ווי אין אַ תּמוז־טאָג ביים עס־טיש פליגן
אויף זוים פון הייסע טעלער און אויף טישטוכס גלאַט.

אַביסעלע בין איך אין אים געראָטן,
זיין קורץ געדולד, אַמאָל אויך זיין געמיט.
נאָר אויסמיידן האָב איך געוואָלט קלאַפּאָטן,
כאָטש אויסגעמיטן האָב איך ניט.

מיינע געדאַנקען גייען אַהיים

מיינע געדאַנקען גייען אַהיים,
ווי סטאַדעס רינדער און שאָף,
ווען די זון שטייט ביים זוים
און דער טאָג איז ביים סוף.
אין וואָכן און אין טרוים
גייען זיי אַהיים.

זיי זיינען געפאָרן אַרום און אַרום
איבער לאָנדאָן, פּאַריז און איראַק —
איצט קומען זיי פון אומעטום
מיט אַ ליידיקן וואַנדער־זאַק.
זיי האַלט ניט אָפּ קיין צוים —
זיי גייען אַלע אַהיים.

זיי האָבן גאָרנישט ניט געבראַכט
פון ימים, לענדער, וועלט.
זיי קומען אויפדערנאַכט
אין צעלעכערטן געצעלט;
אין האַרטן בעט פון ליים
צו ליגן אינדערהיים.

גרויסע טעג

פּאַליעס שלאָגן

אויף אַ פּראָסטן, דאָרפישן אופן
שיקט מען אַ שליח איבער גויאישע הויפן:
זאָל ווער עס וויל אַרויסגיין און זאָגן,
צי וועט ער גיין אין מיל פּאַליעס שלאָגן.
רוקן זיך קעפּ פון פענצטערלעך קליינע:
מיר גייען, מיר גייען — אַלע אינאיינעם.

אין אַ ליכטיקן טאָג, צום סאַמע עק
פון ווינטער, גייען מענטשן מיט אייזערנע העק
און אַנדערע נויטיקע זאַכן
צום טייך — פּאַלאָנקעס מאַכן,
כדי עס זאָל מאָרגן שווער ניט זיין
דער פּאַליע צו קריכן אין וואַסער אַריין.
זיי שאַרן אָפּ פון אויבן דעם שניי,
און הויך איבער די קעפּ הויבן זיי
די בליציקע העק און לאָזן אַרונטער.
שפּליטער אייז שפּרינגען אונטער,
ווי פונקען, און פאַלן צוריק —
שטיק נאָך שטיק.
און אָט ווערט אַ לאָך אַ רונדע אין אייז,
דאָס פאַרגעסענע וואַסער טוט זיך אַ ווייז,
ווי אַ שטוביקע זאַך, וואָס איז לאַנג ניט געווען
פאַרן אויג, און פּלוצלינג האָט מען זי דערזען.

שטייט אויפגעשטעלט אויפן אייז פאַר דער בריק
אַ קאַפּער, מיט באַבע, מיט לייטער און שטריק.
דרייסיק שטריק הענגען פון שפּיץ קאַפּער אַרונטער,
דרייסיק פּאָר הענט ציען זיי מונטער.
דרייסיק העלדזער ציען אַ באַקאַנטע ליד
ווידער און ווידער און ווערן נישט מיד.
די באַבע גייט פליסיק אַרויף און אַראָפּ
און זעצט דער פאַליע איבערן קאָפּ.

און אַז מען ווערט פאַרטיק מיטן ערשטן סלופּ,
גיט מען דעם קאַפּער אַביסל אַ שטופּ
צו רעכטס און מען בינדט צו מיט אַ שטריק
אַ נייעם סלופּ, ער זאָל זיך נישט וויגן הין און צוריק.
די באַבע לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ
און גיט אים דריי קליינינקע קלעפּלעך אין קאָפּ,
ער זאָל זיך נישט כאַפּן וואָס מען גייט מיט אים טאָן.
און באַלד הויבט ווידער דער געזאַנג זיך אָן.
די באַבע פליט אַרויף און אַראָפּ
און זעצט מיט אימפּעט אים אין קאָפּ.
און גאַנצע דריי־פערטל פון זיין גרויס
זעט זיך פון וואַסער שוין מער נישט אַרויס.
און ביז פאַרנאַכט, ווען דער הימל ווערט רויט,
זיינען איבערן טייך פאַר דער בריק
אין רונדלעכע רייען פאַליעס פאַרזייט
איבער אַ פערציק שטיק.

און שפּעטער אַ ווײַלע, ווען ברעג הימל ווערט גרין,
ווי ריינער, צעצונדענער בורשטין,
שטעלט זיך דאָס שלאָגן אָפּ ביי דער בריק.
פון דרייסיק פאַר הענט פאַלן די שטריק,
ווי דערעסענע שפּילכלעך, אויף דער ערד.
דער געזאַנג רייסט זיך אָפּ און פאַלט אַראָפּ
אויף דער לעצטער פאַליעס קאָפּ.

דער ווינט בלאָזט שאַרפער, און שטייפער ווערט
אונטער די פיס די בלאָטיקע ערד.
די גויים גורטן די פעלצן אָן,
מיט רויטע גאַרטלען, ווי בליאונג פון מאָן,
און גייען אין מיל נאָך זייער לוין —
אַ פערציקער פאַר יעדן פאַרשוין.

אַ נייע פּאָר מילשטיינער

ווען מילשטיינער ווערן אויפן דריטן יאָר
דינער אין לייב און קנאַפּער אין וואָג,
נעמט דער מילנער טראַכטן נאַכט און טאָג
וועגן קויפן נייע שטיינער אַ פּאָר.
עס פאַלט דאָ און דאָרט
אַ באַזאָרגטער וואָרט:
וואו נעמט מען געלט קיין וואַרשע צו פאָרן?
וואָס קען מען פאַרקויפן, פון וואָס זאָל מען שפּאָרן?
צי זאָל מען רירן דער טאָכטערס נדן,
וואָס איז דערווייל נאָך גאָרניט פאַראַן,
צי זאָל מען פאַרקויפן בהמות צוויי,
אָדער דעם איבעראַיאָריקן היי?
מען רופט אויך די „מענטשן" אין שטוב אַריין
פרעגן אַן עצה — ווי זאָל זיין:
צי מוז נאָר זיין גוט אַ „פּראָנצויזישער" שטיין,
אָדער רעכט אויך אַ „פּראָסטער" פון אַרום דער היים?
נאָך לאַנגן קלערן ווערט באַשלאָסן —
אַ שטיין וואָס ווערט אין פאַבריק אויסגעגאָסן.

אַז דער מילנער פאָרט קיין וואַרשע שטיינער קויפן,
הויבט זיך אָן אין שטוב אַ יאָגן און אַ לויפן.
דער עלטסטער זון לייגט אים אין בוזעם דאָס געלט,
די מיטלסטע טאָכטער באַרשט אָפּ די היטל וואָס איז פאַרמעלט,

דאָס ווייב טראָגט אונטער ריינע שטיוול אַ פּאָר
און די יינגסטע טאָכטער קאַמט אויס פון באָרד די האָר.
זיי באַגלייטן דעם טאַטן אַרויס ביז צום שליטן
און זאָגן אים אָן, אַז ער זאָל היטן
דאָס געלט. און זאָל זיין מיט גליק.
מען דערוואַרט אים אויף שבת צוריק.
זיי קוקן אים נאָך אין גרוילעכן טאָג
ביז די פור פאַרדרייט זיך אויפן ראָג.

אויף צוויי פּאָר פערד באַשפּיץ געשפּאַנט,
ווייל דער ווינטער־וועג איז הויך און שמאָל ווי אַ וואַנט,
ברענגט מען די שטיינער צופירן פון באַן.
אַז די באַלעגאָלעס קומען מיט דער בשורה אַריין,
לויפן אַלע אַרויס אין דער שניי־פאַרווייסטער נאַכט
די שטיינער מקבל־פנים צו זיין,
ווי מען וואָלט זיי אַ גאַסט פון שטאָט געבראַכט.
מען גלעט אַזוי איידל מיט וואַרעמער האַנט
די געטעסעטע רונד, דעם געשאַרפטן ראַנד,
ווי עס וואָלט געווען ניט האַרטער שטיין
נאָר יחוסדיקער עלפאַנטביין.

און שפּעטער מיט עטלעכע טעג
ברענגט מען די שטיינער צו זייער ברעג.
מען גאַרטלט זיי אַרום מיט גראָבע שטריק
און אַלע גויים וואָס אויפן הויף
ציען די שטיינער אויפן בוידעם אַרויף,
איבער ברעטער זעקס צאָל די דיק.
און אַז זיי זיצן שוין אויפן ריכטיקן אָרט
לאָזט מען די ראָד פאַמעלעך זיך דרייען
אויף ליידיקן און דער מילנער פּאָרט,
מיט שאַרפן אויג, שטיין מיט שטיין,
אַז קיין איינציק קאָרן צווישן די צווייען
זאָל ניט פאַרלאָרן גיין.

ווען דאָס ערשטע מעסטל איז שוין פאַרשאָטן
אויפֿן קאָס און דאָס ערשטע ביסל מעל
פאַלט אויפֿן דעק פֿון קאַסטן אַראָפּ,
נעמט דאָס דער מילנער אין הילצערנעם טאָפּ
צום גרויסן לאָמפּ אין שטוב אַריין.
ער שיט דאָס אויס אויף דער אָפֿענער האַנט
און קוקט זיך גוט איין
צי די קניה איז געראָטן.
און די שטוביקע גיט ער צו פֿאַרשטיין
מיט אַ וויכטיקער מינע,
אַז איינגעקויפֿט האָט ער ניט אַ שטיין, —
נאָר אַ גאַנצע מדינה.

לייזער דער שמיד

געווען שענערע יידן פֿון אים אין דאָרף
און וואו נאָר מען האָט געטאָן אַ וואָרף
מיט אַן אויג — אַ לערנער, אַן איידעלער ייד,
וואָס איז ווערט באַשריבן צו ווערן.
נאָר איך בין שולדיק אַ חוב אַ פּראָסטן שמיד
און באַצאָל אים גערן.

צי ווייל ער האָט געהאַט אַ מיאוסע ווייב,
צי ווייל דער בלאָז־זאַק־פֿייער האָט געטריקנט זיין לייב,
צי ווייל דער שענק איז געשטאַנען איבערן וועג —
לייזער איז געווען בגילופֿין אַלע טעג.
אַז אַ גוי איז געקומען אונטערשמידן אַ פֿערד,
שאַרפֿן אַן אַקער, צי אָנטאָן אַ רייף אויף אַ ראָד,
איז באַריש געווען דאָס ערשטע געבאָט:
ער האָט ווי יעדער באַלעגוף אין דאָרף
אויפֿגעהויבן די גלאָז און געטאָן אַ פֿאַרוואָרף
דעם קאָפּ אויף צוריק און אַריינגעקערט
און זיך ניט פֿאַרקרימט און ניט פֿאַרקייכט, —
ביין, לייזער האָט פֿון גלעזל ניט געווייכט.

איינמאָל האָט מיט לייזערן אַ מעשה געטראָפֿן:
די שול איז פֿול. עס איז כל־נדרי נאַכט,
פֿורן האָבן שכנים פֿון דרייַ דערפֿער געבראַכט
די יום־כּיפּור תּפֿילות אָפּצוזריכטן.
עס בלאַנקען קיטלען, עס ברענען צענדליקער ליכט;
די פֿלעמלעך הענגען אויף די האַלב־ליגנדיקע שטראַלן —
אין די פֿענצטער איז זונען־אונטערגאַנג —
די לופֿט איז מיטן ריח פֿון וואַקס געדיכט.
דער בעל־תּפֿילה הייבט אָן דאָס כל־נדרי געזאַנג,
און לייזער ליגט אין פֿאַליש אויף אַ בינטל היי.
ער איז געגאַנגען אין שול און ניט דערגאַנגען,
און איבערן שוועל אַנידערגעפֿאַלן,
ווי עס פֿאַלט אין פֿעלד אַ טרוקענער גאַרב שטרוי,
אָבער לייזער איז ניט געווען טרוקן, נאָר נאַס.
געקומען צולויפֿן קינדער פֿון גאַס
און די שמועה איז פֿון קיטל צו קיטל איבערגעגאַנגען.
די דאַוונער זייַנען געשטאַנען מיט הערצער צעקלעמט.
צום ערשטן מאָל האָבן זיך יידן מיט אַ יידן געשעמט.
אַ ייִנגל גייט פֿאַרבייַ, טוט מיטן פֿוס אַ בריק,
לייזער הויבט זיך אויף און פֿאַלט אַנידער צוריק.

ערשט שפּעט בייַנאַכט האָט זיך לייזער אויפֿגעכאַפּט,
זיך געשטעלט אויף די פֿיס און די אויגן געטאַפּט:
די גרויסע שטוב און ווייסע ווענט,
די וועקסענע ליכט אין טשאַרלעס וואָס שטעקן
און אויף אים דער קיטל — מיט קבֿר שרעקן.
און לייזער הייבט אָן זיך דערמאָנען:
ער האָט זיך פֿאַרפֿאַסט פֿאַר זון־אונטערגאַנג,
ווי פֿון אַלע יאָרן ביי יידן זיך פֿירט,
און מיט ווייב און קינדער אין וועג זיך געריירט.
נאָר די גאַנצע וואָך פּראַצע און דער לעצטער באַריש
מיט פּיליפּ מאַשקאָ און כוועדער ליס
האָבן שווער געמאַכט זייַנע פֿיס . . .
און לייזער האָט מיט אַמאָל פֿאַרשטאַנען

וואָס עס האָט זיך מיט אים געטראָפן —
ער האָט אַלע הייליקע תפילות פאַרשלאָפן
און די פּאַרכטיקע נאַכט פאַרשעמט.

און לייזער האָט אַ נדר געטאָן פון שיכרות זיין ריין,
ניט צום רבֿ, ניט צו מענטשן, נאָר צו זיך אַליין.
און לייזער איז אויף זיין נדר באַשטאַנען.
עס קומען גויים אין קוזשניע שמידן אַ פערד,
באַקליידן אַ ראָד, צי שאַרפן אַ קאָסע,
צײַנדלען אַ זעג, באַנייען אַן אַקער.
עס סאָפּעט דער זאַק, דער פייער פלאַקערט,
הייסע פונקען שיטן זיך אויף דער ערד.
לייזער באָדט זיך אין שוויס און פרנסה,
אַ קריגל וואַסער שטייט אויף יענער זייט טיר,
ער טוט פון אים אַ זופּ פון צייט צו צייט,
און מיט דער האַנט איבער דער באָרד אַ פיר —
אַן אַלטע געוואוינהייט פון יאָרן פריער. —
פון בראָנפן אָבער איז ער ווייט,
ווי דער שענק וואָלט אַנטקעגן גאָרניט געשטאַנען.
און ניט נאָר ווייכט לייזער פון באַריש —
צווישן יידן אפילו, ביי אַ חתונה, אַ ברית,
אין די אַלע יאָרן שפּעטער,
זיינען לייזערס ליפּן ווי מיט אַ זיגל פאַרמאַכט.
אפילו אין דער שמחת־תורה־נאַכט
האָט ער אויף זיינע ליפּן קיין טראָפּן געבראַכט.
שמחת־תורה איז אַ טאָג פון טרינקען און הוליען,
מ׳טאַנצט אין שטוב, מ׳טאַנצט אין גאַס
און אויף די ברייטע וועגן,
און טאָמער האָט רעגן גאָס געמאַכט נאַס,
איז ניט קיין שטער — פון דער תורה׳ס וועגן
וועט זיך אַן ערלעכער ייד אפילו איבערקוליען,
ווי אהרן דער טאָקער, וואָס האָט פאַרלאָרן די שיך
ווען ער האָט אין בלאָטע זיך געשטעלט אויפן קאָפּ.
שמחת־תורה איז אַ טאָג פון טריבק און עס.
אפילו דעם בעל־תפילה אין מיטן קדושה

האָט מען אַ גלאָז בראָנפן אונטערגערוקט.
מען שלעפּט אַרויס פון דער פרעמדער קיך
דעם אָנגעפילטן כרעמזלעך טאָפּ
און מען קושט די באַלעבאָסטע אָן בושה.
די דאָרפישע גויים האָבן נאָכגעקוקט:
„עס גייט זיי, די יידעלעך, ביי אונדז גוט.״
אָבער ניט גוט איז לייזער דעם שמיד.
אים האָט די פריילעכקייט ניט באַקומען,
ווי קען מען זיין פריילעך מיט אַ טרוקענעם גומען?
ער איז געווען, ווי אָן אָבל צווישן חתונה־געסט,
ווי איינער וואָס קומט אויף אַ גרויסן יאַריד
און קויפן מיט וואָס האָט ער ניט.
און די דערמאָנונג פון יענער נאַכט,
וואָס ער האָט פאַרשוועכט און געשענדט,
האָט אַלעמאָל אין אים געוואַכט
און ווי אַ הייסע קויל געברענט.

די פּאַווּאָדקע

(די פאַרפלייצונג)

נאָך פּורים אַ וואָך אָדער צוויי, ניט שפּעטער,
שטעלט זיך אין דרויסן אַ פרילינג־וועטער.
דער איז הויבט אָן פּלאַצן, זיך שמעלצן דער שניי;
אונטערן הימל טראָגט זיך פון פייגל אַ געשריי.
ביינאַכט גייט דורך אַ וואַרעמער רעגן
און רופט אַרויס דעם טייך פון די ברעגן.
פון באַהאַלטענע ערטער, פון צווישן שטיינער,
הויבט וואַסער אָן ריזלען, ווי אַ קוואַל אַ ריינער.

מיט יעדער שעה הויבט מען די שליוזן אויף העכער,
די רינע גיסט זיך איבער ווי אַ הבדלה־בעכער;
און דאָרט וואו די גרעבליע איז איינגעבראָכן,
איז איבער איר דער וואַסער אַריבערגעקראָכן,
און ביז נאַכט זיך פאַרשפּרייט
אויף אַ וויאָרסט די ברייט.

און וואו נאָר אַ בערגל, וואָס סטאַרטשעט אַרויס,
האָט דער וואַסער פאַרגליכן. און אונדזער הויז —
אַן אַלטע, צעבראָכענע שיף אויפן ים,
וואָס רירט זיך ניט פון אָרט אויף אַ שפאַן.

נאָר אינעווייניק — וואו נאָר אַ גריבל, אַ שפּאַלט אין דיל,
קומט וואַסער אַרויף, פּאַמעלעך און שטיל.
פון צווישן די ברעטער און פון קאָטוך,
ווי שוואַרצער רויך שפּאַרט וואַסער זיך דורך.

נאָר דעמאָלט אין שטוב איז שוין קיינער ניטאָ,
אַ חוץ צוויי גוים: מאַטשיי און מאַשקאָ.
זיי היטן די „שיף" און גיבן סיגנאַלן,
צו מענטשן, וואָס פאָרן אין בויטיקע פּאַלן,
צו האַלטן זיך שטראָם מיט וואָגן און פערד,
אין שטראָמיקן וואַסער איבער גרעבליע און ערד.
און ביידערנאַכט צינדן זיי אָן קאָסטיאָרן —
אַ וואָרנונג פאַר פרעמדע — מען זאָל ניט פאָרן.

מיר אַלע פון מיל: טאַטע־מאַמע און קינדער,
מיר נעמען אויך מיט די פערד און רינדער,
מיר גייען צום שענקער אויף ניין טעג צייט
פאַרזוכן דעם טעם פון זיין אָרעמעלייט.
מען שטעלט פאַר אונדז אַ טיש אין פאָדער־הויז,
פאַר אַ טונקעלן לאָמפּ, און מען שפּרייט פאַר אונדז אויס
אַ גראָבן טישטוך, געוואַשן ניט ריין,
ווייל ווייט איז אין דאָרף נאָך וואַסער צו גיין.

דריי טעג טוט דער וואַסער זיך שטאַרקן און מערן,
ביי טאָג פאַר דער זון, ביינאַכט פאַר די שטערן.
דריי טעג האַלט ער אויף זיין פולקייט און מאַכט,
פאַלט אָפּ אינדערפרי און קומט צו אויפדערנאַכט.
דער אויבערשטער טייך און דער אונטערשטער טייך —
ווערן ביידע גלייך.

און אַט אויף ווייטן וואַסער־גלאַט
באַווייזט זיך פּלוצלינג אַ ווייסער בלאַט,
באַלד קומען מערער, טשאַטשעסווייז —
דאָס זיינען קריעס, געבראָכענער אייז.
לייבער האַרטע ווי שטאָל, מאַנטלען פּוכיקער שניי,
ווי קלוגע שיפן שווימען זיי,
פאַמעלעך און זיכער. זיי וויסן דעם וועג
און גייען אינמיטן צווישן ברעג און ברעג.

און מאָדנע קומט איינעם פון ווייטן אויס
צו הערן אין נאַכטיקער שטילקייט און רו
דעם שטענדיקן, ניט איבערגעריסענעם רויש,
וואָס טראָגט זיך צו דאָרפישע הייזער צו.

דריי טעג טוט דער וואַסער זיך שטאַרקן און מערן,
בייטאָג פאַר דער זון, ביינאַכט פאַר די שטערן.
דריי טעג האַלט ער אויף זיין פולקייט און מאַכט,
פאַלט אָפּ אינדערפרי און קומט צו אויפדערנאַכט.
און דריי טעג דערנאָך, די לעצטע דריי טעג,
די טעג פון דערשעפונג, פאַרשמעלט ער זיין וועג.
און ווי אַ מענטש אויף די עלטערע יאָרן,
וואָס האָט פיל געזען, גענוג געפאָרן,
זעגנט זיך אָפּ מיט פרעמדע לענדער און שטעט, —
אַזוי פאַרקלייבט זיך דער טייך אין זיין בעט.

די שׂרפה

ניט דעם הויכן קלויסטער־גלאָק, וואָס רופט: געפאַר!...
און ניט דעם אויסגעצויגענעם געשריי: פ אָ ז ש אַ ר ! . . .
פון גאַס האָב איך דערהערט אין יענעם טרוקענעם בייטאָג;
נאָר די פּלוצלינגע שטילקייט אין די הונדערטער הענט,
וואָס האָבן די גמרא׳ס צוגעמאַכט און דער פּלאַטער

פון בלעטער
און דער יאָג
פאַרביי מיר
צו דער אויפגעפראַלטער טיר
האָבן מיט שטומקייט געשריען: עס ברענט!
און מיך פון מיין פאַרטראַגנקייט אָפגעווענדט.

געברענט האָט אַ גויאישער שטעלכל אַ קליינער
הינטער דער קלויז — — —
און נאָך איינער — — —
און בערע דעם מלמד׳ס הויז.
און ווייבער האָבן שוין געשלעפט
אַ טיש, אַ זייגער, אַ בעט,
צוויי פאַנען און אַ שטול
צום נאָענטן פעלד אַרויס.
דער געיאָמער איז געווען גרויס
און מיינע הענט פול.

און פאַר דער שול, וואָס האָט נאָך ניט געברענט,
האָבן מיר ספר־תורה׳ס געלייגט אין אַ וואָגן.
און אַפילו שמחת־תורה האָבן מיינע הענט
אַזוי פיל רייניקייטן איף זיך ניט געטראָגן.

די שטאָט האָט זיך צעטיילט אויף העלפטן צוויי
פון פייער צו אַנטריבען.
איין העלפט האָט זיך געצויגן צום סטויפצער שאָסיי
און די צווייטע צום וואַלד יעלינע.
צעשראָקענע יידן האָבן צעשראָקענע פערד
געהאַלטן ביי די צוימען;
געבריט האָבן שטיינער, געשריען די ערד:
מען זאָל ניט פאַרזוימען.
די מיידלעך האָבן געבראָכן איבער די קעפ
די ווייסע, איידעלע הענט;
און עס זיינען געהאַנגען די שוואַרצע צעפ

אויפן נאַקן ניט פאַרקעמט.
ס׳איז געווען רחמנות און שאָדן־פרייד
געפּאַרט און געאָרעמט צוזאַמען.
(צו זען יונגע פרויען אין זייער לייד
איז פון די זיסטע סמ׳ען.)

דער ווינט האָט געטראָגן שטיקלעך פּייער
צו אַ נאָענטער שטוב, צו אַ זייטיקן שייער.
און ניט פון קומענס אינדערהויך —
פון דאַרע שינדלען געשפּראָצט האָט רויך.
און אַלע רויכן האָבן זיך צונויפגענומען
אין אַ טייך, וואָס איז אונטערן הימל געשוואומען.
און איינער אַ שיכור, מיטן טשוב איבער די אויגן,
האָט נאָך אַלץ די שטריק פון גלאָק געצויגן,
כאָטש דער לעצטער פויגל איז פון קלויסטער־שפּיץ
אַפּגעפלויגן.

עס האָבן געפלאַקערט אויפאַמאָל
דער באַלעבאַטישער מאַרק און באַלמעלאָכישער פּאָדאָל.
דער פייער האָט ווי אַ צעגאָסענער טייך
פאַרפלייצט די בעקער־אויוונס און די יאַטקע צוגלייך
און אין מיטן מאַרק דעם שניט־קראָמען ראַד
צוזאַמען מיטן עק־שטאָטישן תבואה־סקלאַד.
עס האָבן געברענט די פאַרענטשעס פון בריק
און די פייער־לעשערס לייטערס און שטריק.

עס איז אָנגעקומען אַ פינצטערע נאַכט
פאַר די, אויף די פעלדער און וועגן.
קיינער האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט,
ווייל געטשוכעט האָט זיי דער רעגן.
די פלאַמען האָבן די וואָלקנס וואַרעם געמאַכט
און זיי האָבן זיך צעעפנט אין מיטנדערנאַכט

און איבער דער שטאָט מיט טרייסטונג געגאָסן
און די איבערגעזעטיקטע פלאַמען איינגעלאָשן.

און אין דער פינצטערניש פון נאַכט
האָב איך דערזען, ווי אויף דער וואָר,
אויף דער צווייטער זייט שטאָט אַ געזינד זאַלבעאַכט,
צווישן זיי אַ מיידל מיט טיף־רויטע האָר.
ווי איך וואָלט געווען דער דאָזאָר פון שטאָט,
וואָס אַלעמענס זאָרג טוט ער טראָגן,
האָב איך זיך געלאָזט מיט געוואַגטן טראָט
איבער דער לאַנגער גאַס יאָגן.
און רייצנדיק זיך מיט פּיין און געפּאַר
בין איך געלאָפן איבערן הייסן זשאַר,
דעם ראָק איבער די אויגן אַריבערגעצויגן,
מיט שפּעלטעלעך צוויי פאַר די אויגן.
עס האָבן זיך געקרויכערט דאָ און דאָרטן
אַ ברוש פון אַ שטוב, אַ זשערד פון אַ גאָרטן.
די לופט איז געהאַנגען הייס און רויט,
ווי נאָך אַ שלאַכט דאָס פעלד פון טויט.

איך האָב זי געפונען איידער וועלט האָט געטאָגט —
דאָס האַרץ די פּיס האָט אונטערגעיאָגט.
און ווייל איך האָב מיין לעבן געשטעלט אין קאָן,
האָב איך זיך צו איר פון דעמאָלט אָן
פאַרבונדן אויף יאָרן נאָכאַנאַנד,
ווי צו אַ בוים געפלאַנצט מיט אייגענער האַנט.

די זון איז אויפגעשטאַנען אין פריען באַגינען
און האָט ניט געקענט די שטאָט געפינען.
בלויז אַ קופּקע הייזער איז געבליבן שטיין, סתם,
ווי אַ קליינער אינדזל אין ברייטן ים.
און אַ פייער־קאַסע אויף אַ הוילן פונדאַמענט,
וואָס דער פייער האָט געברענט און ניט דערברענט.

אַ יאַריד

אויגן און פּיס ווערן ניט מיד
אין דעם פאַרנאַכט פון ערב יאַריד.
מיר גייען אַרויס אויף די זאַמדיקע וועגן
די הויכע אַגערס און קליאַטשעס אַנטקעגן.
זיי קומען אָן פון אַלע פיר זייטן,
פון נאָענטע דערפער און פון ווייטע —
העלדזער פון וואוילטאָג אויסגעבויגן,
מיט גריוועס צעבאַרשטן, קעפּ אין דער הויך,
מיט דינע פיס און קלוגע אויגן
און פון די נאָזלעכער שלאָגט אַ רויך.

הינטער די היי־באַלאָדענע פורן
צוואַלעווען פערד פון אַלע קאָלירן:
פעלן — אין גאָלדענע עפּל, אַפּריקאָסן,
פעלן — אין זילבערנע טאַלערס געגאָסן;
פערד שוואַרצע ווי טינט מיט אַ בלוילעכן שיין,
און מערער פון אַלע פערד — רויטער ווייַן.
זיי פּלעכטן די פיס און גראַבלען די ערד
מיט שאַרפע נעגל און הויבן אויף
אַ דינעם שטויב צו די בייכער אַרויף.

מיר גייען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרום.
די הייזער שטייען אומעטום
מיט אָפענע טירן, באַלויכטענע ווענט,
ווי גאַסן וואַלטן, מיט אויגן און הענט,
יעדן גוי און ייד, וואָס איז געקומען
צום יאַריקן מאַרק, אויפגענומען.

און די גאַנצע נאַכט, אינמיטן שלאָף,
בין איך וואַך געווען — מיר האָט זיך געהערט:
דאָס רעווען פון אָקסן און מעקען פון שאָף
און אָפּטמאָליקער טראַמפּלען אויף שטיינער פון פערד.

אויף מאָרגן פרי איז די גאַנצע ברייט
און לענג פון מאַרק געווען אָנגעשטעלט
מיט גויאישע וואָגנס פאַרפּלאָנטערט, פאַרדרייט.
איין וואָגן דעם צווייטן האָט פאַרשטעלט
די וועלט און ס'האָט יעדער געהאַלטן פאַרלייגט
אונטערן אייגענעם לייב אַ פאָדערשטע ראָד;
און האָט מיט אַ שפּיציקער אַקס געדראָט
זיין נאָענטן שכן אין דער זייט.
און אומעטום האָבן פערדישע מאָרדעס
די טרוקענע קאָרמע געזופּט פון די טאָרבעס;
פאַרקאָשערט די ליפּן, געהירזשעט, געגאָסן
און אונטער זיך די ערד באַגאָסן.

און גרויסע יידן וואָס האַנדלען מיט פלאַקס,
מיט זוימען, חזיר־האָר, האָניק און וואַקס,
האָבן ווי יינגלעך איבערגעשפּרונגען
פון ראָד צו ראָד, פון אַקס צו אַקס,
מיט דאָרשטיקע פינגער, מיט גיריקע הענט —
די זעקלעך באַטאַפּט, אין שטרוי געזוכט,
די גויעס האָבן געטריבן, געפלוכט,
די יידן האָבן זיך געדונגען
און גרויסע „צענער" געשטופּט אין די הענט.

— און וועמען האָט מען דאָרט ניט געטראָפן
יידן פון שטעט און פריצים פון הויפן;
די גאַנצע וועלט איז אָנגעלאָפן,
געקומען קויפן אָדער פאַרקויפן.
געבראַכט האָבן גויים שטיל־אויגיקע קעלבער,
חזירימלעך קליינע, פאַרבונדן אין זעק;
אַ מעסטל ווייץ, אַן אַכטל קאָרן,
געבלייכטן לייוונט, האָניק געלבן,
פּוטער מיט פּאַפּערעטניק באַדעקט,
הינער און אייער. פון אייגענעם סאָד
אַ טאָרבע ווייכע ווינועקעס־באַרן
און בעזעמלעך פוכקע פאַר דער באָד.

און יידן פאַרקויפן פון הויכע שטעלן:
בלאַמען פעי מיט אײדעלע האָר,
שוואַרצן סאַקסאַקען און מאַרדער פעלן
און היטלען מיט ברילִיקעס גלאַנציק ווי שטאָל.
און הויך אויפן שפּיץ פון אַ פלאָקן, מען זאָל
עס דערזען פון דערווייטן, הענגט שטיוול אַ פּאָר.

צו יעדן סלופּ פון אַ גאַנעק אין מאַרק
איז געווען אַ צייטיקע קו צוגעבונדן,
אָדער אַן אָקס מיט אַ האַרביקן קאַרק,
מיט די ברייטע הינטנס אויסגעדרייט
צום עולם. אַ טייגל פרישע קייט
געדרייכלט האָט זיך ווי אַ טאָפּ וואַסער וואָס שטייט
אויף אַ קליינעם פייער אין פעלד צעלייגט.
און מענטשן האָבן זיך אַן הינטנס געשאַרט
וואו בהמות האָבן זיך צונויפגעשפּאַרט;
און קיינער איז ניט ברוגז געוואָרן
ווען אַ בהמה האָט זיך פאַרבוקט מיט אַ האָרן,
אָדער מיט אַן עק, ווי אַ טרוקענער דאָרן,
איבער אַ פּנים אַריבערגעפאָרן.

הינטער דער שטאָט, אונטער דער בריק,
וואו דער וואַסער פאַלט מיטן קאָפּ אַראָפּ,
איז פאַראַנען ליידיק פעלד אַ שטיק.
צוויי טייכלעך קומען זיך דאָ צונויף
און נעמען אַרום דעם פעלד ווי אַ רייף.
דאָ זיינען געשטאַנען פערד קאָפּ ביי קאָפּ
אין אַ לאַנגער, פּרעכטיקער שורה,
דאָ איז די קעניגרייך פון פערד.
דאָ האָט זיך פערדישער הירזשען געהערט
ווי האַרנס-שאַל; געזאַנג פון גבורה
געפלייצט האָט צווישן הימל און ערד.
דאָ האָט מען קליאַטשעס מיט אַגערס געפּאַרט,
און דאָ אויפן אָרט,

אין רעכטן מיטן
פון פעלדישער פרייד, אַן אָגער באַשניטן.
ער איז פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען,
אַזוי ווי פון שלאָף זיך אויפגעוועקט,
געקוקט צעמישט און האָט ניט פאַרשטאַנען
אַז זיין מאַנסבילש־לעבן האָט זיך געענדיקט.

און ווייטער, ווייטער מיטן גראָזיקן ברעג,
איז שטילער פאַרנאַכט. עס פּאַשען זיך שאָף
און ביימער וואַשן די פינגער־שפּיצן
אין פליטקען טייך און פישלעך בליצן
מיט זילבער־לייבער. דאָ איז דער סוף
פון שטאָט, פון וועלט. אַ פעלדישער וועג
פירט אין אומבאַקאַנטער ווייטקייט אַוועק.

אַ נייער בריק

אַז מען דאַרף מאַכן אַ נייעם בריק, וואָס טוט מען די ערשטע זאַך?
די ערשטע זאַך מאַכט מען אַ גרעבליע, אַזאַ נייעם וועג.

— —

האָט מען אַראָפּגעלאָזט די זאַסטאַווקעס ביז די סאַמע שוועלן,
זיי זאָלן ווי אַ שטרענגע וואַך דעם וואַסער דעם וועג פאַרשטעלן.
דערנאָך האָט מען פון בריק געוואָרפן אין טייך אַריין זעק,
מיט זאַמד אָנגעפילט, פון איינעם ביז צום צווייטן ברעג.
אַז די זעק האָבן פון וואַסער די קאַרקעס אַרויסגעשטעקט,
האָט מען אויף זיי יעלניק צווייגלעך, ציטערדיקע און דינע, אָנגעבעט,
און די צווייגלעך האָט מען מיט זשוויר ווי מיט אַ קאָלדרע צוגעדעקט.
און נאָך אַ מאָל האָט מען ריטלעך פון אויבן אָנגעלייגט,
און ווידער האָבן זאַמד און שטיינדלעך די צווייגלעך צוגעפּרעסט.
און מענטשן, מיט באָרוועסע פיס איבער טאַטשקעס אָנגעבייגט,
האָבן איבער שמאָלע קלאַדקעס זאַמד געפירט און אויסגעשאָטן
אויף נידעריקע ערטער און מיט קלעצלעךברייט־געזעסיקע אים צוגעטראָטן.

ביז די גרעבליע איז אויסגעוואַקסן הויך, גלייך און פעסט
פאַר מענטשן צו גיין און פאַר פורן צו פאָרן.

דער בריק איז געשטאַנען פינצטער און פאַרלאָרן,
ווי אַ חולה וואָס דערוויסט זיך, אַז עס איז געקומען זיין עק.
גויים זיינען געקומען מיט האַמערס, זעגן און העק
דעם בריק אומצוברעכן. האָבן זיי זיין צירונג און שטאָלץ,
די ווינקל־זיילן, אַראָפּגעזעגט צו פאַרברענען ווי פראָסטע האָלץ.
דערנאָך האָט מען דעם בריקס לייב גענומען שינדן
און פאַנאַנדערנעמען אַלע אַלטע בינדן.
און דער בריק האָט זיך הייזעריק צעשריען,
ווען מען האָט פון אים גענומען די טשוועקעס ציען,
און די ברעטער אויפרייסן פון זייערע בעטן.
דאָס אָנגעוואָקסענע ווילד־פלייש צווישן די ברעטער־שפּאַלטן,
דער אָנגעקליבענער, פאַרלאָזטער ראָסט,
פון טויזנט רעגנס און צען טויזנט זונען,
איז געווען ערטערווייז שוואַרץ ווי ערד און ערטערווייז ווייס ווי פראָסט.
און צווישן דעם באַלקנס־געפלעכט, וואָס האָט דעם בריק אויפגעהאַלטן,
און געווען זיין פונדאַמענט און געווען זיינע ווענט,
האָט זיך דאָס וואַסער געמוטיעט, ווי אין אַן איינגעפאַלענעם ברונען,
וואָס האָט ניט מער אָפּשפּיגלען געקענט
נייגעריקע פנימער און הענט.

און ניט ווייט פון דאָרט, אויפן צעטראָטענעם גראָז
האָבן גויים געטעסעט קלעצער מיט העק בליציקע ווי גלאָז
אַנטקעגן זון. און ביימער האָבן זיך אויסגעטאָן
ביז ווייסער נאַקעטקייט. שפּאָן נאָך שפּאָן
האָט זיך אַוועקגעלייגט ווייך און שטיל.
און שימערירנדיקער פעך ווי אַנגעוואַרעמטער בורשטין
האָט פון דער ווייסקייט אַראָפּגעטריפט אין בלייכן גרין.
אַ טויבער וואַסער־רויש פון אַלטן מיל
האָט מאָנאָטאָן באַגלייט דעם הילך פון העק,
ביז עס איז דער טאָג אַוועק.

אויף אַ קוואַרטיר

שטערן פליען

דעכער באַלאָדן מיט שניי.
בלויער הימל איבער זיי.
שטילע, ביינאַכטיקע שטאָט.
ניט צו הערן
פאַר אַ מייל
אַ סקריפּענדיקן טראָט.
אונטערן הימל ציען זיך שטערן,
ווי עס ציט איר פאָדעם די שפּין,
ווי עס ציט זיך די שיפעלע אין ניי־מאַשין,
פון דאָרטן אַהער, פון דאַנען אַהין.
פון פינטעלעך געוואָרן שנורן.
עס איז אימהדיק און שיין.
איך וואָלט צו עמעצן גערעדט,
געפרעגט. נאָר איך בין איינער אַליין.
עס איז שפּעט.
דעם שוסטערס געזינד איז שוין לאַנג אין בעט.
עס ברענט אַ לאָמפּ איבער אַ טיש
(ווייל ס'איז שבת, איז אין מאַגאַזין
נאָר אַ טראָפּעלע קעראָסין).
דעם שוסטערס וואַרשטאַט איז איבערגעדעקט
מיט אַ שוואַרצער קליאַנקענער טוך;
נאָר עס זעען זיך דייטלעך די שפּורן
פון אַ שפּיציקער צווייגל, אַ פייל,
און פון אַ ווינקל שטעקט
אַרויס אַן איבערגעקערטער שוך.

די נאַפּט ווערט קנאַפּער מיט יעדער מינוט,
דער קנויטל טריקנט ווי אַ רוט.
דער לאָמפּ האָט אויסגעטוקט זיין לעצטע שיין.
די שטערן פליען שיער אין שטוב אַריין.
איך וואָלט צו עמעצן גערעדט —
נאָר עס איז שפּעט
און דעם שוסטערס געזינד
איז שוין לאַנג אין בעט.

דעם פּריצ׳ס טעכטער

דעם פּריצ׳ס טעכטער רייטן אַרויס
אויף ברוינע, דינע פערד.
פאַרנאַכטיקער הימל שווימט איבער זיי,
אונטער זיי שווימט די ערד.

זיי טראָגן קליידער שוואַרצע ווי נאַכט
און וואוּאַלן איבערן געזיכט ;
דער יעגער־הונט מיטן לאַנגן צונג
שלינגט וויאָרסטן אונטער זיך.

זיי זיצן אין זאָטל ווי אויף אַ באַנק,
די שלעפּעס הענגען אַראָפּ.
די פּנימער קוקן צום זוים פון וועג,
ווען עס טראָגן די פערד אין גאַלאָפּ.

זיי זיינען פאַרלאָזענע פרויען צוויי,
דאָס ווייס די גאַנצע שטאָט.
די כלה־מיידלעך קוקן זיי נאָך
מיט לייד און אַביסל שפּאָט.

די טורעמס פון שלאָס, די רוקנס פון בערג,
הערן זיך צו צום גאַלאָפּ.
דער סאָד איז אַלט, ס׳איז חודש אָב.
די בלעטער פאַלן אָפּ.

איטקע לעווינס מויער

װען מען האָט געפּאַרבט איטקע לעווינס מויער,
די װענט טיף־בלוי און געלכל־געל דעם טויער,
איז דאָס ביי אונדז — קינדער פון די חדרים,
אַ שמחה געװען. קוים צוגעמאַכט די ספרים,
אַכט פאַרנאַכט אָדער פרייטיק נאָך האַלבן־טאָג,
זיינען מיר געלאָפן גלייך צום ראָג
פון װילנער גאַס און מאַרק.
כאָטש דער מויער איז געװען ניט דעמס און ניט יענעמס.
האָט גאָר געהערט צו איטקע לעווינס,
האָבן מיר אַלע פון אים געטראַכט
ביים ספר בייטאָג און אין בעט ביינאַכט.
מיר פלעגן זיך אױעקשטעלן גאָר נאָענט און קוקן,
איינעמס הענטל פאַרלייגט אויפן צווייטנס קאַרק,
װי די גרויס־שטאָטישע פאַרבער טוקן
די פּענזלען אין עמער און ציען זיי גלייך אַרויס.
און טראָפּנס פאַרב שווערע פאַלן צו דער ערד,
װי עס פאַלן האָבער איינציקע פון מויל ביים פערד,
װען ער הויבט זיין קאָפּ פון טאָרבע אויף.
מיט אַ געניטער, גרינגער האַנט
גיבן זיי אַ קלעפּ־צו די נאַסע באַרשט צום װאַנט,
װי דעם שטעמפּל צום קאַכיקן טריוואַקס, װאָס טריפט
אויף אַ פריצישער שריפט.
און פאַמעלעך, שפּאַרעוודיק און קאַרג,
פירן זיי די באַרשט װאַנט־אַראָפּ
און זאַמלען װאו נאָר אַ טראָפּ
װאָס איז אָן אַ זייט אָפּגעשפּרונגען.
און װי שמאַלע טייכלעך — בלוי־פאַרב צונגען
ציען זיך איבער דער װאַנט;
נאָר דעם פאַרבערס האַנט
פירט זיי אַלע צוזאַמען
(װאו נאָר אַ הוילקייט דעקט זי איין
מיט קאַלדרעס — בלויער שיין)

און פון טייכן ווערן ים׳ען,
לויטער און ריין ווי דער הימל אַליין,
נאָך דריי טעג רעגן גיין.
אַז אַ פרעמדער ייִנגל איז געקומען צוגיין,
האָבן מיר אים אויך געלאָזט שטיין
אַ ווײַלע און קוקן...

אַן ערך־וואַך

אין אַן אָנהויב זומערדיקער נאַכט
איז דער טאַטע צוגעפאָרן צו מײַן קוואַרטיר
און האָט מיך אויף זײַן פור אין פּוטשאַטעס „הויף" געבראַכט.
דער טאַטע האָט אין „הויף" די „ראַטע" אַוועקגעפירט —
און ביים קאָמיסער זיך אָפּגעשטעלט.
אַ לאָמפּ אויף אַ טיש האָט פאַרשפּרייט אַ קורצן בלווילעכן שײַן
און איבערגעלאָזן די ווינקלען שטוב מיט שאָטנס פול.
זיי זײַנען ביידע אַוועק אין פּאַלאַץ אַרײַן,
און מיך אַוועקגעזעצט וואַרטן לעבן טיש אויף אַ שטול.
די טירן זײַנען געשטאַנען אָפן ברייט.
מיט אַמאָל האָב איך דערהערט עמיץ מיט ווייכע טריט גייט.
ניט קיין מענטש. דורך דער פירהויז־טיר
איז אַ הונט אַרײַן. הויך און דאַר.
ער האָט זיך אויף מיר ניט געוואָרפן און ניט פאַרצוקט
(אין אַ ווינטערדיק ליד האָבן פּוטשאַטעס הינט
צעריסן אויף טויט אַ שטאָטיש קינד).
נאָר האָט זײַן מאָרדע צו מײַן פּנים צוגערוקט, —
איך האָב די קאַלטע נאַסקייט פון זײַנע נאָזלעכער געשפּירט —
און אין די אויגן מיר אַרײַנגעקוקט;
„ווער ביזטו? וואָס טוסטו דאָ אײנער אַליין?"
„בין אַ קלײנער ייִנגל פון זשוכאָוויצער מיל.
מײַן טאַטע איז ביים פּריץ. דאַרף קומען נאָך מיר."
צי האָט דער הונט פאַרנומען פון מײַן האַרץ די רייד,
כאָטש פון צונג איז קיין אײנציק זילב ניט אַראָפּ?

נאָר ער האָט זיך צום טיר אויסגעדרייט
און אַרויסגעגאַנגען פּאַמעלעך און שטיל.
און אויף זיין אָרט איז אַ צווייטער געקומען צו גיין
און פּונקט ווי דער ערשטער מיך נאָענט באַשמעקט.
עס האָט מיר ניט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן,
ניט געציטערט פיס און הענט —
עס איז געווען אויף יענער זייט פון מורא און געפאַר,
עס איז געווען אַן אונטערגעבן זיך, אַן אָננעמען דעם גזר.
איך האָב זיך נאָר איינגעצויגן, געוואָרן קלענער פון קליין.
און באַלד איז דער ערשטער געקומען צוריק;
אָבער ניט מער צו מיר געווענדט זיין בליק,
נאָר מיט זיין חבר, קאָפּ צו קאָפּ,
אויף זייער לשון זיך דורכגערעדט.
האָבן זיי געהאַלטן אַן עצה מיט מיר וואָס צו טאָן?
(אין אַ ווייַנענדיק ליד האָבן פּוטשאַטעס הינט
צעריסן אויף טויט אַ שטאָטיש קינד).
אָבער אויך איצט האָבן ניט לאַנג זיי געזאַמט
און האָבן פאַרלאָזן דעם צימער באַנאַנד.
דער לאָמפּ האָט באַלויכטן דעם טיש נאָר אַליין.
איך האָב געטראַכט: וואָס גרייטן זיי דאָרט
פאַר מיר אין דער פינצטער, אין דעם פרעמדן אָרט?
— — — — — — — — — — — — — — — — —
דער טאַטע איז געקומען זייער שפּעט.
ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פאָרן צוריק קיין „דער מיר"
זיינען די הינט געשטאַנען ווי אויף מושטיר,
אַן ערך־וואַך ביי ביידע זייטן טיר.

ווייס און רויט

דער יונגער פּריץ פאָרט איבער ווייסער ערד,
אין אַ ווייסן שליטן מיט אַ ווייסן פערד,
אַליין אין ווייסן אָנגעטאָן;
מיט אַ ווייסער בייטש טרייבט ער אָן.

די גאָסן ווייס פאַרשנייט.
אַ ווייסער הונט פאַראויס אין גאַלאָפּ.
פונקען שניי שפּריצן פון פערדס קלאָען אָפּ.
דער הונט — אינגאַנצן שפּרונג.
די זון פאַרגייט.
דער שליטן און די ערד,
דער אַנטרייבער און דער פערד —
ווייסע שמאַנט,
אָבער דעם הימלס ראַנד,
די לייצעס אין גראָפּס האַנט
און דעם הונטס צונג —
רויטע בראַנד.

פּאָדראָסטקעס

דער שניי לייגט זיך אויס וואַרעם און ווייך,
פאַרשפּרייט אַ ווייסע דעק.
ער דעקט צו גאָרטן, פּלויט און דאַך, —
די שטאָט פון עק ביז עק.

עס שפּרייזן דריי, און יעדער פון זיי
איז צווישן ייִנגל און מאַן.
דאָס זעט מען פון זייער יעדן קער,
פון זייערע ברייטע שפּאַן.

זיי טראָגן די הויזן אין שטיוול פאַררוקט,
אַזוי ווי פאַרגרעבטע לייט.
די היטלען, מיט דאַשעקעס גלאַנציק און שוואַרץ,
אַביסל אויף אַ זייט.

זיי זייִנען ניט אַלט קיין אַכצן יאָר;
אויף באַקן ערשטער פּוך
און אויף די ליפּן דער מאַמעס מילך, —
ניט לאַנג פון ספר און בוך.

זיי זיצן ביי זייערע טאַטעס אויף קעסט,
די קעשענעס ליידיק און פוסט;
די קעפּ אָבער פול מיט תאווה־טשאַד,
די הערצער פול מיט לוסט.

עס פאַלן די יינגלשע הערצער זיי איין
פון אַ מיידלס וואָרט אָדער בליק,
און האַלטן אַ מיידלס האַנט אין האַנט —
אַ ניט דערגרייכטער גליק.

זיי פאַלט איין דאָס האַרץ פון אַ מיידלס בליק, —
נאָר אַז זיי בלייבן אַליין —
ווערן זיי מענער איינס אין איינס,
און רעדן גראָב און געמיין.

זיי באַרעדן די שענסטע מיידלעך אין שטאָט,
מיידלעך איין עלטער מיט זיי,
זיי לייגן זיי אויס, ווי קעלבער אין מאַרק,
אין ווייסן, ווייכן שניי.

זיי שפּאַנען מיט איבערמעסיקע טריט
און שטעלן ביי הייזער זיך אָפּ,
און קוקן אין באַלויכטענע פענצטער אַריין,
וואו נאָר אַ מיידלשער צאָפּ.

און קומען זיי צו אַ פאַרלאָשענער שטוב, —
זיי שטעלן זיך דייטלעך פאַר,
וואָס ס'טוט זיך הינטער אַ פאַרמאַכטער לאָד,
אַן אַראָפּגעלאָזטער שטאָר.

זיי קומען אַהיים נאָך האַלבער נאַכט,
באַרירן אַ קאַלטע בעט,
עס גייט זיי אויס דאָס הונגעריק האַרץ
נאָך אַ מיידלס ערלעכן גלעט.

דער שניי ליגט זיך אויס וואַרעם און ווייך,
פֿאַרשפּרייט אַ ווייסע דעק.
ער דעקט צו גאָרטן, פּלויט און דאַך,
די שטאָט פֿון עק ביז עק.

פּרעמדע ווערטער

איך בין געווען צו יונג צו גיין
פֿון חדר ביינאַכט
אויף אַ ווייטער קוואַרטיר איינער אַליין.
האָט מען פֿאַר מיר — אַ יינגל צווישן זיבן און אַכט, —
פֿאַר מערער געלט,
אויך עסן און שלאָפֿן ביים רבין באַשטעלט.
דאָס איז געווען מיין ערשטע פּרעמד.
די שטוב איז ניט געווען צו גרויס און צו ריין.
דער לאַבן ברויט האָט געגעכטיקט נאַקעט אויפֿן טיש
און דעם רבינס יינגל מיט באָרוועסע פֿיס,
אין קורצן, קויטיקן העמד
און ניט געוואַשן פּנים
פֿלעגט אַלע אינדערפֿרי זיך דורכהאַצקען אויף אים ווי אויף אַ פֿערד.
מיין בעט איז געשטאַנען צווישן אויוון און וואַנט
און פּרייסן זיינען דאָרט אַרומגעקראָכן
אויף די ווענט און אויף דער ערד,
כאָטש נעם און שאַר זיי אַוועק מיט דער האַנט.
ביינאַכט פֿלעג איך מיין קאָפּ פֿאַרבינדן מיט אַ טיכל
און פֿאַרשטשעמען די ציין. פֿול מיט גרויל
איז געווען מיין שלאָף. חלומות־שונאים
האָבן מיך אַרומגעפֿירט איבער זומפּיקע וועגן,
איבער בריקן אָן סוף און טייכן אָן ברעגן.
איין חלום אַזאַ האָט זיך מיר איינגעגעסן.
אָבער ניט דערפֿאַר וואָס איך בין געזעסן
אין אַ שטייג און דורך דעם פֿלעקל־געפֿלעכט
האָבן מיינע פֿיס אין וואַסער געשטעקט
און אָקון, לעשץ און העכט

האָבן די פּיאַטעס געלעקט.
נאָר ווייל איך האָב, ווען די שרעק
איז צום האַלדז דערקראָכן,
אַזוינע ווערטער אַרויסגערעדט
וואָס עס רעדן דערוואַקסענע, גרויסע.
„אָ, איך בין אויף אייביק פאַרלאָרן!" —
דאָס האָב איך געזאָגט מיט מיין אייגענעם מויל.
און אַז איך האָב זיך פון שלאָף אויפגעוועקט
האָב איך זיך אַליין פאַר זיך געשעמט,
וואָס איך האָב גערעדט רייד ניט פאַר מיינע יאָרן
און געגומענע פון דער פרעמד.
אָט דערפאַר וואַכט דער חלום אין מיין זכרון,
און אויך היינט ווער איך ווי צונטער רויט,
ווען איך זאָג אַרויס ניט־באַטראַכטערהייט
אַ וואָרט וואָס איך האָב ניט אַליין אים געבאָרן.

ביי דער סטאַנציע

אין די זומער טעג פאַרנאַכט, זייגער ניין,
לויפט אַן אַ פורפור־רויטער שיין
אויף דעם שטעטל. אַ הויכער קריי.
דאָס איז די באַן אָנגעקומען.
און מענטשן האָבן פאַרנומען
דעם שיין און דעם אויסגעשריי.
בחורים און מיידלעך רופן איינער צום צווייטן:
„נאָמיר גיין די באַן באַגעגענען און באַגלייטן."
זיי גייען צו צוויי, צו דריי און צו פיר,
צו דער סטאַנציע, וואָס ליגט כמעט ביי דער טיר.
דער צוג שטייט און סאָפּעט אויף די שינעס.
און דורך די לענגלעכע וואַגאָנעס־שויבן
זעט מען מענטשן, וואָס פאָרן פון ווייטע מדינות.
פון לאָדז און וואַרשע, פון ווין און בערלין
פאָרן מענטשן צוריק קיין פינסק און קאַרלין.
זיי טראָגן אויף זיך גרויס־שטאָטישע מינעס

און ווייט־שטעטישע איידעלע שטויבן.
די באַן טרינקט זיך אָן און גייט ווייטער איר גאַנג,
די מענטשן אין דרויסן בלייבן אויך ניט לאַנג.
זיי גייען אַריין אין בופעט ערשטן קלאַס,
טרינקען אויס אַ גלאַז טיי, אָדער סעלצער אַ פלאַש,
און גייען צוריק אויף זייער טעגלעכן שפּאַציר
צו צווייַ, צו דריי און צו פיר,
און טראַכטן ביי זיך: „מיר האָבן גוט פאַרבראַכט",
און גייען שלאָפן אויף אַ גאַנצער נאַכט.

ביי אָרע מאַראַנקער צו גאַסט

אָרע מאַראַנקערס וואַסער־מיל
איז געלעגן צווייַ ווייאָרסט אונטער שטאָט;
און קיינער ניט, בחור צי מיידל, האָט
געגלוסט אַהין. דער „אונטערנשטאָט"
איז געווען פאַרהוילן און שטיל.
ניט די שטילקייט פון אַ געדיכטן וואַלד
וואָס שושקעט אין הייסע טעג: ביי מיר איז קיל;
און ווינטער טוליעט ער איין און באַהאַלט
דעם דורכפאָרער ווי אין וואַרעמער וואַטע.
ניט די שטילקייט פון אַ פאַרלאָזטן הויז,
וואו אַ פאַרגעלטער בריוו אויף אָן אָפענער בעט
צו יונגע הערצער מערער רעדט
ווי מיילער צען פלאַפלען אַרויס.
נאָר די שטילקייט פון אַ וועג אין פעלד
וואָס האָט קיינעם ניט אויסגעפעלט
אַחוץ מיר איינעם, ווייל אויך מיין טאַטע
האָט געהאַלטן אַ מיל.
און ווען איך פלעג זען אָרען לויפן
איבער די מעלער זיין מעל פאַרקויפן
האָט זיך מיר שטענדיק ווילן געוואָלט:
וויפיל האָט אָרע ראַטע געצאָלט?
ווי ברייט איז דער טייך? ווי לאַנג איז דער בריק?

ווי גרויס עס איז די משפחה?
און צי איז אין מיל פאַראַן מזל־ברכה?
דאָס איז געווען ווייט אין מיין יוגנט צוריק.
און איך האָב שוין לאַנג, לאַנג פאַרגעסן,
אַז אין מאַראַנקע וואָס אונטערן שטאָט,
איז אין אַ מיל אַ ייד געזעסן.
נאָר איצטער האָט מיך אַ חלום ביינאַכט
צו אָרע מאַראַנקער אַהיים געבראַכט.
די זון איז הינטער מיין פלייצע געשטאַנען
און באַגילדיקט דעם ווייסן טייך, די גרינע לאַנען
און אָרע מאַראַנקערס גאַנצע מדינה.
צוויי בהמות — אַ שוואַרצע און אַ פרעסטע —
האָבן אַ צובער אויסגעלעקט
און זיך געראַנגלט פאַר דאָס לעצטע רעשטל.
קאָפּ האָט קאָפּ אָװעקגעשטופּט,
און האָרנס — ווי שפּאַגעס זיך איבערגעקרייצט.
ניט ווייט האָט אַ גניאַדער פערד גראָז געצופּט.
דאָס גאָלד האָט ווי אַ טייך געפלייצט.
מיט דער שמאָלער באַלקע איבער דער רינע
האָט מיך אָרע געהאַלטן פאַרן האַנט ווי מען האַלט
אַ קינד (איך בין נאָר דרייצן יאָר אַלט).
געוויזן די רעדער, די שטיינער־פּאָר
(ניט קיין פּראָנצויזישע — פון אַ דערבייאיקן פעלד)
און אין אַפּאַרניע זיך אָפּגעשטעלט.
און אויפן וועג מיר דערציילט:
אַז ראַטע צאָלט ער דריי הונדערט אַ יאָר;
דער טייך איז ניט ברייט, דער בריק איז ניט לאַנג,
די משפחה אָבער — אַ פולער זאַנג.
אַז ער האָט מיך צו זיך אין שטוב געבראַכט
איז שוין געווען טונקעלער פאַרנאַכט.
ביי אַ ווייסן טיש פון עק ביז עק
זיינען קינדערלעך איבער טעלער זופּ געזעסן;
זיי האָבן צו מיר די לעפל אויסגעשטרעקט
און מיך פאַרבעטן עסן.

פּאַרליבט

עס האָבן געגלאַנצט: אין הימל די שטערן,
אויפן קלויסטער די צלמים־שפּיצן,
אויפן שניי די אויסגעטאָקטע שליטנס־קריצן
און דער בריליק איבער מיין חברס שטערן.

איך האָב אויסגעגאָסן גאַר מיין האַרץ
אויף דער, וואָס מען האָט גערופן: לאה שוואַרץ,
כאָטש געהאַט האָט זי אַ קאָפּ רויטע האָר
און איר הויט איז געווען ווייס ביז גאָר.

איך האָב געצאָרנט: — זי פירט זיך אויף שלעכט,
שפּאַצירט מיט בחורים גאַנצע נעכט.
מיט אַ שעה צוריק האָב איך אַליין
געזען׳ פאַר איר פענצטער דעם „פינסקער" שטיין.

— ציי ביסטו אַליין ניט פאַרליבט אין איר? —
האָט מיין חבר געטאָן אַ קוק אויף מיר.
— און דער האַס, וואָס רעדט פון דיר אַרויס,
איז פאַרשטעלטע ליבע בלויז?

איך האָב געענטפערט: — ווי קאָן דאָס זיין
איך זאָל פאַרליבט זיין? פאַרוואָס אַזאַ פּיין
ווען זי קומט אויפן זינען? פאַרוואָס האָב איך פיינט
ניט זי אַליין — אויך אירע פריינט? —

מיין חבר האָט געזאָגט: — אַוודאי, פאַרליבט,
דעריבער פאַרגינסטו זי קיינעם ניט.
ליבע און האַס זיינען שוועסטער צוויי
און אונטער איין פּערענע שלאָפן זיי.

— זאָגט ליבע צו האַס: „דו לייג זיך ביים וואַנט
„און איך וועל זיך לייגן ביים בעטס ראַנד,
„און ער וועט מיינען, ער האָט די נאַכט
„מיט דיר, מיין שוועסטער האַס, פאַרבראַכט."

עס איז געווען נאָך האַלבע נאַכט
ווען די פיס האָבן מיך אַהיים געבראַכט.
אָבער דאָס צעפּייניקטע האַרץ אין מיר
איז געלעגן ביים שוועל פון איר טיר.

אויף מאָרגן פרי האָט מיך אויפגעוועקט
אַ גרויסע זון. עס האָט געשמעקט
פון אומעטום מיט בלום און בלאַט,
כאָטש עס איז געווען ערשט מיטן שבט.

טורעץ

(געווידמעט יואל ענטין)

פון ברייטן שליאַך אָן אַ זייט
ליגט דאָס שטעטל טורעץ. ניט ווייט
פון נאַוואַרידאָק און מיר.
עס האָט איין גביר
און הונדערט קבצנים.
דאָס שטעטל האָט צוגעשטעלט
פּאַטשיילקעס און פּאַטשערקעס פאַר די דערפער אַרום
און רבנים פאַר אַ האַלבער וועלט.
די טאַטעס פאָרן אַרום
זייער סחורה פאַרקויפן
און די זין זיצן אין די תורה־הויפן.
אין מיר און וואָלאָזשין, קלעצק און לובלין
פּאַשען זיך לערנער פאַר וואַרשע און ווין.
אַז אַ מאַמע האָט געהאַט פיר בנים
האָט איינער איבערגענומען זיין טאַטנס וואָגן און פערד,
און דריי האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער יידישער ערד.
און אַז זי האָט געהאַט נאָר דריי,
זיינען אַלע סיי ווי סיי
געווען — רבנים.

אַלע קאָלירן

ווייס איז די מילך אין פולן קאַן,
ווייס איז דעם פּריצס ווינטער־געשפּאַן ;
נאָר ווייסער פון מילך און ווייסער פון אַלץ
איז דעם ווייסן גאָנערס האַלדז.

רויט איז דאָס גליאיקע אייזן אין האַנט פון שמיד,
און טיכלעך אויף קעפּ פון שיקסעס אויפן יאַריד ;
רויט אויף דער זאַנג איז די בליעכץ פון מאָן,
רויטער — דער קאַם פון שוואַרצן האָן.

שוואַרץ איז די נאַכט הינטערן שייער וואָס ברענט,
שוואַרץ — די ניט־דערברענטע ווענט ;
שוואַרץ זיינען הרודעס אויפגעדעקטער טאַרף,
שוואַרצער נאָך דער בוהאַי פון דאָרף.

געל — דער ערב־שבתדיקער זאַמד ביים שוועל,
דער פּעכיקער שפּאַל אויפן גראָז איז געל ;
געל זיינען פּענעצלעך קעז אויפן טיש,
נאָך געלער די פּוטער פון באַיקע פריש.

ברוין איז דער הייסער קאַרענער לאַבן ברויט
און ברוין איז פון סאָסנע און יעל די הויט ;
ברוין זיינען זשאָלאָדעס, בערלעך און ביס,
ברוינער — דעם פּאַסטוכס באָרוועסע פיס.

גרין זיינען אַגרעסן אויף דעם בוים,
און גרין — פון פאַרנאַכטיקע כוואַליעס דער שוים ;
גרין איז דער שימל אויף דער ריבעס וואַנט,
גרין איז דאָס שלענגל אויפן זאַמד.

ראָז זיינען רויכן ווען עס טאָגט,
ראָז איז די בליוזקע וואָס מיין שוועסטער טראָגט ;

ראָז זיינען די אייטערס פון בראָניע דער קו
און ראָז זיינען וואָלקנס איידער נאַכט פאַלט צו.

זילבערדיק־גרוי זיינען פיש אין געשטריקטן נעץ,
און אויפן ברעג פון טייך יאָן, דער צעפוילטער געץ;
זילבערדיק־גרוי אויפן טיש איז דער טישטוך פון לייַן
און דער פנים פון טייך אין לבנה־שייַן.

גאָלדיק איז דער עפּל אויף דער זון,
גאָלדיק דאָס קעפּל פון אונדזער מילנערס זון;
גאָלדיק דער מאַסט פון יאַקאָווס פערד,
גאָלדיק איז אין פרימאָרגן די ערד.

בלוי איז דער רייף וואָס נעמט דעם מילשטיין אַרום,
בלוי איז דער אַקער און די קאָרן־בלום;
בלוי זיינען שויבן אין פריען באַגין,
בלוי איז די וויטקייט און דער אַהין . . .

*
**

ווייס איז אין אַ הייסער זומער־נאַכט דער בליץ
און שוואַרץ איז די קראָ אויף דער סטריכעס שפּיץ.
די ערשטע פלויקע אייז איבערן טייך איז בלוי
און די בעריאָזע אין פעלד איז זילבער־גרוי.
ברוין נאָך אַ רעגן איז דער הילצערנער פּלויט,
די סטענגע אין פערדס שוואַרצער גריווע איז רויט.
גאָלדיק איז דער שטויב אויפן פליגל פון ווינט
און ראָז איז דער סאָק פון קליאָן וואָס רינט.
געל איז דאָס געגזעלע ניט לאַנג פון דער איי,
גרין אויף סודניקס פעלד די קאָפּעס היי, —
די אויפגעגאַנגענע בייטן זיינען אַלערליי.

אין אַ שבת ביטאָג

הייסער שבת בייטאָג.
די מיל־ראָד דרייט זיך פויל —
דאָס וואַסער אין טייך איז קאַרג —

די מילנער רוען זיך אָפּ.
עס שלאָפט דאָס גאַנצע הויז.
איך איינער בין וואַך און שטיי
ביים וועג וואָס פירט פון באַרג.
עס קייקלט זיך שטויב אַ קנויל
און פון קנויל שיילט זיך אויס,
ווי אַ הינדלס נאַסער קאָפּ
פון דער אויפגעבראָכענער איי,
אַ רייטער אויף אַ פערד,
אַ רייטער פון „הויף".

ער האַמערט די ערד.
דעם רייטערס האָר טראָגט דער ווינט,
דעם רייטערס שפּאָרן אין פערדס בויך;
ווייסער שוים, ווי יויך,
פון פערדס מויל רינט.
וואָס איז דער געלויף?
און וואָס דער געיאָג?
דער פּאַלאַץ האָט ניט געברענט,
פעסט שטייען דעם שייערס ווענט,
און גאַנץ — די קי אין די שטאַלן.
ניט אַנדערש — אים איז איינגעפאַלן
צו פאַרקריצן אין מיין זכרון
זיין געשטאַלט אויף אַלע יאָרן.

וועגן

אין דזשוליעסעס ליכטיקן אָנדענק

וועגן הונדערט אין מיין לאַנד,
כ'זע איך קלאָר ווי אויף דער האַנט.

וועג ביים פעלד און וועג ביים טייך,
וועג — אַ ווירע שמאָל און גלייך;
וועג אַ טישטוך אויסגעשפּרייט;
וועג אין פּלאָנטערניש פאַרדרייט.

װעג פֿאַר מענטשן, װעג פֿאַר פֿערד;
װעג — װי גאָט האָט אים באַשערט:
װעג צו שײערן מיט ברויט,
װעג צו טויערן פֿון טויט.

װעג אין בלויען אינדערפֿרי —
ליב די אַרבעט, גרינג די מי.
מאַן אין פֿעלד ציט מיטן פֿלוג,
װײַב צום ברונען — מיטן קרוג.

װעג װי רויטער קאַם פֿון האָן,
װען בײַנאַכט דאָרף צינדט זיך אָן;
װעג געלאַף און װעג געשרײ,
װעג װען האָר פֿון קאָפּ טוט װײ.

װעג װי האַרטער, גלאַטער טאָק:
װעג װאָס הילכט אָפּ װי אַ גלאָק.
װעגן סטעזשקעלעך אין סאָד;
װעגן שושקעניש און סוד.

װעג װי פּיענע װײַס און קאַלט,
װעג װאָס איז קײן טאָג ניט אַלט;
װעג װאָס שליטן נאָך זיך לאָזט,
װעג געװעלגערט און געגלאָזט.

װעג אין נעכט פֿון חודש שבט,
גאָר די ערד — אַ װײַסער בלאַט.
װײַס אויף װײַס האָט װעג פֿאַרמעקט,
טיטשקעס װאו ניט װאו צעשטעקט.

װעגן װײַס־פֿאַרדאַרשט, פֿאַרשמאַכט
נאָך אַ טראָפּן טוי פֿאַרנאַכט;
װעגן ברוין נאָך רעגן־גוס;
װעגן קװיקונג פֿאַרן פֿוס.

ווען אויף לאַנקע הינטער דאָרף
איבער אויפגעפּוישטן טאָרף, —
ראָד פון וואָגן, קלאָ פון פערד,
שניידט ווי פּוטער ווייכע ערד.

וועג אין טיפעניש פון וואַלד;
וועג פון אימה און פון גוואַלד.
וועג געקניפּטער ווי אַ שטריק;
וועג וואָס ווייס ניט וועג צוריק.

וועגן אין לבנה נעכט;
וועגן דוכטעניש — ניט עכט...
מיט אַ וועג אַזאַ צו גיין,
גיין און גיין און ניט דערגיין.

וועגן הונדערט אין מיין לאַנד,
כ'זע איך קלאָר ווי אויף דער האַנט.

אין אַן ענגער שטוב

ווען איך פלעג קומען אין שטאָט אויף אַ שעה אָדער צוויי,
בין איך פול געווען מיט רייד און געשריי.
איך האָב איבער די גאַסן אַן אויפהער געשפּאַנט
און מיט דעם שטעקן אין מיין האַנט
האָב איך אויסגעשלאָגן פונקען פון די שטיינער אין ברוק.
און שטאַרק איז געווען פון מיין האַנט דער דרוק
אויף אַ חברס האַנט. און איבגאַנצן בין איך געווען,
ווי דאָס וואַסער וואָס רייסט זיך פון אונטער דער ראָד אַרויס—
אימפּעט און געברויז.
און ס'האָט קיינער ניט געוואוסט, אַז פאַר וויאַרסטן צען
איז פאַראַן אַ שטוב און אין שטוב אַ חדר,
וואו אין אָפּגעשלאָסנקייט זיץ איך טעג כסדר
אַליין מיט זיך און בין שטום ווי אַ פיש.

מיר איז ענג די שטוב און דער לאַנגער טיש
וואו דאָס גאַנצע געזינד זעצט זיך אויס
צום עסן. און מער נאָך ווי אַ וואָכן־טאָג
האָט מיך געשטיקט דער פרייטיק־צו־נאַכט.
דער ווייסער טישטוך און די אָנגעצונדענע ליכט
האָבן די שטוב מיר ענגער געמאַכט.
מיין האַרץ איז געווען פול מיט עצבות און קלאָג.
איך פלעג זיך אין פינצטערן קאַמער פאַרקלייבן
און מיט זיך אַליין אבילות טרייבן.
און דאָס שטילע דאַוונען איבערן וואַנט
האָט דעם טרויער נאָך מער פאַרשטאַרקט.
די טרערן האָבן גערונען איבער מיין געזיכט
און די קלעם אין האַלדז האָט מיך געוואַרגט.
די פינגער האָבן זיך געבעטן אויסצושרייבן
וואָס אויסשרייען האָט דאָס האַלדז ניט געקענט,
נאָר דער שבת האָט געפּענטעט מיינע הענט.
נאָך וועטשערע, ווען אַלע פלעגן שלאָפן גיין,
די ליכט האָבן אין די לייכטער אויסגעצאַנקט,
און איך מיטן לאָמפּ — מירביידע אַליין,
פלעג איך זיך אויסבעטן ביים טיש אויף דער ברייטער באַנק
און לייענען ביז שפּעט, גאָר שפּעט אין דער נאַכט.
און נעמען אַ בוך — פון פינצטערן קאַמער געבראַכט,
מיינע אויגן האָבן זיך ניט געקלעפּט,
מיין קאָפּ אויפן ברוסט איז ניט געזונקען,
די נאַכט האָט זיך ניט ווי אַ בעטלער געשלעפּט, —
נאָר ווי פערד אַ פּאָר געשפּאַנט אין אַ וואָגן
האָבן זיך וואָכיקע שעהן געטראָגן.
ערשט ווען בלאָס געוואָרן זיינען פענצטער שויבן,
און דאָס פלעמל אין לאָמפּ האָט זיך געגומען טונקען,
און פאַרפירט אַ מלחמה אויף לעבן און טויט
מיטן אויסגעטריקענטן קנויט,
האָט ווי אַ האַנט אַנטקעגן מיר זיך אויפגעהויבן
און געגעבן אַ צייכן: גענוג!
און איך, ווי אַ קינד וואָס שטופּט אָפּ מיט ביידע הענט

דאָס פּולע לעפל ווען עס איז זאַט,
האָב פאַרמאַכט דעם בוך אויף אַ מיטן בלאַט.
דאָס פלעמל האָט געמאַכט זיין לעצטן צוג.

אורחים אויף שבת

צו אונדז אין שטוב אַז עס פאַרקערט אַן אָרעמאַן,
שטעלט ער זיך ניט ביים שוועל מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט —
ער גייט אַריין מיט אַ זיכערן „גוט־מאָרגן" שפּאַן,
נעמט אַראָפּ די טאָרבע פון פּלייצע
און דעם שטעקן שטעלט ער אַוועק ביי דער וואַנט.
נאָכדעם וואַשט ער די הענט, מאַכט המוציא
אויפן ברוינעם קאָרענעם לאַבן ברויט,
זופּט דעם כוואַליעדיקן זויער־מילך פון שיסל
און באַ'טעמ'ט מיטן צונג יעדן ביסן.
דער טאַטע קומט אַרויס. פאַרפירט מיט אים אַ רייד,
פרעגט זיך נאָך: פון וואַנען ער קומט, וואוהין ער גייט,
און וואָס יידן טוען אומעטום.
און עסנדיק דערציילט ער וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן
אין די דרייסיק דערפער אַרום און אַרום:
וועמענס מויד עס איז אַנטלאָפן
מיט אַ גוי, וועמען דער פּריץ האָט „אַרויסגעזעצט",
וועמענס סטריכע אַ בורע האָט אַראָפּגעטראָגן
און וואָס יידן טוען אין גאַנצן קאַנט.
און אַז עס פאָרט אָן פרייטיק אַ גאַנצע געזינד
שבת'ט זי ביי אונדז מיט פערד און וואָגן.
טאַטע און מאַמע ביזן לעצטן קינד
ווערן ביים גרויסן טיש אויסגעזעצט.
און דער פערד פּאַשעט זיך אויף באַגראָזטער ערד.
און זונטיק פרי באַגלייטן מיר אַרויס דעם גאַנצן פעקל
מיט קליין־געלט אַביסל און קלייען אַ זעקל
פאַר דעם פערד.

סוף זומער

שאַרפֿע ווינטן הויבן די זאַמדן אויף די וועגן.
אַט זעצט דער זאַמד זיך אַפּ צווישן פֿינגער זיך באַהאַלטן
און הויבט זיך ווידער אויף, פֿאַרשיט די אויגן.
די זון איז געל, דער זומער איז פֿאַרפֿלויגן,
מיר האָבן ניט געוואוסט ווי טייער אים צו האַלטן.

בלישטשענדיקע שפּינוועבס שוועבן איבער לאַנען,
דו ווייסט ניט ווער האָט זיי געבראַכט און פֿון וואַנען;
און אַז דו גיסט אַ פּאַך מיטן שטעקן אין דער לופֿט,
הענגען זיך אויף אים דינע שלייערן אָן —
די ערד האָט אַראָפּגעלאָזט אין האַלבן מאַסט די פֿאָן.
פֿון גערטנער הויבט זיך אויף אַ זיסער דופֿט,
פֿון קרייטעכער צעפּוילטע און מיסט פֿון פֿערד
איבער דער פֿאַרוויאַנעטער און אָפּגעהוילטער ערד.

די גערטנער שטייען אָפֿן, דער פּלויט אַוועקגענומען
און ווער עס וויל מעג אויף די בייטן טרעטן.
זיינען פֿערד און קי און שווייגען אָנגעקומען,
אין די לעצטע טעג פֿון זומער שפּעטן,
און אויסגעקאָרטשעט דאָס וואָס מענטש האָט דורכגעלאָזן:
קאָטשאַנעס ווייס ווי ביין און ברוין־פֿאַרוועלקטע גראָזן.
דער באַלעגוף איז מיד פֿון גאָרטן און פֿון פֿעלד
און האָט דעם שלאָס אַראָפּגענומען פֿון דער וועלט.

די וויספּע

דאָרט וואו דער טייך האָט זיין רעכטע האַנט
פֿאַרבויגן און זיך פֿאַדבאָקאָם אַוועקגעשטעלט,
ווי עס שטעלט זיך קריגעריש אַ פֿרוי מיט דער האַנט אין זייט,
איז געוועזן אַ וויספּע, אַ שטיקל לאַנד
מיט אַ שטילן וואַסער אַרומגעצאַמט
און אָפּגעזונדערט פֿון דער גאַנצער וועלט.

כאָטש געווען איז זי נאָר אַ הונדערט קלאַפּטער ווייט.
אַהין פלעגן אין אַ הייסן טאָג
די קי אַוועקשווימען. מיט זייער גאַנצער וואָג
זיך אין טייך אַריינלאָזן,
קילנדיק די בייכער און די אויסגעמעלקטע אייטער.
איינמאָל בין איך אַליין אַהין געפאָרן
אַ קוק טאָן, וואָס טוען דאָרט די קי.
די וויספּע איז געווען באַוואַקסן מיט הויכע גראָזן,
מיט ניס־ביימלעך, קופּענעס און טשערעט.
דריי בהמות האָבן גראָז געצופּט מיט פליס און אַפּעטיט,
און די פערטע איז געלעגן מיט אויסגעשטעלטע קני —
שוין נאָך וואַרמעס — און דעם מאַלצייט איבערגעקייט.
די קופּענעס האָבן זיך געהוידעט אונטער מיינע טריט
ווי אַ פּריציש ברישקעלע אויף רעסאָרן,
ווי אויף אַ הויכן זאַטל הוידעט זיך אַ רייטער
און ווי אונטער קינדערס שפּיציקע פיס די פולע פּערענע
פון בעט.
עס איז געווען דאָרט שאָטנדיק און קיל.
די פליגן האָבן געזונגען היימישלעך און זיס.
נאָר די רוענדיקע קו געקוקט האָט מיט געבעט:
פאַרוואָס טרעטסטו מיינע קופּענעס מיט דיינע פיס?

ווי אַ שלאָס צו אַ טיר

איר זייט מיר ליב, מיין דאָרף און מיין מיל,
ניט ווייל איר זייט שיין,
נאָר ווייל איר זייט קליין
און איך קען אייך דורכגיין
אפילו מיט דראָבנע טריט.

איר זייט מיר ליב, מיין מיל און מיין דאָרף,
ניט ווייל איר זייט רייך,
נאָר ווייל אָרעם מיט מיר גלייך;
און ווי מיין געמיט

פאַרלאָרן און שטיל;
ווי זיין עס באַדאַרף
אַ פאַרלאָזענער דאָרף
און אַ צעבראָכענע מיל.

ניט איך וואָרף זיך מיט אייך,
ניט איר שעמט זיך מיט מיר.
איך שטיי צו צו אייך
ווי אַ שלאָס צו אַ טיר.

אַ סיען

ווי אַ הויזגעזינד וואָס קומט נאָך האַלבע נאַכט
פון אַ חתונה אַ היים און וואַרפט אַרונטער, ניט געטראַכט,
פון זיך די קליידער און עס אַרט זיי ניט וואו זיי וועלן
פאַלן — אויף אַ באַנק, אויף דער ערד אָדער אויף די שוועלן
פון קאַמערן. וואָס גייט זיי אָן?
אַבי, נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעטאָן,
וואָס גיכער אין די בעטן ליגן, —
אַזוי האָט זיך דער אויסגעשעפּטער זומער
דאָס גרינע און דאָס ברוינע אָנטועכץ פון זיך
אַראָפּגעוואָרפן און צעוואָרפן איבער גאָר דער ערד.
די גערטנער שטייען אָפן. יעדע זשערד אָוועקגענומען
און אויף די הפקר־בייטן טרעטן בהמות, פערד.
חזירים קומען איינציקווייז באַרג אַראָפּ פון דאָרף,
מיט קליינע פּיסלעך לויפן זיי גיך־גיך.
און ריען מיט די שנוקעס אויף אַרום דער מיל די ערד,
און מישן אויס נאָך געל־פאַרוועלקטע גראָז מיט שוואַרצן טאָרף.
עס רירט זיך ניט קיין בלאַט. עס איז קלינגעריש אַזש שטיל.
די לופט אַליין הענגט אויף אַ סטרונע ציטערדיק און דין.
דעם זומערס אַלע שאַלן קומען אויפן זין.
עס ווערט אומעטיק די איינוואוינער פון מיל.

שפּאַלן

אַ זומערדיקער שבת אינדערפֿרי,
דאָס גראָז איז נאַס פֿון טוי.
אויפֿן טײַך דער זונס רויטער גלי,
די וואַנט פֿון שטוב — שאָטנדיק־בלוי.

ייִדן האָבן געצויגן צום מנין אין מיל,
טיכלעך, ווי גאַרטלען, אויף לענדן פֿאַרקניפּט.
אַרום און אַרום אַזוי אויסגערוט־שטיל,
די זון האָט פֿון כוואַליע צו כוואַליע געהיפּט.

שפּאַלן זײַנען געלעגן אָנגעהויפֿט הויך,
אויף שפּאַלן דער פּעך — האַרטער בורשטין.
פֿון גראָז איז געגאַנגען אַ גרינגער רויך,
צווישן גראָזן אַ וואָרעם, לאַנג און דין.

און אין דער טאָג־לופֿט, בלוי און ריין,
האָבן דאָוונערס געגאָסן רו,
ווי וואַסער, לויפֿנדיק איבער שטיין,
און ווי אַ מויער־קעפּל, ווען מען הערט זיך צו.

— — — — — — — — — — — — —

די שכנים גייען אַהיים צוריק,
עס הערט זיך זייער גערייד אויפֿן בריק.
די זון האָט דעם טוי ביזן גרונט אויסגעשעפּט.
דער וואָרעם האָט זיך ביזן דריטן שפּאַל דערשלעפּט.

איך נעם אַרום ...

איך נעם אַרום מיט מײַנע הענט
די מיל, די שטוב מיט אַלע ווענט.

ווי גרויס עס איז די גרעבליעס צאָל —
איך צייל זיי איבער אויף איין מאָל.

און מיל־שטיין, וואַסער־ראָד און וואַל,
און אונטערן ראָד דער וואַסער־פאַל,

און הילך אויף ברעטער פון פערדס טריט —
ווי נאָענט זיי זיינען פאַר מיין געמיט.

איך בין געוועזן אַ גרויסער העלד
פאַר ריטלעך ביים טייך, פאַר גראָזן אין פעלד.

זיי האָבן געציטערט פאַר מיין טראָט —
נאָר ביט אַזוי די גרויסע שטאָט.

וואָס איז קעגן האָדסאָן אין פאַרגלייך
מיין שמאָלער זשוכאָוויצער טייך?

וואָס איז מיין טשאַיקע, די הילצערנע ראָם,
אַנטקעגן דעם אָקרענט אויפן ים?

און וואָס זיינען די אַלע געווערק אין מיין מיל
אַנטקעגן פאַבריק? — אַ קינדער־שפּיל!

און וואָס איז מיין ליד, אַפילו בוך? —
אַ שטויבל אונטער אַ ריזיקן שוך.

אינהאַלט

אַרום מיל

שניי

דער טייך שטעלט זיך 7
דער ערשטער שניי 8
זאַווייע 8
פלעקן 9
עך, מאַראַז 9
אַ צלם ביים וועג 10
אַ ווייטער דערפל 10
עס גייט אַ שניי 11

צווישן דאָרף און שטאָט

אויף די ברייטע וועגן 12
דער גרינער זומער 12
דער עקאָנאָם 14
אַ מאַרק 14
אַ רעגן גיסט 20
ווי נאָך אַ חתונה 20
אין חודש מערץ 21

נעכט

אַ נייער טאָג 22
איז אַ שטערן אויפגעגאַנגען ... 23
אויבן לויפט אַ שמאָלע סטעזשקע 23
פאַלן דאָס הימלען צוזאַמען ... 24
בייטשן קנאַלן, צווייגן פאַלן ... 24
מאַדנע — אַ פינצטערע 24
דו האָסט די שנירלעך 25
מיין ניט, איך וועל דיך פאַרגעסן. 25
אויבן איז דער צוג 25

דו ביזט געזעסן

דו ביזט געזעסן ביי מיין זייט .. 26
אַ קילע נאַכט 26
איך בין אין גאַס 27
בין דריי מאָל 28
צוויי לאַנגע נעכט 28
אַ גאַנצן מעת־לעת 28
קען איך ניט דיין מלך 29

געשלאָגן האָט מיין האַרץ 29
דיין טיר האָט אַ שלאָס 29
איך אַן אורח 30
האָסט גוטע מינוטן 30
וואָס האָט מיך געצויגן ? 30
רייס די שפּינדל ניט 31

ווייל איך וויל רוען

היובן טרעפן, קרומע טרעפן ... 31
איך קום צו דיר 32
פון דעם ברענענדיקן טאָג 32
באַלד וועט זיך די זון 33
דער טראַן איז גרייט 33

גלייך ווי אַ פויגל

גלייך ווי אַ פויגל 34
און איז אין מיין האַרצן 34
מיין גאַנצע שטוב 35
געליען האָט דער שניי 36
אַ דורכגייער האָט דאָ גערוט 36
אַ שליח וועט היינט 37
איך האָב דיך מיין אוצר 37
איך האָב דיך ליב 37
טויזנט מענטשן 38
אויגן ניט צו מיר געווענדט 38
איך האָב זיך אין האַרצן 39
אַט ערשט געווען 39
דער גאַנצער קריג 39
און האָסטו מיך נאָך ליב 40
דער פייער ברענט 40
אַמאָליקע פריידן ניט וועק 41
איך האָב געדולד 41

פון אונדזער ליבע

איך ליג אַן שלאָף 42
אַ פייער פון גאָט 42
דעם לעצטן חלום האָסטו 43
דערמאָנסטו מיך נאָך ווען ? 43
פון אונדזער ליבע 44

אויף גאָטס באַראָט

מיינע ימ'ען

אויף גאָטס באַראָט 47
מיין שטעקן האָב איך 47

מיינע ימ'ען זיינען שטילע 48
זינגט מיין לייב 48
איך בין ניט רייך 49
אַזויפיל מאָל 49

אויף יעדן טאָג 50
מיין גאָט, מיין גאָט 50
איך בויג מיין קאָפּ 50

דער תנא זאָגט

דער תנא זאָגט 51
די סומע פוןליידן 51
אַ שינדל, אַ פענצטער 52
איבער זיי פון זאַמד 52
די צייט איז קורץ 53
נאַריש, מיט צעפרוירענע פינגער. 53
בויט זיך אַ ריזיקער בנין 54
אַ פולע טעג 54
ניט טרוי דעם אומגליק 55
פאַרשליס דעם ווייטיק 55
ווער ווייס, אפשר טראַכטן 56
דעם צדיקס וועגן 56

נאָך דאַנקען גאָט

נאָך דאַנקען גאָט 57
דו גרויסער קעניג 57
נאָר אויב מיין שיף 58
שבת, יום־טוב און ראש־חודש .. 58
איך ווייס, דאָס איז 59
אין חלום נאָך 59

אינקאָגניטאָ

איך גיי אין וועג 60
איך האָב געפרעגט 60
ער האָט מיין נאַקן 60
כ'בין אַ קעניג 61
יעדן טאָג, אַ שעה פאַראַנען ... 61
איר שלוחים פון אַ קאַלטן 62
ניט קיין טאַטע, ניט קיין מאַמע.. 62

אין געפאַנגענשאַפט

געפאַנגענע זיינען מיר 63
ווערט פון שעה די תפיסה 63
כ'האָב ראָזיקע וואָלקנס 64

פון איינעמס לידער

ענגע וועגן 56
פון קאָפּ די שיכרות 64
און קיינער גייט 65
עס קלינגען סערפּ און קאָסע ... 66
איך בין געזעסן 66
דאָס פעלד וואָס איך האָב 68

דער מענטש דער שטיין

די מאַנאַשקע 69
ווערלענ'ס קעניגרייך 69
דער לעצטער פערדינאַנד 70
פאָליקראַטוס 72
דריי וואונטשן 73
אין קאַפע 73
אַ גאַנצן טאָג 74
ניט־געבונדענע פערזן 75
איך מוז און וועל אַוועקגיין 77
פאַר אייך די פופציק 78
פון מיין קוואַל 78
צום טיש, צום טיש 79
פון זעקסטן שטאָק 79
זי שטייט אויף זייגער ביין 80
אַ זון־שטראַל פון שלאָף 80
אין לייברערי 81
אַ בוך אין האַנט 81
צום שטערן נויד 82
דער לייב — פון בראָנזע 83
מיין אָסיען־זון 83
דאָס בלוט איז פון זיין האַרץ .. 84
און ווען דער שווייגנדיקער ... 84
וואָס טו איך, גאָט 85
דער האָט אַ גדר 85
אַזוי ווי ער 86
פרוי ווינטער איז נעכטן 86
ניט זאָג: צו אונדז 87
נעענטער צו דיר 88
מען זאָגט, אַז אין די לעצטע ... 88
דער גאָט, וואָס האָט 89
ווייל איך האָב קיינמאָל 89
די אַרבעט־וואָך ציט אָפּ 90
פערציק כמאַרעס קלייבן זיך ... 90
וואונדערלעכע לענדער 91

האַפיז

האַפיזס ליד אויף יעדנס ליפּן .. 91
פאַרזיגל, סאַקי, ניט די פאַס ... 93
וואָס מאַכט עס אויס 93
האַפיז, האַפיג ווידערהאָלט זיך .. 94
מיטן ווייַן אין שענק 94
האַפיז האָט ניט צו באַצאָלן 95
און ווידער האָט אַ רויז 95
וואו איז האַפיז 96
אָ, האַפיז ווייס, אַז ווייַן 96
ווען איך דערמאָן דיין נאָמען ... 96
אָ, שיראַז'ס בלום 97
ווי דו האָסט האַפיזן 97
פון שיראַז איז האַפיז 98
סאַקי האָט אַ וויץ 98
סאַקי מאַכט פון קונדן 99
זאָרג זיך ניט, סאַהיד 99

האַפּיז פליט אויף ברייטע פליגלען 100
דו זיצסט אין ווייַן־הויז 101
אויף אַלטע יאָרן האַפּיז האָט .. 101
ווער וויל מיין נשמה האָבן ? ... 102
ניט פיל איז האַפּיזן געבליבן .. 103
געליבטע, האַפּיז איז קיין עושר. 103

ווי פאַר די אויגן

ווי פאַר די אויגן 107
דער חודש מערץ 107
דער הימל — ב׳וי 108
אין אַ בלויער זומער־נאַכט 109
גאָר אַ קליינינקע שטעטעלע ... 109
וואַסער־פּליעסק 110
כ׳ווייס ניט 111
אַ דערינערונג 111
מיין מאַמע 112
זשוכאָוויץ — בראָדוויי 114

אונדזער היים ביי גאָט

אונדזער לעבן איז אַ שמאָלער .. 115
און איצטער, צו די שפּעטע יאָרן 116
איך וואָלט געוואָלט 116
אין פאַרנאַכטן 117
סוף־זומער דאָרן 117
ווי גוט עס איז צו שטיין אין
וואַלד 118
דער מענטש איז צו אַ מלך 118
אַ וואָרט. אַ שטערן ליגט 119
נידעריק בויג איך מיין קאָפּ 119
מיר דאַכט זיך יעדן אינדערפרי . 120

פיר זוניקע טריט

איך דאַרף ניט 121
אַ שפּעטער עפּל 121
זון אין מערב זעצט זיך 122
פאַראַן אַזעלכע לידער 123
זאָל דיין פערז זיין 123
זיסער פון די זיסטע סמ׳ען 124
עס ווילט זיך מיר שרייבן 124
ניט קיין ווייַן, ניט קיין 125
איך דאַרף נאָך קנאַפּער 126
עס דוכט זיך מיר 126
עס קאָן זיין, אין לעצטע טעג .. 126
אַ שטיין 127
אַן אַמאָליקער חדר 128
פאַרגאַפּט 128
לײַדיקע בלעטער 129
מיין גאָט אַ יתום פון גאַס 130
דאָס לעצטע ליד 131

אַלערליי פריידן

אַלערליי פריידן פאַראַן 132
איך גיי אַרום אַרום מיין גאָט .. 132
איך האָב ביי אַ דיכטער געלייענט 133
לערן זיך פון דער לבנה 134
אַ מענטש מוז האָבן אַן אַנדער זון 134
די שעה 135
איך וויל אייך דערציילן 135

אַן אַמאָליקע ליבע

דאָס קלייד אויף דיינע לענדן ... 137
ביסט ניט געווען פאַר מיר 137
די געוויינטלעכסטע פון פרויען . 138

דאָס ווייסע בעט

די גרויסע פרייד 139
די שרעק פון טויט 139
נאָך קיינמאָל האָב איך ניט 140
טוי. שפּעטער אָוונט 141

פּאָעטן

איך ווייס די גוטע, אַלטע 142
מיר גנבענען זיך אָפּ 142
דער פויגל דאַרף זיין 143
מיר האָבן אַזעלכע פּראָסטע
געזיכטער 144
מיר זיינען צוויי 144
אַ טאָג יאָגט אָן 145
מאָרגן דאַרף איך גיין 145
פאַר זיך. עס גייט אַמאָל אויף מיר 146
עמילי דיקינסאָנס לידער 146
מיר בויען אונדזער אייגענעם הויז 147
דו שלעפּסט דיין ליד 148
שכנים 148
איך גיי אים אַרויס אַנטקעגן ... 150
מאַני־לייב׳ן 151

אַ פענצטער צו דרום

ווי שטילער וואַסער

איך בין אָנגעקומען 155
אינדערהיים 155
פון פענצטער 156
ברויט פון קעשענע 157
דער פאַרלאָזענער בריק 157

די גרעבליע ... 158
רו. דער הייסער טאָג ... 159
פּאַרנאַכטיקע גאָלד ... 159
זונטיק ... 160
אַ פרימאָרגן ... 160
פון דאַוונען ... 161
אַ נייער שניי ... 162

פּאַדסוויעט

דאָס גייט די לבנה ... 163
די אודע ... 164
די סעטקע ... 165
דער אָשץ ... 167
שרעק ... 168
די קרעניצע ... 170
דאָס שטיבל ... 171
אַ בורע ... 172
דער שיווער הונט ... 173
ענטלעך ... 174
בהמות ... 175
דער רויטער ... 176
מואב׳ס טעכטער ... 177
וואוהין און פון וואַנען ... 178
העקערס ... 179

גאָט פון אברהם

ווי גאָט האָט אברהמען ... 181
אַ פרעמדער שייער ... 182
מעשה בראשית ... 182
דאָס קלייד ... 183
דער זייגער איז צען ... 184
אין פולן וואָגן היי ... 184

די שטוב

אַ ווינטער־באַגינען ... 186
שבת. ווי נאָך אַ מאַרק ... 186
אַליין ... 187
קריג ... 188
יאָן ... 189
צו זעכצן יאָר ... 190
אַ פלעק ... 191

אַ געשטאַלט

געקומען פון אַ חתונה ... 194
ביים לייענען אַ ראָמאַן ... 195
אַ געשטאַלט ... 196
אין שפּעטן אָוונט ... 198
אין ראָטשילדס הויף ... 200
איך און מיין שותף ... 202
דער נסיון פון שטיקל ברויט ... 203

ריווערסייד דרייוו

שווער זיך אויפצוהויבן ... 205
אַ ריטל ... 206
דער „גאָר" ... 206
היי ... 207
גרויער געוואַנט ... 207
מיין ערד ... 208
ווען דער נאַר ווערט קלוג ... 209
די משא ... 209
אונדזער גאָטעלע ... 210
דער ערשטער פּאַפּיראָס ... 211
מיין טאַטע ... 212
מיינע געדאַנקען גייען אַהיים ... 212

גרויסע טעג

פּאַליעס שלאָגן ... 214
אַ נייע פּאָר מילשטיינער ... 216
לייזער דער שמיד ... 218
די פּאַוואָדקע ... 221
די שרפה ... 223
אַ יאַריד ... 227
אַ נייער בריק ... 230

אויף אַ קוואַרטיר

דעכער באַלאָדן מיט שניי ... 232
דעם פּריצ׳ס טעכטער ... 233
איטקע לעווינס מויער ... 234
אַן ערן־וואָך ... 235
ווייס און רויט ... 236
פּאַדראַסטקעס ... 237
פרעמדע ווערטער ... 239
ביי דער סטאַנציע ... 240
ביי אַרע מאַראַנקער צו גאַסט ... 241
פּאַרליבט ... 242
טורעץ ... 244
אַלע קאַלירן ... 244
אין אַ שבת בייטאָג ... 246
וועגן ... 247
אין אַן ענגער שטוב ... 249
אורחים אויף שבת ... 251
סוף זומער ... 252
די וויספּע ... 253
ווי אַ שלאָס צו אַ טיר ... 253
אָסיען ... 254
שפּאַלן ... 255
איך נעם אָרום ... 256